STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03208

OYFN SHLYAKH FUN LEBN

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ספעקטאָר

אויפן שליאַך פון לעבן

ראָמאַן

פארלאג „אחיספר",
ביי געז. „צענטראל",
ווארשע, נאָוואָליפקי 7.

Copyright by S. Sreberk New-York U. S. A. 1928

ZAKŁAD GRAFICZNY „STEREOTYP"
WARSZAWA, NOWOLIPKI 7.

PRINTED IN POLAND

אויפן שליאַך פון לעבן

Gift to the Workmen's Circle
Memory of Jacob Freedman
147 So. Wetherly Dr.
Los Angeles, Ca.

לאָכן הייסט נישט חוזק מאַכן,
לאַכן הייסט אַמאָל ביטער געוויינט.
(נאָכגעזאָגט פון א פראָסטן יידן)

פישקעמאַכער, ווישקעמאַכער און קישקעמאַכער.

די דריי פּאַרשוין זענען דריי באַווייבטע יונגעלייט, געוועזענע אַלטע בחורים. זיי וווינען אין דער שטאָט פּריבענדיוקע עד היום הזה — ביז דעמדאָזיקן טאָג, ווען איך הייב אָן צו שרייבן מיין דערציילונג.

אַלע דאָרטיקע יידן ווייסן, אַז די גאַנצע שטאָט שטייט אויף די דריי קעפּ, אַלע פריבענדיוקער קענען זיי, און זיי קענען גאַנץ פריבענדיוקע.

וואָס די דריי זאָגן, צעטראָגט מען עס איבער דער גאַנצער שטאָט גיכער ווי מיט טעלעגראַפן און טעלעפאָנען; די דריי פירן אַלע רעדלעך אין שטאָט. מיט איין וואָרט, זיי זענען אין פרי-בענדיוקע כל ולכניקעס און זיי אַליין ווייזט זיך אויס, אַז נישט נאָר פריבענדיוקע שטייט אויף זייערע קעפּ, נאָר אַלע יידישע שטעט מיט די יידן פון דער גאַנצער וועלט טראָגן זיי אויף זיך.

קענט איר אפשר מיינען, אַז צווישן די דריי גרויסע קעפּ איז גרויס אחדות, גרויס ליבשאַפט מיט שלום?

פּונקט פאַרקערט!

פון איינעם צום אַנדערן איז ווייט, ווי פון טאָג ביז נאַכט. פּ י ש ק ע מ אַ כ ע ר איז אַ „פּאַלעסטינעץ", ו ו י ש ק ע מ אַ כ ע ר — אַן „אַסימילאַטאָר" און ק י ש ק ע מ אַ כ ע ר איז „אַ גלאַט אַזוי", און טאַקע אַזוי פלעגט מען זיי רופן אין גאַנץ פריבענדיוקע פון איין עק בריק ביז דעם אַנדערן עק ראַגאַטקע.

— דער „פּאַלעסטינעץ" האָט געזאָגט.

— דער „אַסימילאַטאָר" האָט דערציילט.

— דער „גלאַט אַזוי" האָט גערעדט.

איך וועל אייך באַקענען מיט יעדן פאַרשוין באַזונדער.

I

דער פּאַלעסטינעץ.

כּייקל פּישקעמאַכער איז פון דער נאַטור געווען אַ געבוירע־נער קאַבּלעפּל, אָדער ווי מען זאָגט „אַ פּאַלאַניק", אָבער מיט אַ ווארעם גוט הארץ, וואָס פון גאַרנישט האָט עס זיך ביי אים געקאָנט אָנצינדן, ווי אַ העליש פייער. אַזאַ מענטש קען קיין עוולות נישט ליידן, יעדע זאַך אַרט אים, יעדע זאַך געפעלט אים נישט, און אפילו ווען עס געפעלט אים יאָ אין אָנהייב, ווערט עס אים באַלד נמאס.

טראַכטן טראַכט אַזאַ מענטש זייער אַ סך און בויט אַלעמאָל אַ נייעם פּלאַן, ווען דער אַלטער פּלאַן האָט אָנגעהייבן נמאס צו ווערן.

אַזוינע מענטשן קענען נישט לעבן רויק, אַ שטיל לעבן איז ביי זיי קיין לעבן נישט. זיי דאַרפן לעבן שטענדיק אין טאַראַראַם, אין גרויס געפילדער, דעמאָלט פילן זיי, אַז זיי לעבן אויך אויף דער וועלט.

אַזאַ מענטש, ווען ער איז אָרעם, הייסט ער ביי יידן: פּלאַפּלער, שטאָטשייגעץ, פוסטעפּאַסניק, פּאַלאַניק, קאַכלעפּל, פּריאַס־קעדריגע, טאַראַראַם, פּאַרטראָגענער מוח, פאַרשלעפּטע קרענק, צרה, שלאַק, כּל־בוניק, משולחת און אַ ביסעלע משוגעוואַטע.

ווען ער איז אָבער נישט אָרעם, הייסט ער ביי יידן: „אַ ווילער יונגערמאַן", „אַ געראָטענע זאַך", „אַ מענטש מיט אַלע מעלות", — ער טויג צו אַלץ, מען מעג אים שיקן אפילו קיין פּאַריז, וועט ער אויך נישט פאַרפאַלן ווערן. ער וועט שוין קענען געבן אַ ווייב ברויט. ער מעג אפילו רעדן מיטן קייזער, ער קען זיין צווישן מענטשן, ער טויג צו גאָט און צו לייט. מיט אַ חסיד איז ער אַ חסיד, מיט אַן אַריסטאָקראַט — אַן אַריסטאָקראַט, מיט אַ דייטש — אַ דייטש און מיט אַ גוי וועט ער אויך נישט פאַרשעמט ווערן.

ביי יידישע מיידלעך הייסן אַזוינע יונגעלייט „העלדן". זיי פירן שטענדיק מיט זיי ליבעס, נאָר עס ווערט צווישן זיי קיינמאָל נישט קיין שידוך.

סוף כל סוף האָט זי חתונה פאַר אַ קאַלטער נשמה און די העלדן, די הייסע נשמות, זוכן זיך ווייטער נייע כלות.

כייקל פישקעמאַכער איז נישט געווען קיין אָרעמער. ער האָט געשטאַמט פון באַלעבאַטישע פרומע עלטערן, וואָס זענען אפילו געווען נישט רייך, אָבער חיונה האָט קיינמאָל נישט געפעלט.

טאַטע-מאַמע האָבן געהאָרעוועט און מען האָט אים דערצויגן ווי מען דערציט אַ געוויינלעך יידיש ייִנגל: אויסגעהאַלטן ביי מלמדים, דערנאָך געלערנט אין קלויז, געוווסט פון וואַשן, בענטשן, לייענען קריאת שמע, געוווסט פון שבת, יום-טוב און אַלץ, וואָס עס געהער צו אַ יידיש קינד, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ יידיש הויז ביי יידישע עלטערן.

זיין מוטער פלעגט זיך אויף כייקלען קלאָגן נאָך דעמאָלט, ווען ער איז, ווי אַ שטעפּעלע, געלעגן געבונדן און געפענטעט אין דער מאַמעס ווינדעלעך מיט וויקלשנורן. נאָך דעמאָלט פלעגט זי זאָגן אויף אים:

— דאָס וואַקסט גאָרנישט קיין קינד, דאָס וואַקסט אַ שפּירט, אַ ברען... נאָר ער שרייט און רייסט זיך, לאָזט נישט שלאָפן און לאָזט נישט רוען טאַטע-מאַמע...

שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, ווען ער איז שוין געגאַנגען אין חדר און געשפּילט זיך מיט קינדער, האָט זי זיך אויך געקלאָגט:

— איך זאָג אָבער שטענדיק, אַז ער וואַקסט אַ שפּירט. עס פעלט נישט דער טאָג, ער זאָל נישט אַנטלויפן פון חדר... שפּילט ער זיך מיט די קינדער, מוז ער קומען אַהיים מיט אַ צעשלאָגענער נאָז, מאָרגן מיט אַ צעקאַליעטשעטן פינגער, איבערמאָרגן מיט אַן אויס-געריסענער פאה... עס פעלט נישט אַ טאָג, ער זאָל נישט קומען אַהיים מיט אַ צרה: היינט אַ לאַצקינע אָפּגעריסן, מאָרגן אַ האַלבער אָרבל פון דעם קאַפּאָטקעלע, איבערמאָרגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם דאַשיק... און ערשט דערנאָך פּאַקן אַריין צו מיר אין שטוב מאַמעס מיט געשרייען, אַז מיין כייקעלע האָט געשלאָגן פרעמדע קינדער... און ער, וויפל איך זאָל אים נישט שלאָגן פאַר אַזוינע זאַכן, איז ער שטענדיק נישט שולדיק... שטענדיק איז ער גערעכט און יענער איז שולדיק! שלאָג איך אים אַזוי לאַנג, ביז ער זאָגט צו, אַז ער וועט שוין זיין גוט און פרום און קיינעם נישט טשעפּען. אין אַ טאָג אַרום אָבער טוט ער ווידער דאָס זייניקע...

אזוי פלעגט זיך אַלץ זיין מאַמע קלאָגן און דער טאַטע ויינער פלעגט זי טרייסטן:

— נישקשה, אַ ווייסער-חברהניק אַ יינגל האָט צלעמאָל אַ גוט קעפּל און קען לערנען.

נאָך יינגלווייז האָט זיך אין אים אַרויסגעוויזן דער טאַ־לאַנט צו זיין אַ כל-ולכניק.

שמחת-תורה, ווען די יינגלעך האָבן זיך צענויפגענומען אין שול און געשריגן: „ציגעלע-ציגעלע מע״!—ווער האָט געשריגן העכער פון אַלע? — כייקל! ביי וועמען איז געווען דער לענגסטער שטעקן צו דער פאָן? — ביי כייקלען! — חנוכה, ווען מען האָט געשפּילט אין חדר אין קוויטלעך, ווער האָט געהאַלטן די באַנק? — כייקל! ערב פסח, ווען דער רבי האָט געבאַקן די „מצה שמורה״, ווער האָט צווישן די העלפערס פאַרנומען די שענסטע „רעדלער״-שטעלע? — כייקל!

צו דרייצן יאָר, ווען ער האָט שוין אָנגעהייבן טראַכטן, ווי אַ שטיקעלע מענטש און אַ ביסל ערנסטער גענומען קוקן אויף אַלץ, איז ער שוין מיט אַ סך זאַכן נישט געווען צופרידן און איז געווען אָנגעפּאַקט מיט טענות.

ער האָט געטראַכט:

— טאַטע-מאַמע קלאָגן זיך, אַז פון קינדווייז אָן בין איך אַ שפּירט, אַ ווייסער-חברהניק, אַ שייגעץ אַ יינגל און מאַך זיי תמיד נאָר אָן צרות און זיי האָבן פון מיר בזיונות... וואָס בין איך שולדיק, אַז איך פלעג אַנטלויפן פון חדר, ווייל דער באַהעלפער פלעגט מיר געבן סטוסאַקעס אומזיסט, ווייל ער האָט ליב געהאַט אַזוי צו שלאָגן יינגלעך? און וואָס בין איך שולדיק, אַז ווען איך פלעג זיך שפּילן מיט קינדער, פלעג איך קומען אַהיים אַ צעהרגעטער און יענער יינגל האָט אויך באַקומען אַ קלאַפּ? נאָך וואָס האָט ער זיך געדרייט פאַר די פיס, אַז מען דאַרף נישט? אַז ער קען זיך נישט שפּילן און טשעפּעט זיך נאָך צו מיר, האָב איך אים אָוועקגעשטויסן, האָט ער מיך, האָב איך אים... בין איך שולדיק, וואָס איך שמעלץ אין חדר די ליכט ביינאַכט, עס זאָל נישט ברענען טונקל, אַז די אויגן קריכן אַרויס? אוודאי, ווען מען זאָל מיך אַזוי האַלטן און לערנען, ווי יאַנקלען (ווישקעמאַכערס אַ יינגל), וואָלט איך אויך אַזוי געווען אַ שטיל פיין יינגל. וואָס בין איך אָבער שולדיק?

פון דרייצן יאָר אָן האָט ער באַקומען חשק צו לערנען און צו וויסן אַזוינע זאַכן, וואָס זיין טאַטע-מאַמע האָבן נישט געוואָלט. זיי האָבן אים אָבער שטאַרק נישט געשטערט. ווי זאָגט מען, פאַרט אַ קינד אין דער היינטיקער וועלט, עס שאַדט נישט צו קענען שרייבן און וויסן אַ ביסעלע פון וועלטלעכע זאַכן אויך, גאָט וועט מוחל זיין. וואָס דען קען מען טאָן מיט די היינטיקע קינדער, אַז זיי פאַרגלוסט זיך עפּעס?

וואָס מער אָבער ער האָט געלייענט ביכלעך, אַלץ מער און מער איז ער אָנגעפילט געוואָרן מיט טענות און פּרעטענזיעס צו זיינע עלטערן, אַז זיי האָבן אים נישט דערצויגן, ווי מען דאַרף דערציִען קינדער. יאַנקל דעםווישקעמאַכערס האָט מען בעסער דערצויגן. און וואָס ער איז עלטער געוואָרן און זיך מער באַקאַנט מיט דער וועלט, אַלץ מער האָט ער אויסגעפונען חסרונות אין דעם גאַנצן יידישן לעבן, און געטענהט:

— סטייטש! געוואַלד! אין אַזא ליכטיקן ניינצעטן יאָרהונדערט, ווען די זון שיינט צווישן אַלע פעלקער, איז נאָר צווישן יידן אַזאַ פינסטערניש... אַלע יידישע לאַדן זענען נאָך צוגעמאַכט... יידן זענען פאַנאַטיש, פאַרפירט... זיי לעבן אין גרויס פינסטערניש, זיי פירן מיאוסע פרנסות, שאַכער-מאַכער, זענען שענקאַרעס, מאַכן לופט-געשעפטלעך, מסחרימלעך...

און אַן אומרויִקער פלעגט ער ווייטער טראַכטן:

— אָבער ווען יידן זאָלן זיך פירן ווי עס דאַרף צו זיין, אַוועקוואַרפן זייערע מיאוסע מנהגים, אַוועקוואַרפן די שעדלעכע פרנסות, זיך פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט, מיט מלאכה, מיט שווערער פיזישער אַרבעט, און זייערע אומגליקלעכע קינדער נישט דערשטיקן אין די ענגע חדרים, זיי בילדן, אַריינגעבן זיי אין גימנאַזיעס און שולן, אַז פון זיי זאָלן אויסוואַקסן דאָקטוירים, אינזשיניערן, קינסטלער, געלערנטע, אַז זיי זאָלן באַשיינען דאָס יידישע פאָלק און די גאַנצע וועלט — דעמאָלט וואָלטן אַלע איינגעזען, אַז עס איז צייט צו געבן יידן גלייכע מענטשלעכע רעכט און זיי וואָלטן אויפגעהערט זיך צו מוטשען און צו ליידן און פאַרשוואַרצט צו ווערן אויף דער וועלט.

ווען כייקל פלעגט דערפון טראַכטן, פלעגט אים דאָס בלוט איבערקאָכן פאַרוואָס יידן פירן זיך נישט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין און מאַכן זיך אַליין אומגליקלעך.

ווען ער פלעגט זיך פאַרנאַכט פאַרזיצן אין קלויז און הערן ווי יידן קלאָגן זיך, נעבעך, אויף דער שלעכטער לאַגע, אַז עס איז נישטאָ קיין פרנסה, אַז דעם יידן שטערט מען פון אַלע זייטן, פלעגט זיך כייקל אָנצינדן, ווי אַ העליש פייער, פאַרגעסן ווו ער איז, און אָנהייבן שרייען נישט מיט זיין קול:

— איר, איר קלאָגט זיך אויף דער שלעכטער יידישער לאַגע? ווער איז שולדיק, וואָס דאָס יידישע פאָלק ווערט אַזוי פאַרשוואַרצט און פאַרוואָגלט, אַז נישט איר אַליין מיט אייערע פרנסות, מיט אייער שלעכטע אויפפירונגען, מיט אייער פאַנאַטיזם, מיט אייערע חדרים? איבער אייך, און נאָר איבער אייך, ווערט פאַרשוואַרצט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. איר פירט זיך אַזוי, אַז מיר דאַרפן זיך שעמען פאַר אַלע פעלקער... די בילדונג שיינט שוין אומעטום אויף אַלע פעלקער און נאָר איר ליגט נאָך אין דער פינסטערניש... אוי, אומגליקלעך בלינד פאָלק! אַפילו אונדז, דאָס ביסעלע יידן, וואָס מיר האָבן אויפגעמאַכט נאָך דעם לאַנגן שלאָף אונדזערע ליכטיקע אויגן און אָנגעהייבן שעפּן ווי די דאָרשטיקע פון דעם טייערן ברונען ציווי-ליזאַציע, גיט מען אויך נישט קיין מענטשלעכע רעכט איבער אייך! ווען איר זאָלט אָבער אַוועקוואַרפן אייערע וויסטע פרנסות, אייער פאַנאַטיזם און נעמען בויען פאַבריקן, ווערן ערדאַרבעטער, באַאַר-בעטן די טייערע מוטער-ערד, בילדן אייערע קינדער, וואָלט גאָר אַנדערש זיין. עס איז שוין צייט! עס איז שוין צייט! דער זייגער האָט שוין געשלאָגן, די ווייזער האָבן שוין אָנגעוויזן אויפן ציפערבלאַט פון דעם נייַנצעטן יאָרהונדערט, אַז די אַלע לאָדן זאָלן זיך שוין ביי אונדז, יידן, אויך אויפעפענען און עס זאָל ווערן ליכטיק אין די יידישע טירן, אין אַלע שפּאַלטן און ווינקעלעך, עס איז שוין צייט.

און כדי ווייזן מיט פאַקטן, אַז ער גיט אָן דעם רעכטן וועג, האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון בוזעם אַ גרויסן פּאַק מיט צייטונגען, וועלכע ער האָט אויסגעשריבן פאַר עטלעכע רובל אַ יאָר, און האַלטנדיק זיי אין דער רעכטער האַנט און טייטלענדיק אין זיי מיט דעם פינגער פון דער לינקער האַנט, האָט ער זיי גענומען וואַרפן אין דער לופטן מיט אַזאַ זיכערקייט און גרויסקייט, פונקט ווי דער העלד, וואָס נעמט איין אַ מלחמה און פלאַטערט מיט דער פאָן, וואָס ער האָט אַוועקגענומען ביים שונא.

— אַט הערט, וואָס מיר רעדן צו אייך! הערט נאָר אַליין!.. נאָר איר, פינסטער פאַנאַטיש פאָלק, איר הערט דען! אייערע אויערן ווילן דען פאַרנעמען אונדזערע רייד? באַלד זאָגט איר, אַז מיר זענען אַפּיקורסים, דייטשן, גויים, נישט קיין יידן, מיר שפּעטן פון פרומע און ערלעכע יידן... אוי, איר פאַרפינסטערט פאַנאַטיש פאָלק, אייערע אויערן זענען אייך פאַרשטאָפּט, אייערע אויגן זענען אייך פאַרקלעבט און איר ווילט גאָרנישט פאַרשטיין, אַז מיר זענען די אמתע יידן און אין אונדז, וועלכע איר רופט אָן אַפּיקורסים, ברענט דער אמתער פונק, דאָס פּינטעלע ייד און מיר האָבן אייך אַלע ליב, ווי אונדזערע ברידער... אונדזער האַרץ רייסט און קלעמט אונדז דערויף, ווי איר, אונדזערע ברידער, גייען אַלעמאָל טיפער און טיפער אין דער בלאָטע פון פאַנאַטיזם... מוסרן מיר אייך אין די צייטונגען און אין די ביכער, און זאָגן אייך, איר זאָלט זיך בילדן, איר זאָלט ווערן בעלי-מלאכות, איר זאָלט ווערן מענטשן... מיר זענען אייערע פאָלקסלערער, מיר האָבן אייך ליב, און דעריבער שרייען מיר אויף אייך, ווי געטרייע עלטערן אויף זייערע ליבע קינדער. און איר? — איר, אומגליקלעכע שטומע שעפּעלעך, פאַרשטייט דאָס נישט און מיינט, אַז מיר ווילן אייך טאָן שלעכטס... איר רופט אונדז אָן „אַפּיקורסים", „דייטשן", „בערלינער"... אוי, איר אומגליקלעך בלינד פאָלק — טייערע ברידער! עס איז שוין צייט — די לאָד...

עס פאַרשטייט זיך, אַז איידער כייקל האָט נאָך געענדיקט, האָט מען אים מכבד געווען מיט אַ פּאָר פיינע פּעטש און מען האָט אים צוזאַמען מיט די צייטונגען אַרויסגעוואָרפן פון קלויז אויף צען שפּענדלעך און אים באַגלייט מיט אַ גרויס געלעכטער...

נאָר כייקל איז ביי זיך גאָרנישט אַראָפּגעפאַלן. פאַרקערט, ווי ביי אַ גרויסן העלד, האָט זיך אין אים דערוועקט נאָכמער שטאַרקייט. ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אומגליקלעכן, וואָס קומט אום אויף קידוש השם דורכן פאַנאַטיזם פון זיינע ליבע ברידער, וואָס בלאָנ-דזשען, נעבעך, אַרום, ווי בלינדע שעפּעלעך.

פאַר קיין שום פּעטש מיט קולאַקעס, מיט שטעקנס האָט ער זיך נישט געשראָקן און ווו ער האָט זיך געפונען, האָט ער געשריגן אויף דעם פאַנאַטיזם און געדרשנט וועגן דער ליכטיקער בילדונג פון דעם ניינצעטן יאָרהונדערט.

ער האָט אָבער נישט בלויז געשריגן און גערעדט — ער האָט אויך געטאָן: צו אים איז צוגעשטאַנען אַ גאַנצע חברה יונגעלייט.

די חברה האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „חברה משכּילים" און די שטאָט האָט זיי גערופן „חברה אפּיקורסים" און „חברה הולטאַיעס".

די חברה האָט געמאַכט אַ ביבליאָטעק. מען האָט זיך אָנגעהייבן איבערשרייבן וועגן בילדונג מיט דער חברה „מפיצי השכּלה" און מיט אַלע גרויסע לייט אין די גרויסע שטעט, וואָס זענען שוין לאַנג געקומען צום אמתן גרונד פון בילדונג; האָט מען זיי פון דער חברה „מפיצי השכּלה" געשיקט אומזיסט צייטונגען און ביכער, און אַלע צייטונגען האָבן נישט אויפגעהערט צו לויבן די שטאָט פּריבענדיווקע מיט אירע משכּילים.

פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך האָט מען אָנגעהייבן פּילדערן יעדער אויף זיין שטעטל, אויף די פאַנאַטיקער מיט זייערע פאַרמאַכטע לאָדן, וואָס קיין שפּאַלט שיין שטראַלט נישט אַריין אַהין, און אָנגעוויזן אויף דער טייערער שטאָט פּריבענדיווקע, ווי אויף אַ לאָמטערנע און אויף איר „חברה משכּילים", ווי אויף ליכט, וואָס שיינען איבער דער גאַנצער וועלט.

— זאָל מען ביי אונדז, זאָלן אונדזערע שטאָט-באַלעבאַטים אויך מאַכן אַ ביבליאָטעק, אויך איינפירן אַזוינע גוטע זאַכן, ווי אין פּריבענדיווקע! — האָט יערער געשריגן אין די יידישע צייטונגען אויף זיין שטעטל.

אַ סך שטעט און שטעטלעך האָבן טאַקע נאָכגעטאָן פּריבענדיווקע.

און די ליכטיקע זון האָט אָנגעהייבן שיינען איבער אַלע יידישע שטעט, און אַלע לאָדן פון די יידישע הייזער האָבן זיך אויפגעמאַכט!..

* * *

אין אַ קליינער צייט איז אין דער שטאָט פּריבענדיוווקע (נאַטירלעך, אויך אין אַלע אַנדערע יידישע שטעט) געוואָרן אַן איבערקערעניש: אויף די יידישע גאַסן גייען אַרום יידישע קינדער און מען רעדט אום שבת רוסיש. מען גייט מיט אונטערגעהאַקטע קאַפּאַטעס און פּיאות און מען טראָגט ווייסע מאַנישקעס מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן.

טאַטע-מאַמע שרייען, רייסן אויף זיך די האָר, מען רייסט קברים, מען פּילדערט ביים רבין, עס העלפט אָבער נישט!

יידישע יינגלעך, יידישע מיידלעך וואַרפן אַוועק זייער שטאָט, מען גנבעט זיך אַרויס פון די עלטערן, מען וואַרפט אַוועק די גאַנצע יידישקייט און מען לויפט, מען אַנטלויפט אין די גרויסע שטעט, אין די גימנאַזיעס, אין די שולן, אין די אוניווערזיטעטן.

יידישע יונגעלייט ווילן זיין דאָקטוירים, אינזשיניערן און יידישע מיידלעך ווילן זיין אַקושערקעס — יידישע מיידלעך ווילן שוין מער נישט קיין יידישע יונגעלייט פאַר מענער: זיי ווילן זיך אַליין מפרנס זיין.

טאַטע-מאַמע שרייען ווייטער, מען הערט נישט אויף צו רייסן אויף זיך די האָר, מען רייסט נאָכאַמאָל קברים, מען פּילדערט שטאַרקער ביים רבין, עס העלפט אָבער אַלץ נישט.

כייקל האָט זיך אָבער אויך אַרויסגעגנבעט און איז געלאָפן אין פאַרשידענע שטעט, ווו עס זענען דאָ גימנאַזיעס און שולן. אָבער אים איז, נעבעך, נישט געגאַנגען, ווייל ער איז שוין געווען אַריבער די יאָרן.

לויט זיינע יאָרן האָט מען אים געקענט נאָר צונעמען אין זיבעטן קלאַס. אַזאַ עקזאַמען איז אָבער געווען פאַר אים צו שווער.

ער האָט זיך אָנגעהייבן צוצוגרייטן. דערווייל האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס צו לעבן, זיינע עלטערן האָבן אים, נאַטירלעך, קיין געלט נישט געוואָלט שיקן.

נאָכדעם, ווי ער האָט אין אַ צוויי, דריי גימנאַזיעס געהאַלטן עקזאַמען צום זיבעטן קלאַס און מען האָט אים געענטפערט, אַז ער

דאַרף נאָך לערנען, האָט זיך כײקל באַטראַכט, אַז אַזוי איז קיין תכלית נישט. מען דאַרף די קאַריערע אַנדערש בויען.

כײקל איז געפאָרן צוריק אַהיים, אָבער דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער כײקל, אַ נייער כײקל.

מען רופט אים שוין נישט, ווי פריער, ביים נאָמען „כײקל״, נאָר ביי דעם פאַמיליענאָמען פישקעמאַכער אָדער יעפים אַבראַמאָוויטש.

ער ווייסט שוין אַ טעם פון קאָלבאַס, פון רויכערן ציגאַרן עפנטלעך אום שבת, ווער שמועסט שוין פון עסן אומגעדאַוונט, אומגעוואַשן, אָן בענטשן, נישט זיין אין אַ שול אַ גאַנץ יאָר, נישט וויסן, ווען עס איז שבת און יום-טוב, פאַרשטייט זיך, אויך מיט אַ געשאָרענער באָרד און געקליידט קורץ, ווי אַן עכטער דייטש.

זיינע עלטערן האָבן אים אַריינגענומען צוריק אין הויז, ווי אַ בעל-תשובה און געלויבט און געדאַנקט גאָט, וואָס זייער קינד האָט זיך באַטראַכט און איז געוואָרן צוריק אַ מענטש, איז נישט אַריין אין די „קלאַסן״ און וויל מער נישט שטודירן.

די חסידים האָבן אפילו כײקלס עלטערן געשטאָכן מיט ווערטלעך, אַז זייער זון איז געוואָרן אַ גאַנצער דייטש, אָבער די שדכנים פלעגן זיי טרייסטן.

— פאַרקערט, — פלעגן זיי זאָגן, — אייער כײקל איז אַ היינטוועלטיקער יונגערמאַן. עס זענען היינט דאָ אַזוינע כּלות, דווקא פון שיינע עלטערן, מיט אַ סך נדן, נאָר האָקט זיי און בראָקט זיי, ווילן זיי נאָר אַזאַ היינטוועלטיקן יונגנמאַן, ווי אייער כײקל...

זיינע עלטערן האָבן זיך באַרויִקט און האָבן באַקומען אַ גוט האַרץ צו זייער אַנטלאָפּענעם זון און זיין פאָטער מיט זיין מוטער פלעגן נישט איינמאָל וועגן דעם איבעררעדן צווישן זיך:

— מילא, וואָס קען מען טאָן מיט די היינטוועלטיקע קינדער... אָט זענען גאָר דאָ אַזוינע כּלות, וואָס ווילן נאָר אונדזער כײקלען... און באמת האָב איך טאַקע אַמאָל פאַרגעניגן פון אים. דאַרף איך אָנשרייבן אַ וועקסל, שרייבט עס מיר אָן כײקל און דער שרייבער פון דער אופּראַווע זאָגט, אַז עס איז אַן אַנטיק... דאַרף איך, ווידער, רעדן מיט דעם פּריסטאַוו, שיק איך כײקלען, טענהט ער זיך אויס מיט אים, ווי דער גרעסטער פּריץ...

אינדערהיים האָט זיך אָבער כײקל ווידער אָפּגעגעבן מיט זיינע

פריערדיקע געשעפטן, מיט דער שׂכּלה, מיט דער ביבליאָטעק, און ווי ער איז געקומען, האָט ער אַלץ געפונען חסרונות אין די פאַנאַטישע יידן.

איצט אָבער, זינט ער איז שוין געוואָרן אַ פאָלנער דייטש, פלעגט מען אים שוין נישט אַרויסוואַרפן פאַר זיין רעדן אויף דריי שפּענדלעך. די חסידים פלעגן אים גלאַט אַזוי הערן, ווי דעם פאַר-איאָריקן שניי און אים רופן אפּיקורוס.

יעפים אַבראַמאָוויטש פלעגט שוין נישט נאָר רעדן וועגן בילדונג, נאָר אויך צייטנווייז שרייבן וועגן אַ סך זאַכן אין פאַרשידענע יידישע צייטונגען.

הײנט פלעגט ער זידלען די חסידים, וואָס זענען אַזוי פאַנאַ-טיש מיט זייער רבין, מאָרגן דעם בעל-טאַקסע, ווייל ער כאָוועט אָרעמעלייט מיט ביינער פאַר פופצן קאָפּיקעס אַ פונט. איבערמאָרגן איז אים נישט געפעלן געוואָרן די אָרדענונג אין דער חברה-קדישא, אָדער אין הקדש...

„און סטייטש,"— האָט ער ווייטער געשריבן אין אַ קאָרעספּאָנ-דענץ—„פאַרוואָס זאָל אין אַזאַ יידישער שטאָט פריבענדיוווקע מיט אַזוינע גבירים נישט קיין גמילת-חסדים-חברה!"

אין איינוועגס האָט ער אָפּגעלויבט עפּעס אַ גבירישן איידעם, אַז ווען ער זאָל וועלן נעמען אויף זיך די „איניציאַטיווע" (דאָס וואָרט איז דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע ביי די יידישע קאָרעספּאָנדענטן), וואָלט אי אין הקדש, אי אין דער חברה-קדישא געווען אָרדענונג און אַ גמילת-חסדים-חברה וואָלט אויך געווען.

די אַלע „איניציאַטיוועס" האָט ער, נעבעך, אַרויפגעלייגט אויף דעם גבירישן איידעם דערפאַר, ווייל ער איז דורך דעם פּאָסטטרעגער געוווּיר געוואָרן, אַז דער גבירישער איידעם שרייבט אויס אַ צייטונג אויף אַ פערטל יאָר, פאַר איין רובל מסתּמא, איז ער שוין אַ מענטש אַ משׂכּל און איז גרייט צו אַרבעטן לטובת הכּלל, דאַרף מען אים נאָר דערמאַנען אין די צייטונגען.

לויבן אין די צייטונגען פלעגט ער נאָר די משׂכּילים, די ביבליאָטעק און דעם נייעם לערער, וואָס איז נישט לאַנג אַראָפּגע-קומען קיין פריבענדיוווקע. דער לערער האָט דערציילט, אַז ער איז אַ געוועזענער ראַבינער. אין די אַלטע נומערן „המגיד" זענען דאָ

זיינע קאָרעספּאָנדענציעס פון ווילנע און איינע אַ גאַנץ גרויסע, וואָס מען האָט אַפילו געמאַכט פאַר אַ לייטאַרטיקל.

דערצו, האָט ער דערציילט, אַז ער אַליין האָט נישט איינמאָל געהערט מיט די יידישע רעדאַקטאָרן און מחברים. ער פלעגט באַזוכן, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן ביי פאַנאַטישע עלטערן, און האָט זיך ערשט שפּעט אַרומגעקוקט אויף דער ציוויליזאַציע. דעריבער האָט ער נישט געקענט אַריין אין אוניווערזיטעט. ווען זיינע עלטערן, אַ שטייגער, וואָלטן נישט געווען קיין פאַנאַטיקער און אים לערנען פון דער יוגנט אָן, וואָלט פון אים אַרויסגעוואַקסן אַ גרויסער יידישער מחבר.

פונדעסטוועגן וואָלט ער נאָך אפשר דערגרייכט צו עפּעס, אָבער ער האָט זיך דווקא פאַרליבט אין אַ יונג שיין מיידל, וואָס האָט געשפּילט פּיאַנאָ, און זי אין אים אויך. האָט ער אָנגעשריבן אַ געדיכט צו איר געבורטסטאָג, אַזוי, אַז איר גאַנצער נאָמען איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין די ערשטע אותיות פון די שורות.

אָבער אירע פאַנאַטישע עלטערן האָבן געוואָלט זי חתונה מאַכן מיט אַ חסיד, איז ער מיט איר אַנטלאָפן. כאָטש ביידע זענען אָרעם און עלנט, האָבן זיי דאָך גליקלעך געלעבט. אירע עלטערן זענען אָבער באַלד נאָכגעלאָפן, אים אויסגעפּאַטשט, זי אַוועקגעפירט צום רבין, חתונה געמאַכט מיט אַ חסיד און ער איז קראַנק געוואָרן. איצט איז ער אַ לערער, ער גייט מיט לאַנגע האָר און מיט אַ קויטיקן קאָלנער.

אָבער נישט דאָס איז מען אייך אויסן.

מען וויל אייך דערציילן, אַז אָט דער לערער האָט געבראַכט אַ ניי וואָרט אין דער שטאָט פריבענדיוקע, און דאָס וואָרט האָט געהייסן „פּאַטערלאַנד”. אָט אין דעם וואָרט האָט זיך י ע פ י ם מיט אַלע משכילים אַזוי אָנגעכאַפּט, אַז עס איז זיי פון מויל נישט אַראָפּ. וווּ מען איז געגאַנגען, האָט מען אַלץ געהערט „פּאַטערלאַנד!”

יעפים מיט די משכילים האָבן זיך געוואַלדיק פאַרליבט אין דעם לערער דערפאַר, וואָס זיינס אַ קאָרעספּאָנדענצל האָט מען געדרוקט פאַר אַ לייטאַרטיקל און דערפאַר, וואָס ער האָט גערעדט מיט רעדאַקטאָרן און מחברים און דערפאַר, וואָס ער האָט געפירט אַ הייסע אמתע ליבע און נאָכמער פאַר דעם וואָרט „פּאַטערלאַנד”. זיי פלעגן אים פאַרגעטערן און האָבן געהאַלטן, אַז דער געוועזענער

ראַבינער איז אַ ליכטיקער שטערן, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין דער וויסטער פריבעגדיווקע. אך, ווען די וועלט זאָל וויסן פון דעמדאָזיקן שטערן!..

יעפים פלעגט אין זיינע קאָרעספּאָנדענציעס זיך שטענדיק אויס־דרייען אַזוי, אַז ער האָט געמוזט ענדיקן מיט דעם וואָרט „פּאָטער־לאַנד”. וואָס ער האָט נישט געשריבן, האָט זיך געמוזט ענדיקן מיט דעמדאָזיקן וואָרט.

נאָטירלעך, האָט מען יעפימען איבערגערעדט געגוג כּלות מיט אַ סך נדן, אָבער נאָך פיל קלויבן און בראַקירן האָט ער זיך פאַר־ליבט אין אַ יידיש מיידל, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן די עלטערן און זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן דעם „פּאָטערלאַנד”.

דאָס „פּאָטערלאַנד” איז געווען צווישן זיי דער בעסטער שדכן. זיי האָבן חתונה געהאַט און געאַרבעט מעשים פאַר דעם „פּאָטערלאַנד”.

נאָך פּלוצלונג איז געוואָרן אַ מלחמה צווישן דעם „פּאָטערלאַנדס” ברידערלעך מיט דעם טערק, דערנאָך צווישן דעם „פּאָטערלאַנד” אַליין מיט דעם טערק.

יעפימס יונגע ווייבל איז באַלד אַריין פאַר אַ „סעסטראַ” אין שפּיטאָל פון רויטן קרייץ און יעפים וואָלט שיעור נישט געווען אַוועק פאַר אַ „דאָבראָוואָלעץ” פאַר דעם פּאָטערלאַנדס ברידערלעך, ווען דאָס ווייבל זיינס וואָלט אים נישט געווען איבערגעלאָזט דאָס קינד, וואָס זי האָט נישט לאַנג געהאַט און ער האָט עס געמוזט ניאַנטשען, האָדעווען, צוואָגן און באָדן...

פונדעסטוועגן, ווען דאָס קינד פלעגט שלאָפן, פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן און צוזאַמען מיט אַ משכּיל דורכלויפן די שטאָט און מאַכן געלט פאַר די „פּאַראָכאָדן”, צוזאַמענגעשטעלט פון משכּילים־אַקטיאָרן און געשפּילט פאַר דעם רויטן קרייץ.

און יעפים מיט זיין וואַרעם רירנדיק האַרץ האָט געלעבט! דער קאָפּ דרייט זיך פאַר פרייד, מען טוט, מען זיצט נישט ליידיק, מען מאַכט ערע דעם יידנטום, מען איז ניצלעך דעם פּאָטערלאַנד!

און מיט גרויס פרייד פלעגט ער זיך טראַכטן:

„אָט נאָך, נאָך אַ ביסעלע, אונדזערע יידן זאָלן נאָר נישט וועלן זיין קיין פּאַנאַטיקער, אַוועקוואַרפן זייערע מיאוסע פּרנסות, זיך פירן ווי עס דאַרף צו זיין, בויען פאַבריקן, באַאַרבעטן די ערד, מאַכן האַנטווערקער-שולעס, וועט מען זיי האַלטן פאַר גלייכע מענטשן מיט אַלע! וואָרים וואָס? צווישן אונדז, יידן, זענען שוין דאָ געגוג געלערנטע, דאָקטוירים, אינזשיניערן, קינסטלער, רעדאַקטאָרן, מחברים, געבילדעטע יונגעלייט... משכּילים, וואָס מאַכן ערע דעם יידנטום און ברענגען נוצן דעם פּאָטערלאַנד... נאָך, נאָך אַ ביסעלע, וועלן די עטלעכע יידישע שענקערס, פּראָצענטניקעס, סוחרים אויך אַוועקוואַרפן זייערע מיאוסע פּרנסות און מיר, יידן, וועלן גלאַנצן מיט אונדזער נאָמען...”

די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און יעפּים האָט מיט גרויס שטאָלץ און מיט פיל פרייד געלייענט אין אַלע יידישע צייטונגען, אַפילו אין דעם „גאָלאָס” אויך, ווי אונדזערע ברידערלעך, יידעלעך, יידישע סאָלדאַטן, האָבן זיך אויסגעצייכנט און פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר דעם פּאָטערלאַנד און ווי יידישע מיידלעך, יידישע דאָקטוירים, סטודענטן און סטודענטקעס האָבן זייער לעבן איינגעשטעלט און געטריי אַרומגעגאַנגען אַרום די קראַנקע...

— אָט אַזוי, אָט אַזוי! —פלעגט זיין האַרץ שפּרינגען פאַר גרויס פרייד. —אָט אַזוי דאַרפן זיך טאַקע פירן אונדזערע טייערע יידעלעך... אוי, ווען אונדזערע פּאַנאַטיקער זאָלן וואָס גיכער אַוועקוואַרפן זייערע שענקן, פּראָצענטן און זייערע מסחרימלעך און נאָר אַ ביסעלע צו אַרבעטן!.. און ווער ווייסט, אפשר טאַקע שוין! דער „גאָלאָס” רעדט שוין אויך גוטס אויף יידן. דעם „קיעוולינין” האָט ער נאָר וואָס גוט געגעבן אין אַן אַרטיקל פון אַן אוהב ישראל. פּיכנאָ, שולגין, סוּוואָרין, אַזמידאָוו, שטעקער, אָקרייץ און אַלע אַנטיסעמיטן וועלן שוין וויסן... לאָזן זיי נאָר צו וואַרטן אַ ביסעלע צייט, וועלן מיר זען, מיט וואָס פאַר אַ נאָז די אַלע יודאָפאָבן וועלן בלייבן!

אַז יידן וועט מען שוין אָנהייבן האַלטן פאַר גלייכע מענטשן, איז שוין ביי יעפּימען געווען ווי אויף דער שפּיץ נאָז.

* * *

און פּוצלונג טראַך! טאַראַראַך! — א י וו אַ ן ב אָ ד ג ו י, וועלכער האָט זיך שוין פון צען יאָר אויסגעדינט אין דער יידישער באָד און דרייט זיך אַרום איבער די פריבענדיוועקער שענקען, אָט דער א י וו אַ ן, וואָס זינט ער האָט פאַרלאָזט זיין באָדשטעלע, האָט ער אָנגעהייבן לעשן ביי יידן די שבתדיקע ליכט און הייצן די הרובעס, אָט דער א י וו אַ ן, וואָס האָט זיך גערעכנט אין פריבענדיוועקע פאַר אַ שטאָט-שיכור, פאַר אַ שטאָטשלעפּער, איז אין איינ זונטיקדיקן מאַרקטאָג אַריין צו פ יי ט ל ל אָ ק ש אין שענק אַריין, זיך גוט אָנגעטרונקען און האָט נישט געוואָלט באַצאָלן.

האָט פייטל לאָקש אים אַרויסגעוואָרפן, אַז ער האָט זיך צעבלוטיקט. האָט א י וו אַ ן אָנגעהייבן אינמיטן מאַרק צווישן די גויים שרייען, אַז יידן פאַרגיסן זיין רוסיש בלוט. איז זיך אָנגעלאָפן אַ גאַנצע כאַליאַסטרע און האָט אויסגעשלאָגן די פענסטער, אָפּגעשטעקט די צאַפּנס פון די פעסער, אַרויסגעלאָזט די פעדערן פון די קישנס, און פריער, פאַרשטייט זיך, ביי פייטל לאָקש דעם שענקער, דערנאָך ביי ב ע ר ל דעם קרעמער, דערנאָך ביים פריבענדיוועקער גביר, דעם פּראָצענטניק, דערנאָך ביים חסיד, דעם מעקלער, דערנאָך ביי י ע פ י ם אַ ב ר אַ מ אָ וו י ט ש פ י ש ק ע מ אַ כ ע ר, וואָס האָט געוויגט דאָס קינד, ווייל דאָס ווייב איז געווען פאַרנומען מיט „פאָטערלאַנד", דערנאָך ביים גרויסן ליכטיקן שטערן פון דער ציוויליזאַציע, וואָס ס'האָט געקענט אַרויסקומען פון אים אַ גרויסער יידישער מחבר, דערנאָך ביי אַלע משכילים, וואָס זענען אַרויסגעקראָכן פון דער יידישער פאַנאַטישער בלאָטע און געשעפּט די ציוויליזאַציע פון דעם נייַנצעטן יאָרהונדערט, כדי די יידן זאָלן אויך לייכטן אויף דער גאַנצער וועלט צו גלייך מיט אַלע מענטשן.

אַפילו די ביבליאָטעק מיט דער גאַנצער השכלה, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, האָט מען אויך צעטראָגן אויף שטיק שטיקלעך.

די שיכּורים האָבן געמאַכט אַ תּל פון יידישע הייזער און פון אַלעם, וואָס זייערע אויגן האָבן נאָר דערזען.

נאָך דעם פלוצלונגדיקן קלאַפּ האָט יעפים אַבראַמאָוויטש מיט זיינע משכּילים גערעכנט, אַז דערפאַר, וואָס יידן האָבן, נעבעך, אַזוי אומשולדיק געליטן, וועט מען שוין רחמנות האָבן אויף דעם אומגליקלעכן פאָלק און מען וועט שוין איינזען, אַז מען דאַרף זיי מאַכן פאַר גלייכע בירגער, כּדי אַנדערע זאָלן זען, אַז יידן זענען אויך מענטשן און מען דאַרף זיי נישט באַיידיקן.

יעפים אַבראַמאָוויטש האָט געמיינט, אַז איצט וועלן אַפילו די אַנטיסעמיטישע צייטונגען זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר די אומגליקלעכע יידן. זיי וועלן רחמנות האָבן אויף די אומשולדיקע, זיי וועלן זיך באַטראַכטן, אַז געגנוג זיך נוקם געווען אין יידן, זאָל שוין נעמען אַ סוף... וואָרים וואָס קען נאָך זיין אַן ערגערע נקמה פאַר אַ שונא ישראל, ווי דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף די פריבענדיוועקער יידן? —

אומגליקלעכער יעפים אַבראַמאָוויטש! מען וואָלט באַדאַרפט זען, מיט וואָס פאַר אַ בלאַס פּנים, ווי אַזוי דערשלאָגן, ווי אַזוי דערהרגעט ער איז איצטער געלעגן אויף דער גאַס, אויף זיינע צעשלאָגענע בענקלעך, צעריסענע קישנס און וויאַזוי מען האָט פון אים אַ תּל געמאַכט. ניין! נישט די בענקלעך, נישט די צעריסענע קישנס, נישט זיין גאַנץ פאַרמעגן מיט זיין גאַנצער באַלעבאַטישקייט האָט אים געאַרט און אַזוי דערשלאָגן. דערפון האָט ער נאָך אַפילו גאָרנישט אָנגעהייבן צו טראַכטן, נאָר זיין האַרץ! זיין האַרץ! זיין רירעוודיק וואַרעם האַרץ האָט אים געמוטשעט און געמוטשעט!..

דעם קאָפּ און די אויגן האָט ער אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער ערד פאַר דעם בזיון פאַר יענעם און פאַר זיך אַליין; זיין גאַנצער פריערדיקער שטאָלץ איז אין אים פאַרשוואונדן געוואָרן, און אַז ער האָט הינטערווייַלעכס אויף אַ מינוט אויפגעהייבן די אויגן און געזען אַרום זיך טויזנטער יידן, פרומע יידן צוזאַמען מיט משכּילים וואַלגערן זיך אויף דער גאַס מיט זייערע געבליבענע שפּענדלעך, האָט אים זיין וואַרעם האַרץ אַזוי אָנגעהייבן צו דריקן, אַז ער וואָלט, דאַכט זיך, אָט די אַלע צעראַבעוועטע יידן מיט זייערע ווייבער און פּיצעלעך קינדערלעך אַרונטערגענומען אונטער זיין קאַפּאָטע, זיי גוט און געטריי פאַרדעקט מיט זיינע פּאָלעס און

אזוי שטיל, פּאַוואָליע, טריט ביי טריט, אָן געפּילדער מיט זיי אוועק־געגאַנגען ערגעץ ווייט, ווייט פון מענטשן. גאַנץ ווייט, ווו די זון שיינט, ווו די ביימער בליען, ווו די פעלדער גרינען...

אָבער ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע פיר זייטן, ווי אייניגער פרעגט:

„ווו און אויף וועלכער זייט שיינט די זון און ווו בליען די ביימער?״

קיינער ענטפערט אים נישט. מען פרעגט אויך ביי אים, וואָס וועט זיין איצטער, וואָס טוט מען ווייטער? שווייגט ער, ווי אַ שטיין. ער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן, ווי דער אומגליקלעכער נשרף, וואָס עס ברענט אים אָפּ זיין איינציק שטיבל, ער בלייבט זיצן אויף די האַלאָוועשקעס און זיין ווייב און קינדער פרעגן ביי אים, ווו זאָל מען איצטער גיין, ווו זאָל מען אַהינטאָן די געראַטעוועט אָפּ־געלאָשענע שטיקלעך...

דער אומגליקלעכער ענטפערט נישט, אָן ווערטער צעשפּרייט ער נאָר ביידע הענט, ווי גלייך ער זאָגט: „לאָזט מיך אָפּרוען אויף מיינע האַלאָוועשקעס... איך בין זייער פאַרמוטשעט. מיר איז אַלצאיינס, עס איז מיר שווער צו רעדן... לאָזט מיך אָפּרוען...״

כייקלס רירעוודיק הארץ איז איצטער פאַרגליווערט געוואָרן, ער האָט זיך אָפּגערוט...

* * *

פּאָגראָמען!.. די צייטונגען האָבן נישט באַוויזן צו באַשרייבן איין פּאָגראָם, זענען שוין אָנגעלאָפן דעפּעשן פון אַ נייעם פּאָגראָם!.. די יידישע וועלט קערט זיך... עס קאָכט זיך... עס טאַראַראַמט זיך!.. און כייקלס הארץ האָט זיך אויך אַ קער געטאָן, אָבער וואָס, האָט ער אַליין נישט געוווסט. זיין הארץ איז אַ ביסעלע אויפגעלעבט געוואָרן.

„עס טוט זיך״, — האָט ער געטראַכט, — „מסתמא וועט עפּעס זוערן, און וואָס עס וועט זיין מיט כּל ישראל, וועט זיין מיט ר׳

ישראל—וועט זיין מיט מיר אויך. מען דאַרף וואַרטן, וואָס עס וועט זיין, וואָס וועט מען זאָגן...״

און כייקל האָט אָנגעהייבן גוט זיך צוהערן, „וואָס וועט מען זאָגן״, דער עיקר, וואָס וועלן זאָגן די גרויסע לייט, די גרויסע יידן פון דער גרויסער וועלט, וואָס זענען נוצלעך דעם פּאַטערלאַנד און מאַכן ערע דעם יידנטום און זאָרגן פאַר כּל ישראל.

עס איז אָבער אַוועקגעגאַנגען אַ צייט און די גרויסע האָבן אויך נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

מען האָט נאָר געפּילדערט און געליאַרעמט:

— מען טרייבט אונדז, לאָמיר לויפן, לאָמיר פליען, לאָמיר יאָגן.

ווּ לויפן? וואוהין פליען? דאָס האָט קיינער דערווייל נישט געוווּסט. מען איז נאָר געלאָפן צו די טויערן, דאָרט זענען געווען חברות, אַ טייל האָבן געשריען: „פאָרט יידן קיין אַמעריקע!״ און אַ טייל — „קיין פּאַלעסטינע!״

מיט איין וואָרט, די יידישע וועלט דרייט זיך, מען קלינגט, מען רעשט, מען וועקט, מען לויפט, מען פליט, מען שרייט און מען פּילדערט.

עס קאָכט זיך, עס טאַראַראַמט זיך און כייקל, כייקל די רי-רעווודיקע נשמה רירט זיך אויך...

— צו וואָס זאָל איך פאָרן קיין אַמעריקע!—האָט ער געשריגן. — איך האָב אַלץ געטאָן, אַז איך זאָל יענעם געפעלן, גענוג... קיין פּאַלעסטינע! — האָט ער געשריגן אין איין קול.

די יידישע צייטונגען האָבן אויך דאָס רוב געשריגן: פּאַלעסטינע! אַלעמאָל האָט כייקל געלייענט נייע קאָרעספּאָנדענציעס פון פאַר-שידענע שטעטלעך, ווי עס ווערן נייע חברות „פּאַלעסטינצעס״.

אין די גרויסע שטעט האָלט מען אין איין שאַפן אַסיפות מיט קאָנגרעסן און קאָנפערענציעס. קיין פּאַלעסטינע שיקט מען אַלעמאָל נייע מרגלים, זיי זאָלן אויספאָרשן דאָס יידישע לאַנד און באַקענען זיך מיט די דאָרטיקע ווייַנטרויבן, באָקסער, טייטלען און מילגראָמען. ער האָט אויך געלייענט אַ שיינע באַשרייבונג פון פּאַלעסטינע אין אַ פּאַלעסטינישן ראָמאַן, ווו דער העלד שטייט נישט ווייט פון ירושלים, לעבן אַ ברונעם, לעבן איילבירטן און קוקט אויפן הימל...

דער גאַנצער געפּילדער האָט שטאַרק אויסגענומען ביי אַזאַ פּאָעטישער נאַטור, ווי כייקל איז געווען. ער האָט זיך איבערגעגעבן

דער אידעע פון פּאַלעסטינע מיט זיין גאַנץ וואָרעם האַרץ, ערנסט אָן שום חכמות.

די גאַנצע פּאָעזיע פון חומש, די אַלע שיינע פעלדער, וועלדער, בערג און טאָלן, האָבן זיך אים איצטער מיט די שענסטע בילדער פאָרגעשטעלט פאַר זיינע אויגן. ער האָט טאָג און נאַכט געלעבט נאָר מיט פּאַלעסטינע; ער האָט אַפילו פאַרגעסן אין זיין אייגן ווייב און קינדער; ער האָט אָנגעהייבן לייענען ווייטער דעם „אהבת ציון" מיט דעם „אשמת שומרון" פון מאפו און האָט נאָכאַמאָל געזען דאָס יידישע לאַנד מיט זיין גאַנצער שיינקייט.

חוץ פּאַלעסטינע איז ביי כייקלען אין די געדאַנקען מער גאָרנישט געווען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון דער פריערדיקער חברה „משכילים" אין פּריבענדיוועקע איז געוואָרן אַ חברה „פּאַלעסטינצעס" און מען האָט איבערגעטאָן מעשים איבער מעשים: מען האָט געמאַכט אַסיפות, מען האָט געהאַלטן פייערדיקע רעדעס פאַר פּאַלעסטינע.

אויף די אַסיפות האָט מען צוגעלאָזט ווער עס איז נאָר געקומען: אַלטע, יונגע יינגלעך מיט מיידלעך פון צווייטן אָדער דריטן קלאַס גימנאַזיע. פיל פון די קינדער האָבן זיך אַזוי צעהיצט פאַר דער אידעע, אַז גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער לערנען, זיך ארויסגעגנבעט פון די עלטערן און זענען אַנטלאָפן קיין פּאַלעסטינע אַרבעטן ערד!..

אין פּריבענדיוועקע איז געווען אַ מלמד, וואָס האָט געהאַט אַכט קינדער (דאָס עלטסטע זעכצן יאָר) מיט אַ האַלב קראַנק ווייב און אַליין האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דער באַוווסטער יידישער קרענק.

האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט געהאַט אַ שלעכטן זמן. פריער פלעגט ער האָבן פּופּצן תלמידים און היינט מער נישט ווי עלף. איז ער געוואָרן אַ פּאַלעסטינעץ און האָט אין איין קול געשריגן, אַז ער זעט נישט פאַר זיך אין פּריבענדיוועקע קיין אויסגאַנג, און וויל נאָר קיין פּאַלעסטינע.

האָט אים די פּריבענדיוועקער חברה מיט פיל מי, דורך טויזנטער גראָשנס, צונויפגעקלאַפּט פאַר אים אַ סומע פון הונדערט פופציק רובל און דעם מלמד מיט דער האַלב-קראַנקער רביצין, מיט די אַכט פיצעלעך קינדער, אַוועקגעשיקט קיין פּאַלעסטינע אַרבעטן ערד!

אויך האָט זיך געפונען עפּעס אַן אַלטער צרהדיקער בחור,

וואָס האָט זינט ער לעבט נישט געטויגט צו קיין שום זאַך. ער האָט מער נישט געטאָן, ווי באַרעדט שיינע אומשולדיקע מיידלעך, און אַז ער איז הונגעריק געוואָרן, איז ער געלאָפן אַהיים צו זיינע אָרעמע עלטערן און האָט אויפגעגעסן ביי זיי דעם לעצטן ביסן און פלעגט שטענדיק זאָגן אויף זיך: „ווען איך זאָל האָבן געלט אויסצופאָרן די וועלט, וואָלט איר געזען, ווי אַזוי איך וואָלט נישט פאַרפאַלן געוואָרן אין דער גרויסער וועלט, ווי איך וואָלט געוווסט פון אַ וועלט צו זאָגן" — אָט דעם אַלטן ליידיקגייער האָט די קליינערלעכע פריבענדיוקער חברה פאַלעסטינצעס אויך אַוועקגעשיקט פאַר זייערע אָרעמע גראָשנס קיין פאַלעסטינע אַרבעטן ערד!..

מיט איין וואָרט, אָן שום איינזען האָט די חברה געשיקט קיין פאַלעסטינע נייע יידישע „ערדאַרבעטער", ווי באַלד אין דער קאַסע האָט זיך נאָר געפונען אַ גראָשן...

און כייקל מיט זיין חבר'ה האָבן זיך געפילט גליקלעך איבער גליקלעך און מיט גרויס פאַרגעניגן האָבן זיי ווייטער געלייענט ציי־טונגען און ביכער, אין וועלכע מען האָט באַשריבן, וואָס עס טוט זיך און ווי עס דרייט זיך אויף דער יידישער וועלט.

גאָר אַ נייע וועלט האָט זיך געעפנט פאַר יידן!.. אָט שמועסן די צייטונגען, אַז באַלד וועט פאָרן אויסזען דאָס לאַנד גאָר דער גרעסטער פאַלעסטינעץ, דעמאָלט וועט שוין אַוודאי זיין גוט; אָט שמועסט מען פון אַ נייעם פאַלעסטינישן קאָנגרעס פון אַלע גרויסע לייט, וועט מען שוין אַוודאי אַלץ וויסן...

און אונדזער כייקל האָט מיט זיין רירעוודיקער נשמה ווייטער אויפגעלעבט!..

פון דער צייט אָן האָבן אים אַלע אין פריבענדיוקע אָנגעהייבן רופן „דער פאַלעסטינעץ".

איצט בלייבט מיר נאָך איבער צו באַקענען אייך מיט דעם בילד, געשטאַלט און גאַנג פון פאַלעסטינעץ.

ער איז מיטל געוואַקסן, אַ בלייך אויסגעדאַרט פנים, גרויסע פייערדיקע אויגן, וואָס מאַכן אויף יעדן דעם בעסטן איינדרוק. זיינע אויגן זאָגן: „איך האָב אייך אַלע ליב"... די נאָז אַ ביסל גרעסער, ווי זי דאַרף זיין, צוויי פאַרדאַרטע ליפּן פון אַ סך רעדן, אַ גרויסער ווייסער ליכטיקער שטערן מיט שיינע געדיכטע שוואַרצע האָר. נאָר זיי ליגן שטענדיק נישט ווי עס דאַרף צו זיין: אַ צוויי־דריי פעדער

פון דעם קישן וועט איר תּמיד געפינען אין זיין קאָפּ. אַליין שטאַרק צעטראָגן, האָט קיינמאָל נישט קיין צייט, איז זייער פאַרנומען, גייט גאַנץ געקליידט, נאָר נישט פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך. פון זיין ווייסן געפּרעסטן קאָלנער הענגט אַראָפּ אַ שטיקל פעדעמל, און ווען עמעצער זאָל אַ צי טאָן דאָס פעדעמל, וואָלט זיך אויסגעטרענט דער גאַנצער קאָלנער מיט אַ דרייסיק אַרשין פעדעם.

ביי זיך אין שטוב אָדער אויף אַן אַסיפה פון דער חברה האָט מען אים שטענדיק געקענט זען מיט אַ פּען פאַרשטעקט אונטערן רעכטן אויער און מיט אַ רויטן בליישטיפט אונטערן לינקן אויער, און מיט אַ הויכן בליישטיפט זיך רייניקן די ציין אָדער דאָס אויער...

ווי געזאָגט, האָט כייקל נישט געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן. דעריבער האָט ער טאַקע געהייסן ביי די פריבענדיוּוקער יידן „ווילער יונגערמאַן”, „אַ געראָטענע זאַך”, „אַ מענטש מיט אַלע מעלות”, „טויג צו גאָט און צו לייט”, „מען מעג אים שטעלן פאַרן קיסר” און אַזוי ווייטער.

III

דער אַסימיליאַטאָר.

אַז איך זאָל אייך װעלן באַקענען מיט דעם צװײטן פּערשױן — מיט דעם אַסימיליאַטאָר יאַקוב װישקעמאַכער, מוז איך פריער כאָטש אין קורצן פאָרשטעלן זײנע עלטערן.

זײן פאָטער באָריס לעאָנטיעװיטש װישקעמאַכער האָט כמעט געהאַט אַזאַ דערציִונג װי אונדזער באַקאַנטער יעפים אַבראַמאָװיטש פישקעמאַכער. ער איז אויך אַנטלאָפן פון זײנע עלטערן אין דער גרױסער װעלט אַרײן, אויך אַראָפּגעװאָרפן פון זיך די גאַנצע ייִדיש־קײט, כדי צו שעפּן פון דער ליכטיקער ציװיליזאַציע.

װען באָריס איז אין זײנע צײטן אַנטלאָפן אין דער װעלט אַרײן, האָט ער זיך שױן נישט אומגעקערט צוריק אַהײם, װי אַ בעל־תשובה. ער איז געבליבן אין דער גרױסער װעלט, װוּ מען האָט זעלטן באַגעגנט אַ ייִד און האָט זיך דאָרט אַזױ אײַנגעפונדעװעט, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן אָן דעם ייִדישן לעבן.

דערצו האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ ייִדישער טאָכטער, װאָס האָט אויך אין איר גאַנץ לעבן קײן ייִד נישט געזען. זי האָט נאָר דערצײלט, אַז איר זײדע, װאָס איז שױן פון אַ יאָר דרײסיק טויט, איז געװען אַ בערדיטשעװער ייִד, אַ שוחט, און איר באָבע, װעלכע זי האָט נאָך געדענקט אַלס קינד, פלעגט נישט פאַרשטײן אַ װאָרט רוסיש און פלעגט עסן באַזונדער, װײל זי האָט נאָר ליב געהאַט צו עסן „כשרנא".

אָט דערפון האָט באָריסעס װײב געװוּסט, אַז זי איז אַ ייִדישע טאָכטער.

ווען זי האָט אַמאָל באַגעגנט אין דער גרויסער רוסישער שטאָט אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן יידן מיט אַ לאַנגער באָרד און פּיאות און מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אָדער אַ יידענע מיט אַ שטערנטיכל און מיט אַ קאָלירטן פאַרטוך און מיט אַ קינד ביי דער האַנט, פֿלעגט זי זיך, נישט ווילנדיק, צעלאַכן און עס דערציילן דערנאָך אינדערהיים מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט אָנבאַגעגנט נייע מינים קאָמעדיאַנטן.

— איך האָב היינט געזען אַ ייד מיט אַ יידענע, מיט קליינע יידעלעך און אַזוי „סמעשנע" אָנגעטאָן, אַז איך האָב זיך אַזוי צע־לאַכט, אַזוי צעלאַכט!...

ווען איינער פון דער פאַמיליע האָט איר דערויף געענטפערט:

— וואָס לאַכסטו אַזוי, דיין דעדושקע מיט דיין באַבושקע זענען דאָך אויך אַזוי געגאַנגען?

האָט זי געענטפערט:

— נו, וואָס־זשע איז? זענען זיי טאַקע אויך געווען „סמעשנע"...

גערופן האָט מען זי אָלגע איוואַנאָוונע, און אָט מיט דער אָלגע איוואַנאָוונע האָט באַריס געהאַט אַ זון, צו מזל — אונדזער קינפטיקן אַסימיליאַטאָר יאַקוב באָריסאָוויטש ווישקעמאַכער.

יאַקוב איז געבוירן געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט, פון וואַ־נען זיין מוטער איז און האָט אויך, פאַרשטייט זיך, אין זיינע קינדעריאָרן נישט געזען קיין ייד, נישט קיין יידישע קינדער און נישט געוווסט פון יידישע שבתים און ימים־טובים, וואָס לאָזן איבער אין קינדערשן זכרון אויפן גאַנצן לעבן די שענסטע בילדער: די שיינע שמחת־תורהדיקע נאַכט מיט דער ליכטיקער שול, דעם שיינעם טייערן שבתדיקן טיש, דעם ליכטיקן סדר פסח, די פורימדיקע גאָל־דענע נאַכט פאַר קינדער.

וויפל פאַרגעניגן האָט דער ייד, ער מעג זיין אַ פרומער חסיד, צי א מתנגד, ער מעג זיין אַ געגאָלטער ייד, וואָס האָט שוין לאַנג אַ יידיש וואָרט אויף זיין מויל נישט געבראַכט, ער מעג צוואַנציק יאָר וווינען ווייט, גאַנץ ווייט פון יידן און כמעט שוין גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד, — נאָר אויב ער געדענקט זיינע קינדעריאָרן, די יידישע ימים־טובים און שבתים, די יידישע שול, דעם חזן מיט די זינגערלעך, די זיסע ליבע יידישע ניגונים, די פורימדיקע נאַכט מיט די טייערע צוקערדיקע שפּילעכלעך און דעם גרעגער; די פיר קשיות מיט דעם נייעם קאַפּאָטקעלע אויף פסח,

זיצנדיק ביים סדר לעבן דער אויסגעפוצטער מאַמען און אַרומגענומען מיט אירע געטרייע הענט; דעם ל״ג-בעומר מיט דעם פייל־נבויגן, פאַרנדיק מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע קינדער צום גרינעם וואַלד, וווּ מען לויפט אַרום און מען שטיפט זיך גוט אָן מיט ביקסלעך, דער־נאָך ווערט מען מיד, זעצט מען זיך אויס מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע קינדער און מען פאַרבייסט מיט אייערקיכלעך, געקאָכטן אַרבעס און מען פאַרטרינקט מיט קוואַס, און דערנאָך, אין אָוונט, ווען די זון פאַרגייט, לויפט מען גלייך מיט דער טשערעדע אין שטאָט אַהיים! און דער טייערער יום-טוב שבועות, ווען דאָס יידישע יינגל איז פאַרנומען מיטן אויספּוצן די שטוב מיט גרינע בלעטער... און די תשעה-באָבדיקע ביקס, און די שמחת-תורהדיקע פאָן, און דאָס חנוכּה־דריידל, און דאָס מיטהעלפן אָנצינדן דעם טאַטנס לעמפּל... אָט דאָס אַלץ, אויב דער ייד געדענקט פון זיינע קינדעריאָרן, קען ער אַנ־דערש נישט זיין, ווי אַ וואַרעמער ייד, אַ הייסער ייד, אַ ייד, וואָס איז איבערגעגעבן מיט זיין גאַנץ לעבן יידן און יידישקייט.

אָט די יידישע קינדערשע יאָרן מיט די יידישע ימים-טובים האָט יאַקוב נישט געהאַט. ער האָט נאָר געוווּסט, אַז ער האָט איינ־מאָל אין יאָר אַ געבורטסטאָג, ווען זיינע עלטערן און באַקאַנטע שענקען אים אַ סך מתּנות.

ער האָט אויך געוווּסט, אַז איינמאָל אין יאָר, „ראָזשדעסטוואָ״, מאַכט מען פאַר אים אַ יאָלקע, באַלויכטן מיט אַ סך ליכט און פאַר־צירט מיט אַ סך מתּנות; שפּעטער אַ ביסל האָט ער אויך געוווּסט, אַז ביי זיין חבר וואַסיאַ זענען דערפאַר דאָ אַ סך ימים-טובים, ווייל וואַסיאַס עלטערן זענען „פּראַוואָסלאַוונע״ און זיינע עלטערן זענען „מאָיסעיעוואָ זאַקאָנאַ״ און דעריבער זענען ביי זיי כּמעט גאָר קיין ימים-טובים נישטאָ.

אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען זיינע קינדעריאָרן ביז אַ יאָר ניין. אויף דעם ניינטן יאָר זענען זיינע עלטערן איבערגעפאָרן אין אונדזער שטאָט פריבענדיווקע, ווייל די געשעפטן, וועלכע זיין פאָטער האָט געהאַט אַרום דער געגנט, האָבן אים דערצו געניייט, ער זאָל זיך מיט זיין פאַמיליע באַזעצן אין פריבענדיווקע.

אין אָנהייב האָבן די פריבענדיווקער יידן גאָרנישט געוווּסט, צי באָריס לעאָנטיעוויטש איז גאָר אַ ייד. אַלע האָבן געמיינט, אַז ער

איז אַ פּריץ. און וויאַזוי זאָל גאָר איינפאַלן אין מוח, אַז ער איז אַ ייד? אַז ווען ער נישט אין דער יידישער גאַס, ערגעץ אין דער זייט, אין אַ פּריציש הויפּל מיט אַ גאָרטן, מיט ביימער, פּונקט ווי אַן אמתער גוי. זיין ווייב, זיינע קינדער און די דינסטן רעדן אַזוי גוט גויש, פּונקט ווי געבוירענע גוים. מיט קיין יידן האָט ער קיין אומגאַנג נישט, אין קיין שול קומט ער נישט, שטענדיק פירט ער זיך אַרום מיט פּריצים, היינט ווי אַזוי זאָל מען דערקענען, אַז ער איז אַ ייד?

און אַזוי איז טאַקע געוועזן. מיט באַריסעס אָנקומען האָט מען אומעטום געשמועסט, אַז אין שטאָט האָט זיך באַזעצט אַ נייער פּריץ.

אייניקע יידן האָבן אָנגעהייבן אָנשמעקן, זיך צושאַרן צו דעם-דאָזיקן נייעם פּריץ, מיט וואָס האַנדלט ער, וואָס טוט ער, וואָס איז זיין געשעפט, וויפל דערפער האָט ער און ווו געפינען זי דידאָזיקע דערפער. איז אפשר דאָרט נישטאָ עפּעס אַן אַלט מילכל, וואָס מען קען אָנדינגען אָדער אפשר האָט ער דאָרט אַ טייכל צו פאַרדינגען אויף עטלעכע יאָר, גאָט זאָל נאָר געבן די ברכה, אָדער עפּעס אַ שענקל אין דאָרף, צי אַ קרעטשמע אין פעלד; ווו געפינט זיך עפּעס נישט ביי אַ פּריץ עפּעס אַזוינס, אַ פאַרוואַלגערטס, וואָס ער האָט עס גאָרנישט אין זינען און דעם יידן זאָל עס צונוץ קומען און זאָל מאַכן דערפון אַ געשעפט, כדי דער ייד זאָל האָבן פּרנסה בשפע און דעם פּריץ זאָל ער אויך צאָלן אַלע יאָר אָרענדע צום טערמין, כדי דער פּריץ זאָל דערנאָך דערציילן אויף אַ גרויסן באַל זיינע גרויסע שררות, אַז ביי אים אין דאָרף געפינט זיך אַ „יאָסקע", איז דאָס אַ „טשעסטני זשידאָק" און לאָזן אַלע שונאי-ישראל וויסן, אַז עס איז גאָרנישטאָ קיין ערלעכערס פון אַ יידן.

דער אָרעמער ייד דאַרף נאָר האָבן פּרנסה, ברענגט ער שוין אויך דעם פּריץ נוצן מיט הכנסה און אַזוינע זאַכן, אויף וועלכע דער פּריץ האָט זיך גאָר פריער נישט אַרומגעקוקט.

— מען דאַרף זיך צושאַרן צום נייעם פּריץ, — האָבן די פּריבענדיוועקער יידן נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, — און אפשר ווער ווייסט, אפשר נאָך זיינע אַלע דערפער דאַרף ער האָבן אַ צווייי, דריי טויזנט רובל אויף פּראָצענט אויף אַ צווייי, דריי חדשים... טאָמער וועט מען דורך דעם עפּעס פאַרדינען אַ קערבל... וואָס דען זאָל דער

ייד טאָן? ער מוז דאָך ציען זיין פּרנסה דורך עפּעס, טאָמער דאַרף ער האָבן עפּעס סחורה, עפּעס אַ גוטן שניידער... מאַלע, וואָס אַ פּריץ קען דאַרפן, וואָס דער ייד קוקט זיך נאָר דערויף נישט ארום. עס קומט אים נאָרנישט אויף דעם מוח.

און עטלעכע פּריבענדיוקער יידן האָבן זיך טאַקע צוגעשאַרט צום נייעם פּריץ, געגאַנגען צו אים, זיך געשטעלט ביי דער טיר, אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך איינגעבויגן אין דרייען און גערופן „פּאַניע-סערדצע" און דערמיט זענען זיי אוועקגעגאַנגען.

אָלגע איוואַנאָוונע מיט איר פּאַניטש יאַקאָב, וואָס האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן געזען אַזוינע „סמעשנע" יידן, האָבן אַלע מאָל נאָך זייער אוועקגיין געהאַט צו לאַכן אויף אַ גאַנצע טאָג, און אָלגע איוואַנאָוונע האָט דערבײַ געזאָגט, אַז איצטער זעט זי, אַז די אַלע יידישע סצענקעס, וואָס זי האָט געזען אין דער גרויסער שטאָט אין טעאַטער און געלייענט אין די רוסישע ביכלעך, ווי „זשיד אווו באטשקע" און נאָך אַנדערע נאַרישקייטן, זענען טאַקע אמת.

אַ צוויי יידן מיט אַ צוויי יידישע ווייבער האָבן זיך טאַקע באמת צוגעשאַרט צום נייעם פּריץ און האָבן ביי אים פאַרדינט. די יידן מיט די ווייבער זענען געווען: באָביש דער דאַמסקער שניידער, שכנא דער שוסטער, מירטשע די קוראַלאַפּניטשקע און כייטשע די אויפקויפערין.

די צוויי יידן מיט די צוויי ווייבער האָט אָלגע איוואַנאָוונע ליב באַקומען, ווייל באָביש האָט איר גענייט אַ קלייד נישט ערגער, ווי דער „פּאַריזער שניידער", פּאַר אַ פּערטל געלט און נאָך געדאַנקט, זיך איינגעבויגן אין דרייען און געזאָגט, אַז פריער גאָט און דער-נאָך אָלגע איוואַנאָוונע האָט באָביש מיט זיין ווייב און קינדער ברויט געגעבן; שכנא דער שוסטער, ווידער, האָט אויפגענייט אַ פּאָר שיך פּאַר אָלגע איוואַנאָווע, אַז מען האָט זיי געמעגט שטעלן אויף דער אויסשטעלונג און גענומען די העלפט ווייניקער פון דעם „פּאַריזער שוסטער" און אויך זיך איינגעבויגן אין דרייען פּאַר דער „פּאַניע-סערדצע" און געבעטן גאָט פּאַר איר לעבן, וואָרים פריער גאָט און דערנאָך זי האָבן זיין ווייב און קינדער געהאַט ברויט.

מירטשע פלעגט ברענגען אין שטוב אַריין די בעסטע פעטסטע געשטאָפּטע קאַפּהינער, גענדז, אינדיטשקעס, פרישע אייער פּאַר אַ האַלב געלט, ווי אין דער גרויסער שטאָט.

כייקע פלעגט אויסלויפן די גאַנצע שטאָט צו קריגן פאַר־
אַלגע איוואַנאָווע אַזאַ שטיקל סחורה, ווי איר האָט זיך פאַרגלוסט,
פאַר האַלב אומזיסט, ווי אין דער גרויסער שטאָט...

אָט די צוויי יידן מיט די צוויי יידישע ווייבער זענען די
„פאַניע-סערדצעס" קנעכט, פאַרקויפטע קנעכט. די „פאַניע-סערדצע"
האָט מיט זיי געפּרעבעבעדעוועט, ווי איר קאַפּריז האָט זיך נאָר פאַר־
גלוסט, למשל: ווען אַלגע איוואַנאָוונע איז אויפגעשטאַנען אינדער־
פרי און די דינסט האָט געבראַכט קאַווע מיט געבריטן מילך און
אַלגע איוואַנאָווען האָט עפּעס נישט אַזוי גוט געשמעקט; אָדער ווען
באָביש פלעגט ברענגען דאָס קלייד, שכנא די שיכלעך, מירטשע די
הינער, כייטשע דאָס שטיקל צייג מיט נאָך זאַכן פון פאַרשידענע
קלייטן,—פלעגט אַלגע איוואַנאָוונע זיך צעשרייען, אַז דאָס קלייד האָט
מען איר פאַרדאָרבן, די שיך זענען ענג, די הינער זענען געפּגרטע,
די סחורה איז פאַרפוילט פון כמיעלניצקיס צייטן.

די צוויי יידן מיט די צוויי ווייבער פלעגן ווערן טויט פון
אַלע טויטע, מיט גרויס שרעק זיך איינבויגן אין צענטן, אַמאָל
הונדערט זאָגן „פאַניע-סערדצע" און שטיל זיך אַרויסרוקן פון הער טיר
מיט צעריסענע הערצער און מיט דערשלאָגענע קעפּ.

באָביש האָט זיך דעם גאַנצן טאָג געדאַרט דעם קאָפּ, וויאַזוי
זאָל ער דאָ מאַכן בעסער, שכנא—ווי אַזוי גרעסער, מירטשע—ווי אַזוי
לעבעדיקער און כייטשע — ווי אַזוי צו טוישן די סחורה.

באָביש מיט שכנאן האָבן זיך ווייטער געזעצט ביים וואָרשטאַט,
מירטשע איז ווייטער געלאָפן איבערן מאַרק און כייטשע איבער די
קלייטן זוכן דעם נעכטיקן טאָג.

וואָס זאָל מען טאָן, אַז די „פאַניע-סערדצע" וויל אַזוי, וואָס
זאָל טאָן דער ייד מיט דער פרנסה?...

יאַקאָב האָט מער ווי די צוויי יידן מיט די צוויי ווייבער
נישט געקענט. ער האָט זיך כמעט שטענדיק געפונען לעבן דער
מוטער און צוגעזען, ווי די יידן מיט די ווייבער פירן זיך אויף,
און האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַלע יידן מיט אַלע יידישע ווייבער
זענען אַזוי ווי זיי.

אַלגע איוואַנאָוונע איז אָבער געווען גאָר אַנדערש געשטימט,
ווען די קאַווע האָט איר געשמעקט. ווען איינער פון די צוגעשאַרטע
יידן אָדער ווייבער זענען דעמאָלט געקומען צו איר, האָט זי ליב

געהאַט זיי צו פאַרהאַלטן, האָט זיי אַרייגעפירט אין זאַל, געבעטן זיצן, אויסגעפרעגט, ווי אַזוי זיי לעבן און ווי אַזוי לעבן יידן בכלל, גוט, צי שלעכט, שיין, אָדער מיאוס.

מער פון אַלע האָט זי ליב געהאַט צו רעדן מיט באָביש דעם דאַמסקע שניידער און מיט כייטשע די אויפקויפערין, דערפאַר, וואָס זיי האָבן שטענדיק געוווּסט פון אַלץ, וואָס עס טוט זיך ביי יעדן אין שטאָט.

באָביש מיט כייטשען פלעגן מיט פאַרגעניגן און מיט גרויס שטאָלץ בלייבן זיצן ביי דער פריצטע. אַ קליינינקייט! די פריצטע אַליין בעט זיי, קליינע מענטשן, צו זיך אין זאַל. זי בעט זיי זיצן אויף אַ פריציש בענקל און רעדט פון היימישע זאַכן! הייסט עס דען נישט, אַז מען איז אַ חשוב ביי דער פריצטע?

און וואָס דען קען נאָך זיין פאַר אַ גרעסער גליק ביי באָבישן מיט כייטשען, ווי זיין חשובים ביי פריצים? פון דער חשיבות ביי פריצים האָט זיך דער ייד פרנסה... פונוואַנען דען זענען אַלע יידישע גבירים געוואָרן מיליאָנערן, אַז נישט דערפון, וואָס זיי זענען געוואָרן חשובים ביי פריצים?

אפילו ראָטשילד איז אויך געוואָרן אַ נגיד, ווייל ער איז געווען אַ חשוב ביי אַ פריץ, און דער פריץ האָט זיך אין אים אַזוי פאַרליבט, אַז ער האָט אים אָפּגעזאָגט זיין גאַנץ פאַרמעגן.

באָביש מיט כייטשען האָבן זייער געשעצט זייער חשיבות ביי דער פריצטע, זיי האָבן דערמיט געשטאָלצירט און צווישן זייערע באַקאַנטע האָבן זיי זיך באַרימט מיט זייער חשיבות ביים נייעם פריץ אין הויז: די פריצטע אַליין האָט זיי געבעטן זיצן, דער פריץ האָט זיי געשענקט אַ פאַר אַלטע שטיוול, וואָס אין אויסלאַנד קאָסטן זיי ניירעהייט אפשר אַ פינף און צוואַנציקער...

איינמאָל האָט אָלגע איוואַנאָוונע זיי געפרעגט: ווי אַזוי פירט מען זיך ביי זיי אין שול, ווי פירט מען זיך שבת, יום־טוב ביי יידן?

מען האָט באַדאַרפט צו זען, ווי באָביש מיט כייטשען, די אייביקע לאָקייעס, האָבן זיך איצטער געענדערט, ווי זיי האָבן זיך גלייך אויסגעצויגן, און מיט וואָס פאַר אַ פייער זיי האָבן געענט־פערט, ווען די פריצטע האָט נאָר אַ רעד געטאָן פון זייער שול,

פון זייערע שבתים און ימים-טובים, פון זייערע חדרים, פון דער יידישער רעליגיע.

— ביי אונדז, — האָבן זיי געענטפערט מיט פייער,—איז אַלץ שיין... ביי אונדז יידן איז שענער, ווי אומעטום...

— יאָ, נאָר דערציילט מיר ווי אַזוי דאַוונט מען ביי אייך אין שול? ווי אַזוי פירט מען זיך דאָרט, ווי אַזוי פאַרברענגט איר אייערע שבתים, אייערע ימים-טובים, ווי אַזוי לערנט מען אייערע קינדער אין חדר?

— אין חדר, — האָט זיך באַביש אָנגערופן, — אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן!... מיין יינגעלע, זאָל מיר לעבן און געזונט זיין און פאַניע-סערדצע זאָל מיר אויך לעבן און געזונט זיין, גייט אין חדר צו אַ טייערן יידן, אַ גרויסן למדן... ער איז אַ טאַלנער חסיד און דער גרעסטער חשוב ביים רבין... עס איז מיר אפילו שווער צו צאָלן פופצן רובל אַ זמן, איך וואָלט געקענט קריגן אַ וואָלוועלערן מלמד, אָבער כאָטש איך בין אַן אָרעמער שניידער, די פאַניע-סערדצע זאָל מיר געזונט זיין, פונדעסטוועגן זשאַלעווע איך נישט, אַז מיין קינד זאָל לערנען ביי דעם טייערן מלמד און צאָל פופצן רובל אַ זמן... פאַניע-סערדצע זאָל מיר געזונט זיין, איר זאָלט הערן ווי מיין יינגל לערנט גמרא, איז עס אַ פאַרגעניגן... אַמאָל, שבת, וועל איך אים ברענגען צו אייך, פאַניע-סערדצע זאָל מיר געזונט זיין.

— איר ווילט, אַפנים, האָבן אַ זון אַ ר אַ ב י ן?

— יאָ, פאַרוואָס נישט? איר זאָלט נישט קוקן, וואָס איך בין איצט אַ בידנע שניידערל, פאַניע-סערדצע זאָל מיר געזונט זיין... מיין זיידע איז נישט געוועזן קיין שניידער, און מיין באָבעס פאָטער איז געוועזן דעם דעמערעווקער שוחטס אן אייניקל.

— נו, און דעם שבת ווי אַזוי פאַרברענגט איר? אַ גאַנצע וואָך ווייס איך, האָרעוועט איר...

— יאָ, פאַניע-סערדצע, איך האָרעווע, גאָט זאָל נאָר אַזוי פיל העלפן... נאָר דאָנערשטיק, ווען איך באַצאָל דעם רבין שכר-לימוד אַ פינף גילדן שטיק און דער ווייב אַ רובל אויף חלה, קומט מען פון דעם שבתדיקן דאַוונען אַ פריילעכער, מען מאַכט קידוש, מען עסט אָפּ און מען לייגט זיך שלאָפן אויף אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג. אַז עס איז אַ פאַרגעניגן, פאַניע-סערדצע זאָל מיר געזונט זיין... און דערנאָך, אַז מען עסט ווייטער אָפּ און עס איז נאָך נישטאָ קיין

שטערן, גייט מען זיך אַ ביסל שפּאַצירן אין קלויז אָדער אויף דער גאַס און מען הערט פון די באַלעבאַטים נייס, אַז עס איז ווידער אַ פאַרגעניגן... אַך, שבת איז טייער, אַ פאַרגעניגן, פאַניע-סערדצע, איר זאָלט מיר געזונט זיין...

ווי אַזוי זשע איז ביי אייך אין שול? ווי אַזוי דאַוונט מען דאָרט? איז דאָס אַ שיינע שול?

— כאַ-כאַ, וואָס הייסט, ווי אַזוי? אין שול איז אויך אַ פאַרגעניגן... דער חזן דאַוונט, מען רופט אויף... מיך האָט מען אויך אַמאָל אויפגערופן צו ששי, פאַניע-סערדצע, איר זאָלט מיר געזונט זיין...

באָביש האָט געזאָגט אַ גרויסן ליגן, וואָרים זינט ער לעבט, האָט מען אים נאָך קיינמאָל נישט מכבד געווען מיט ששי.

— ביי אייך גייען ווייבער מיט מאַנסבילן אין איין שול? דאַכט זיך, ניין? — האָט די פּריצטע געפרעגט ביי כייטשען.

— חס-ושלום! זאָל גאָט אָפּהיטן! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, פאַניע-סערדצע, איר זאָלט מיר געזונט זיין?

און כייטשע האָט צעוואָרפן מיטביידע הענט אין דער לופטן און אָנגעהייבן אויסמאָלן, ווי ביי זיי איז אין שול, ווו יידן און ווייבער דאַוונען.

— עס איז דאָ אַ מאַנסבילשע שול, ווו דער חזן דאַוונט, און אין דער לופטן איז דאָ אַ ווייבערישע שול מיט לעכער אין דער מאַנסבילשער שול אריין... און דורך די לעכער גייט דאָס קול פון דעם חזן צו די ווייבער און מיר שפּרינגען גלייך קדושה מיט די מאַנסבילן... מיר ווייסן, ווו מען האַלט אין דאַוונען גלייך מיט די מאַנסבילן... מיר ווייסן, ווען מען דאַוונט אָפּ און מען דאַרף גיין אַהיים גלייך מיט די מאַנסבילן... ווען מיין מאַן האָט מיר געלעבט, פאַניע-סערדצע, איר זאָלט מיר געזונט זיין, און געהאַט אַ קלייט און איך האָב ביי אים געהאַט אַ גילדענע וועלט, האָט ער געהאַט אַ שטאָט אין שול...

אָלגע איוואַנאָוונע האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס הייסט אַ שטאָט אין שול? *).

---

*) די לעזער דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז דער גאַנצער שמועס איז געפירט געוואָרן אין האַלב-רוסיש, האַלב-פּויליש, דאָס הייסט אַזוי, ווי כייטשע האָט געקענט רעדן איר „פּריציש". אויף אַ „שטאָט אין שול" האָט זי געזאָגט: „גאָראָד אוו שקאָלאַ".

— אַן אָרט אין שול אויף אַ באַנק... אַ מזרח־חשטאַט, ווו מען זיצט אויבן אָן און איך בין אויך געזעסן אין מזרח...

כייטשע האָט זיך דאָ אויך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ ליגן. נישט איר מאַן און נישט זי האָבן נישט געהאַט קיין מזרח־שטאָט, נאָר אַ שטאָט אין שפּיגלוואַנט. באָביש האָט אפילו אויסגעשטעלט די אויגן און זיך געטראַכט: „אַזאַ פּרשיווע יידענע באַרימט זיך אויך, אַז זי מיט איר מאַן זענען געזעסן אין מזרח־וואַנט! האָב איך גאָר־נישט געקענט איר מאַן, דעם אַנזעצער? עס קומט מיר נאָך עד־היום פאַר אַרבעט.

ער האָט אָבער נישט געוואָלט מבייש זיין אַ יידענע, האָט ער אָפּגעשוויגן.

— נו, און איצטער?

— איצטער, זינט ער איז געשטאָרבן, בין איך אָרעם געוואָרן. מיין קרוין איז מיר אַראָפּ פון קאָפּ, האָב איך פאַרקויפט די שפּ... ווי, איך זאָגן, די מזרח־שטאָט... נאָר געלויבט איז גאָט, איך האָב מיר היינט דאָרט אויך אַ שטאָט, כאָטש עס איז אַ ביסעלע נענטער צו דער טיר... אָבער אַלע ווייסן, אַז איך בין אַמאָל געזעסן או בן אָן.

אַלגע איוואַנאָוונע האָט זיך אַזוי פאַררעדט און פאַראינטערע־סירט מיט דער פּריפּענדיוקער יידישער שול, אַז זי האָט באַקומען שטאַרק חשק צו זיין אַמאָל אַליין דאָרט און אַליין זען, ווי דאָס קול פון דעם חזן גייט דורך די ווונדערלעכע לעכער צו די ווייבער; מסתמא דאַרף עס זיין זייער שיין. אינדערהיים האָט מען אויך דער־ציילט אפילו צווישן קריסטן, אַז עס זענען דאָ שיינע יידישע שולן.

אַז אַלגע איוואַנאָוונע האָט געזאָגט באָבישן מיט כייטשען, אַז זי וויל גיין אַמאָל שבת אין שול, זענען זיי ביידע דערציטערט געוואָרן פאַר גרויס חידוש: אַ קלייניקייט, אַ פּריצטע זאָל וועלן גיין אָנקוקן אַ יידישע שול?

ביי באָבישן האָט אָנגעהייבן שפּילן זיין יידיש וואַרעם בלוט, עס האָט זיך אָנגעהייבן רירן זיין יידישער שטאָלץ, און ער האָט זיך באַרגעשטעלט, ווי די פּריצטע שטייט אין שול און קוקט אויף אַלץ און אַלץ געפעלט איר: די יידן, דער חזן, דאָס דאַווענען, די שול. און זי טראַכט זיך בעת מעשה, אָט וואָס אַ טייער פאָלק יידן זענען, די יידישע אמונה איז טאַקע די עלטסטע אמונה, און זי, די

פריצטע, וועט זיך אָנהייבן דערמאָנען פון זייערע ביכער. זי איז דאָך עפּעס אַ געלערנטע און אין זייערע גוישע ביכער זענען מיר, יידן, דאָך אויך דערמאָנט, וואָס פאַר אַ גרויס פאָלק יידן זענען אַמאָל געווען. זיי האָבן געהאַט אַן אייגן לאַנד מיט גערטנער און וויינ־שטאָקן, אַן אייגענעם מלך, וואָס האָט געפירט די גרעסטע מלחמות מיט די גרעסטע מלכים און זיי אַלע איינגענומען, און ווען יענע זענען אַנטלאָפן, האָבן זיי געטאָן ווייזן דעם נאַקן און די יידן האָבן פאַרנומען דעם זאַקריוב פון די, וואָס האָבן אָנגעהייבן פעדשן אין דעם יידישן גאָט און געוואָלט איינעמען זיין אויסגעקליבן פאָלק... און די פריצטע וועט שטיין אין דער יידישער שול און וועט זיך טראַכטן... און ער, באָביש, וועט זיך אויך אַרומדרייען אין שול מיט דעם טלית אויף דעם אַקסל און מיט דער יאַרמעלקע...

ער וועט זיך אַריינגנבענען צווישן שפּיגל אין מזרח־וואַנט און וועט זיך דאָרט שטיין, כדי ער זאָל נישט מבויש ווערן פאַר דער פריצטע, און זי זאָל מיינען, אַז ער האָט דאָ אַ גאַנצע דעה.

ווען מען וועט לייענען, וועט ער זיך אַרומדרייען אַרום דער בימה, זי זאָל מיינען, אַז מען האָט אים אויך אויפגערופן צו דער תורה. זי וועט זען, אַז באָביש איז נישט עפּעס אַזוי אַ פּראָס־טער ייד.

די פּאַניע־סערדצע וועט אַזוי שטיין און קוקן, און ער, באָביש, וועט אַזוי שטיין אויף דער בימה און וועט זיך טראַכטן: „קוק קוק, זע, דו טאָכטער פון די גרויסע פעלקער פון די ווייטע לענדער... זע, ווי דאָס קליינע פאָלק יידן איז אַזוי שיין... זע, קוק, דו טאָכטער פון די אומות העולם, מאַך הערן די גאַנצע וועלט, לאָזן וויסן די שונאי־ישראל, אַז זיי האָבן אומזיסט פיינט אונזער טייער פאָלק, וואָס גאָט האָט אויסגעקליבן פון אַלע פעלקער. קיין שום פאָלק האָט נישט געוואָלט צונעמען זיין טייער תורהלע, נאָר דאָס יידישע קליינע פאָלק, וואָס איז געגליכן צו די שאָף, וואָס פּאַשעט זיך אין די מדבריות. האָט גאָט געטאָן דערקענען און זיי האָבן געזאָגט: גיב אונז דיין טייער תורהלע און וואָס דו וועסט הייסן, וועלן מיר טאָן און הערן; לאָזן די שונאים זען, אַז אומזיסט האָט מען יידן גע־בראָטן, אומזיסט וויל מען זיי נישט אָפּגעבן זייער לאַנד ארץ ישראל און אומזיסט טאָר אַ ייד נישט וווינען אומעטום און אומזיסט מאַכט מען אים אַזוי שווער די פּרנסה..."

גאָט ווייסט, ווו באָביש וואָלט פאַרקראָכן מיט זיינע מחשבֿות איבער זיין גרויסקייט, וואָס ער איז אַ ייד און וואָס די טייטשע שול, אויף וועלכער די פריצטע קוקט, איז באָבישס, און באָביש איז דער שולס,—ווער ווייסט, ווו ער וואָלט פאַרקראָכן, ווען די פריצטע וואָלט פלוצים נישט אַ זאָג געטאָן צו כייטשען:

— און אַזוי, כייטשע, וועט איר היינטיקן שבת קומען גאַנץ פרי, וועט איר מיך מיטנעמען אין שול.

באָביש איז בלאַס געוואָרן פון גרויס פאַרדראָס: די גאַנצע גדולה וועט גאָר האָבן כייטשע, נישט ער!.. זי וועט גיין מיט דער פריצטע, די פריצטע וועט זיין ביי איר אין דער ווייבערשער שול... וויאַזוי-זשע וועט ער גאָר ווי־סן, ווען די פריצטע וועט קוקן? טאָמער וועט זי זיך דאָרט גאָר פאַררעדן מיט די ווייבער? אַלע וועלן גאָר זען, אַז כייטשע איז די השובה, אַז עס איז כייטשעס פריצטע, נישט זיינע, און ער איז גאָרנישט...

באָביש איז פלוצים ביי זיך אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל אויף דער ערד; נאָר גאָט פאַרלאָזט נישט קיין געפאַלענע און האָט אָלגע איוואַנאָוונען אַריינגעשיקט אַ געדאַנק, זי זאָל מיטנעמען אויך איר יאַקאָבן אין שול.

— אין דער ווייבערשער שול לאָזט מען נישט אַריין קיין מאַנס־בילן,—האָט כייטשע געענטפערט.

— ער איז דאָך נאָך אַ קינד.

— ביי אייך, פריצים, איר זאָלט מיר געזונט זיין, הייסט אַזאַ קינד, ווי יאַקאָב, נאָך אַ קינד און ביי אונז, יידן, הייסט שוין אַזאַ קינד אַ ייד, וואָס דאַרף באַלד אָנהייבן לייגן תּפֿילין... ער דאַרף שוין גיין אין שול אַריין דאַווענען, ער דאַרף שוין וויסן פון יידישקייט...

— דער פּאַניטש יאַקאָב וועט גיין מיט מיר אין דער מאַנסביל־שער שול!—האָט זיך באָביש אָנגעכאַפּט מיט פרייד.

יאַקאָב האָט זיך אויך דערפרייט, וואָס ער וועט שבת גיין אין אַ יידישער שול און האָט געוואַרט אויף דעמדאָזיקן טאָג, ווי אויף אַ יום-טובֿ.

באָביש איז צוריק אַרויף פון דער ערד אויפן הימל, שבת וועט ער גיין מיט דעם פּאַניטש דאַווענען און אַלע יידן וועלן אים

מקנא זיין, וואָס ער איז אַזאַ חשוב ביים פּריץ, אַז ער גייט מיט דער פּריצטעס קינד, ווי מיט זיינעם...

אַלע וועלן זאָגן אויף באָבישן:

— אַז גאָט וויל העלפן, העלפט ער אַפילו באָביש דעם דאַמסקי שניידער אויך.

* * *

די פּריבענדיוועקער שול!.. דער חזן גאָרגלט זיך, ער וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן מיט דעם שבתדיקן ניגון, אַלטע יידן זיצן אויף זייערע ערטער מיט די טליתים, איינער שרייט איבער דעם אַנדערן, מיטעלע יידן און יונגעלייט לויפן אַרום איבער דער שול אַהין און אַהער, מען פאַרטשעפּעט זיך אַלעמאָל מיט די טליתים אין די בענק, אין די שטענדערס, אין אייגאַנדער.

מען דאַוונט, מען זינגט נאָך דעם חזן יעדער אויף זיין קול. קליינע יינגלעך מיט לאַנגע פּיאות שנאָרען אַרום אונטער די פיס, צווישן די בענק. זיי שפּאַצירן אויך אַרום און דאַוונען הויך אויפן קול.

אָבער פּלוצים אַ נייס אין שול! אַלע קוקן זיך אַרום: באָביש דער שניידער איז פּאַרסאַפּעט, ווי פּאַרסמט, אַריין אין שול מיט אַן אויסגעפּוצט פּאַניטשל, מיט אַ פּאַרקעמט שייגעצל. וואָס איז דאָס? וואָס קען דאָס זיין?

באָביש גייט פריער גלייך צו דער מזרח-וואַנט, דאָס שייגעצל נאָך, יונגעלייט און יונגלעך לויפן זיי נאָך מיט פאַרגאַפטע אויגן.

באָביש גייט צו צום גבאי און זאָגט אים אין אויער, אַז דאָס איז דעם נייעם רייכן פּריצס אַ פּאַניטשל און ער וויל זען די שול, בעבן זאָל ער אים דערלויבן צו שטיין ביי דער מזרח-באַנק. האָט דער גבאי גענומען דאָס פּאַניטשל און אים אַנידערגעשטעלט ביי דער מזרח-באַנק, כמעט אַקעגן חזן, באָביש אָבער קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. דרייט ער זיך אַרום איבער דער שול און עס ווייזט זיך

אים אויס, אַז אַלע קוקן אויף אים, אַלע רעדן פון אים און אַלע וואונדערן זיך און זאָגן:

— נו? ווער האָט זיך געריכט אויף באַבישן, ער זאָל זיין מיט דעם פריץ אַזאַ קנעפּל?

אַרום יאַקאָבן האָבן זיך דערווייל אַרומגעשטעלט אַלע יינגלעך פון דער שול און געקוקט אויף דעם פּאַניטש. אייניקע האָבן אויסגעשאָסן אַ שטיל געלעכטערל, אַנדערע האָבן זיך שטיל געחידושט.

— דער פּאַניטש איז אַ גוי?

— וואָס־זשע טוט ער דאָ?

— ער וויל זען, ווי מיר דאַווענען.

— און אפשר וויל ער זיך מגייר זיין?..

אַ טייל האָט זיך צוגעשאַרט צו אים גאַר נאָענט און אָנגעהייבן אַרומקוקן זיינע קנעפּלעך, די לאַקירטע שטיוועלעך און אַלץ אָפּגעשאַצט אויף עטלעכע טויזנט רובל.

און יאַקאָב איז, נעבעך, געשטאַנען, ווי אַ דערהרגעטער, ווי אַ דערשלאָגענער און נישט געוווּסט ווו די אויגן אַהינצוטאָן; ענדלעך האָט ער געפונען אַן אָרט אויף זיי, און האָט זיי אָפּגעשטעלט אויף דעם חזן. ער האָט געזען, ווי ער דרייט מיטן פּיסק און וואַרפט זיך און גאָרגלט זיך און גרילצט, אַז עס לעכערט דעם מוח.

ביי אים איז דאָס אויסגעקומען אַזוי ווילד, אַזוי „סמעשנע", אַז ער האָט געוואָלט ענטוועדער אַנטלויפן אָדער זיך צעלאַכן. די יינגלעך האָבן אים אָנגעהייבן טאָן צום טויט.

ווען זיי האָבן געזען, אַז דער פּאַניטש לאָזט זיך, זענען אַלע צו אים גאַר נאָענט צוגעטרעטן און מען האָט זיך פעסט גענומען צו אים מיט די הענטלעך. מען האָט אים שיעור פאַרמוטשעט. דערצו דאָס גרילצן פון דעם חזן, דאָס איבערשרייען איינער דעם אַנדערן ביים דאַווענען, דאָס אַרומלויפן און דאָס צאַפּלען זיך — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט אויפן יינגל אַזוי געווירקט, אַז ער האָט אויסגעשאָסן אַ גרויס געוויין.

אַלע יינגלעך האָבן זיך צעלאַכט. באַביש איז געקומען צו לויפן, ווי אַ פאַרסמטער.

האָט זיך דער פּאַניטש נאָך שטאַרקער צעוויינט און גענומען שרייען אויף גויש, אַז ער וויל אַהיים. האָט אים באַביש אַרויסגע-

געטראָגן כמעט אויף די הענט, און די יינגלעך זענען נאָכגעלאָפן מיט אַ געלעכטער און מיט אַ הוראַ!

פון יענער זייט שול, כמעט לעבן דער שול-טיר, איז צוגעלאָפן צו באָבישן אַלגע איוואַנאָוונע, האַלב טויט, נאָך איר כייטשע מיט דער שבתדיקער יופּע נאָך מער טויט ווי לעבעדיק.

— איך האָב דערהערט זיין קול, ווי ער וויינט? וואָס איז דאָ געשען? — האָט זי געפרעגט אויף גויש, און מיט דעם ערשטן איזוואָשטשיק, וואָס איז דורכגעפאָרן, איז זי אַוועקגעפאָרן אַהיים, איינוויקלענדיק יאַקאָבן אין איר שאַל.

די יינגלעך האָבן ווייט, ווייט באַגלייט די מוטער מיט דעם זון מיט אַ גרויסן הוראַ!

אַלע, וואָס זענען אַרויסגעלאָפן פון שול, האָבן פונדערווייטנס צוגעשמייכלט און צוגעלאַכט.

* * *

ווען באָריס לעאָנטיעוויטש איז געקומען צום מיטאָג, האָט אים אַלגע איוואַנאָוונע באַגעגנט מיט אַ געלעכטער.

— דו ווייסט, מיין טייערער, איך בין היינט געווען אין דער יידישער שול...

— ביזטו דאָך גאָר אַ פרומע יידענע געוואָרן... איך האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דו ביזט אַזוי פרום.

— און יאַקאָב איז אויך געווען.

— און יאַקאָב אויך? אָט וואָס פאַר אַ צדיק ער וועט ביי מיר אויסוואקסן! אַנו, טייערער יאַקוב, קום אַהער, איך וועל דיר געבן אַ קוש דערפאַר און דערציילן מיר ווי געפעלט דיר די שול...

יאַקאָב איז צוגעגאַנגען, זיך געזעצט ביים פאָטער אויף די הענט, אים אַרומגענומען און געקושט.

ער האָט געזאָגט:

— איך וועל שוין, פאַפאַ, מער נישט גיין אין דערדאָזיקער זשידאָווסקע שול...

— מען טאָר נישט, מיין קינד, אַזוי זאָגן אויף אַ שול. אין אַ שול דאַוונט מען און מען בעט גאָט, אַז טאַטע-מאַמע זאָלן זיין געזונט. דערציייל מיר בעסער, ווי געפעלט דיר די שול... אַ יאָ, דו האָסט קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שיין אָרט ווי דאָרט, ווי מען זינגט, ווי מען דאַוונט... אַיאָ, אינדערהיים האָסטו אַזוינס נישט געזען?

— פאַפאַ! אינדערהיים האָב איך אַזוינס געזען. געדענקסט, מאַמע, פאַר „ראָזשדעסטוואָ", ווען דו ביזט מיט מיר געפאָרן אין די קלייטן, זענען מיר דורכגעפאָרן דורך דעם פּלאַץ „אָבזשאָרנע ריאַד"... דאָרט איז אויך אַזוי: מען שרייט, מען שלאָגט זיך, מען לאַכט, מען שרייט „הורא".

באָריס האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער, איז שטאַרק בייז געוואָרן און האָט יאַקאָבן אַנידערגעשטעלט אין ווינקל „בעז-סראָטשנאָ", ד. ה. ביז דער טאַטע וועט וועקן.

באָריס איז אָן ווערטער אַוועקגעגאַנגען אין אַן אַנדער צימער. אָלגע איוואַנאָוונע איז אים נאָכגעגאַנגען.

— נו, משוגענער, פאַרוואָס האָסטו אים באַשטראָפט?

— דו רעד נישט מיט מיר היינט, וועסטו גלייכער מאַכן.

— וואָס ווילסטו? ווער האָט דיר ערגעץ אָנגעזאָלצן, וואָס דו ביזט געקומען אַ פאַרכעסטער? וואָס האָסטו צום קינד?

ער האָט גענומען שרייען:

— דו פאַרדאַרבסט מיר דאָס קינד! ווער האָט דיך געבעטן, דו זאָלסט אים מיטנעמען אין שול אַריין? עס איז קאַרג וואָס ער איז אַ ייד און קען נישט קיין אלף-בית, דאַרף ער נאָך פיינט האָבן יידן אויך!..

— וואָס-זשע בין איך שולדיק? דאַכט זיך, אַז דו האָסט אַליין אַמאָל געזאָגט, אַז דו וואָלסט געוואָלט יאַקאָבן כאָטש אויסלערנען דאַוונען, ער זאָל כאָטש שבת קענען גיין אין שול אַריין...

— מאַלע וואָס איך האָב געזאָגט! מאַלע וואָס איך וואָלט געוואָלט! נאָר ווער האָט דיך געבעטן, פרעג איך דיך, אַז דו ווייסט נישט...

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז די שול זאָל אויף אים מאַכן אַזאַ שלעכטן איינדרוק... וואָס-זשע איז ער שולדיק? פאַרוואָס קומט

אים צו שטראָפן? איך בין עלטער פון אים, האָב איך אויך אַרויס-געטראָגן אַזאַ מיינונג וועגן דער יידישער שול... די יידן פירן זיך דאָרטן אויף נישט בעסער, ווי די געוויסע לייט אין „אָבזשאָרנע ריאַד"... מעגסט שוין זיכער זיין, אַז עס איז דאָס לעצטע מאָל.

— קענט איר האָבן אַ בעסער־ע מיינונג פון יידן, אַז איר זעט נאָר די שלעכטע זייטן פון זיי. דאָס איז דאָס אומגליק מיט די אַלע, וואָס האָבן פיינט יידן: זיי קומט אויס שטענדיק צו זען די שלעכטע זייטן פון יידישן לעבן... דער, וואָס זעט נישט און קען נישט די גוטע זייטן פון יידן, דאַרף נישט זען די שלעכטע אויך. דו און יאַקאָב אויך וואָלטן נישט באַדאַרפט גיין אין שול...

— באָריס, אַז דו האָסט אַזוי ליב יידן, וואָס-זשע ווייכסטו זיי שטענדיק אויס? דו באַגעגנסט זיך קיינמאָל נישט מיט זיי, דו קומסט נישט אין זייער שול, דו ווילסט זיך אַפילו נישט לאָזן דערקענען, אַז דו ביזט אַ ייד?

באָריס איז רויט געוואָרן, ווי פייער. ער האָט בייז געזאָגט:

— פרעג מיך נישט!.. פרעג מיך נישט, פאַרוואָס!.. דאָס איז מיין זאַך!.. דו האָסט נישט געליטן פאַר יידן! דו האָסט נישט גע-ליטן, ווי איך! דו וועסט מיך נישט פאַרשטיין, ווען איך זאָל דיר אַפילו ענטפערן. און וואָס ביזטו פלוצים געקומען צו מיר מיט אַזוינע פראַגן? פרעג מיך מער נישט וועגן אַזוינע זאַכן!—האָט ער אַ געשריי געטאָן און איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין קאַבינעט.

דאָרט האָט ער זיך גענומען פייניקן מיט זיך אַליין.

— ווערמען זאָל מען באַשולדיקן אין דעם, וואָס איך בין אַזאַ ייד, וואָס איך בין, ווי מען זאָגט, „נישט קיין ייד און נישט קיין גוי?" באַשולדיקן זיך, צי טאַקע די יידן אַליין? בין איך דען אַ שלעכטער ייד? האָב איך דען נישט ליב יידן און יידישקייט מיט מיין גאַנצן האַרץ? זיך אַליין וועל איך דאָך נישט אָפּנאַרן — מיין האַרץ פילט יידיש! איז דאָך טאַקע אַ פראַגע, פאַרוואָס אַנטלויף איך פון יידן, פאַרוואָס וויל איך זיך מיט זיי נישט קענען? האָבן זיי מיך דען אַליין נישט געבראַכט דערצו? איך בין געבוירן ביי יידישע פרייע עלטערן, איך האָב ליב געהאַט יידישע קינדער, איך האָב ליב געהאַט די יידישע שבתים, ימים-טובים, און דאָס יידישע לעבן בכלל, נאָר אַז איך בין אונטערגעוואַקסן, עלטער געוואָרן, האָב איך דערזען פיל חסרונות ביי יידן... איך האָב געוואָלט זיין בעסער פון

זיי, אַ בעסערער מענטש, א בעסערער ייד... וואָס־זשע קומט מיר דערפאַר? אָבער די יידן אַליין האָבן מיך אַוועקגעשטויסן. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז איך בין שוין גאָר קיין ייד נישט, אַנדערע — אַז איך בין אַן אַפּיקורוס... איך האָב אָבער נישט געוואָלט בלייבן, ווי זיי, און ווי איך האָב געוואָלט, האָבן זיי נישט געלאָזט, האָב איך געמוזט פון זיי אַוועק — אַזויפיל יאָרן האָב איך געלעבט גאָר אין אַן אַנדער וועלט מיט אַנדערע מנהגים. איצט מוז איך וווינען דאָ צווישן יידן איבער מיינע געשעפטן... איך וואָלט זיך פונדעסטוועגן נישט דערווייטערט פון זיי, נאָר, פאַרקערט, מיט פאַרגעניגן וואָלט איך געלעבט צוזאַמען מיט יידן, אָבער יידיש, ווי אַ מענטש, נישט ווילד, ווי זיי לעבן. איך וואָלט גאָר מיט זיי קיין מלחמות נישט געפירט, לאָזן זיי זיך לעבן, ווי זיי ווילן, ווי זיי פאַרשטייען און מיך לאָזן צורו, מיך לאָזן לעבן, ווי איך וויל. איך קען אָבער צופיל יידן!.. וועלן זיי זיך נאָר דערוויסן, אַז איך בין אַ ייד, וועט זיך ערשט אָנהייבן אַ סדרה מיט טומל און געפּילדער, אַז מען וועט מוזן אַנטלויפן פונדאַנען.

איבערגעבן אַלץ, וואָס באָריס האָט געטראַכט און איבער־געטראַכט, איז נישט אַזוי נייטיק פאַר דער דערציילונג. נישט באָריס איז דאָ דער העלד, נישט ער איז דער עיקר. פאַרבייגייענדיק האָט איר געמוזט, כאָטש אין קורצן, זיך באַקענען מיט אים.

אונדז אינטערעסירט מער זיין זון יאַקוב, מיט וועלכן מיר וועלן זיך שפּעטער אַ ביסל מער באַקענען.

* *
*

עס קען זיין, אַז מען וואָלט קיינמאָל אין פריבענדיווקע נישט געוווּסט, צי איז דער נייער פּריץ אַ ייד, ווען עס וואָלט זיך נישט געמאַכט אַ באַזונדער צופאַל.

אין אַ יאָר אַרום, נאָך דער מעשה מיט יאַקובן און זיין מוטער, וואָס האָבן באַזוכט די שול, איז אַלע שבת אַרויפגעקומען אַן אַלטער

ייד, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט נישט ווייט פון דער טיר און שטיל אָפּגעדאַוונט.

די, וואָס זענען געשטאַנען לעבן אים, האָט ער געזאָגט „אַ גוט-שבת" און איז אַוועק. קיינער האָט אים נישט געקענט און נישט גע-ווּסט ווער דאָס איז.

אין אָנהייב האָט מען גערעכנט, אַז ער איז אַ פרעמדער אָרעמאַן, נאָר ווען מען איז צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט, צי האָט ער שוין שבת, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט.

וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַ ייד? מסתמא אַ באַלעבאָס פון דער פרעמד, דאַרף מען אים אַרויפבעטן אין מזרח. ער האָט אָבער אָפּ-געדאַנקט און געזאָגט, אַז עס איז אים אַלצאיינס.

האָט מען זיך ווייטער געוווּנדערט: „וואָס הייסט, אַ ייד זאָל נישט זיצן אין מזרח?"

מען האָט אים אויפגערופן צו דער תּורה, האָט ער מנדר געווען אַ פּאָר רובל, איז געוואָרן נאָכמער וווּנדער: מנדר זיין געלט און שטיין ביי דער טיר?

מיט איין וואָרט, דער פרעמדער אַלטיטשקער ייד האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט דעם עולם און מען האָט אָנגעהייבן שטאַרק צווישן זיך צו רעדן וועגן אים: עפּעס יאָ אַ ייד און נישט קיין ייד און פאַרט אַ ייד, וואָס-זשע איז ער אַזוינס און וואָס טוט ער דאָ?

אַ טייל האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גר פון די מאָסקווער רייכע קאַצאַפּעס, אַ טייל — אַז ער איז אַ רייכער ייד פון דעם לאַנד פּ ר ס און האָט זיינע אייגענע אוצרות אין די גאָלדענע בערג, ווו מען האָט פאַרשיקט אויף קאַטאָרזשנע ראַבאָטע, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ און וויל זיך גיין אַלע שבת דאַוונען. און אַ טייל האָט גאָר געדרונגען, אַז ער מוז זיין עפּעס אַ ליטוואַק...

און אָט, הערט, וואָס פון דעם אַלטן ייד איז אַרויסגעקומען:

ווען אַלגע איוואַנאָוונע מיט באָריס לעאָנטיעוויטשן זענען געזעסן ביים מיטאָג, איז פּלוצלונג אַריין זייער באַקאַנטער ייד, ב אָ ב י ש, דער דאַמסקער שניידער, זייער פאַרטראָגן און פאַרסאַפּעט. אויף זיין פּלוצלונג אַריינקומען האָבן זיי זיך זייער פאַרוווּנדערט, וואָרים באָביש, ווען ער פלעגט קומען צום פריץ אָדער צו דער פריצטע, פלעגט ער גיין אויף די שפּיץ פינגער מיט גרויס דרך-ארץ, זיך איינגעבויגן

אין דרייען, זיך שטעלן פריער ביי די טיר און נאָכדעם פרעגן ביי דער דינסט, צי מען קען אריינגיין צו דער „פּאַני-סערדצע".

איצטער אָבער איז באָביש אריין גלייך, קיינעם נישט געפרעגט, גלייך ווי צו זיך אינדערהיים, דעם קאָפּ געטראָגן גלייך און עפּעס זייער פריילעך, אפילו דאָס היטל נישט אַראָפּגענומען פון קאָפּ.

— וואָס איז עפּעס מיט אייך אַזוינס, באָביש!—האָט באַריס מיט אַלגען געפרעגט צוזאַמען, פאַרשטייט זיך, ווי שטענדיק, אויף גויש.

באָביש האָט אין אָנהייב נאָר געשמייכלט און זיך געדרייט, ווי איינער, וואָס וויל עפּעס זאָגן און ווייסט נישט פונוואַנען אָנ-צוהייבן, נאָר דערנאָך האָט ער, צו זייער גרויסער פאַרוווּנדערונג, געענטפערט אויף יי ד י ש:

— איר זאָלט מיר אַלע לעבן און געזונט זיין, איר זענט אויך יי ד ן? איך האָב גאָרנישט געוווּסט... איך און אונזערע אַלע יידישע שונאים זאָלן אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס און פון קיין גלות, ווי איך האָב אפילו נישט אָנגעהייבן וויסן...

באָביש האָט ווייטער מיט פאַרגעניגן געשמייכלט, און אויף זיין פּנים האָט מען געזען, אַז ער שיינט פאַר גרויס גליק, וואָס זיינע פּריצים זענען יידן. באַריסן מיט אַלגען איז דאָס זייער געפעלן גע-וואָרן פון דעם גוטן באָבישן און עס האָט געמאַכט אויף זיי אַן איינדרוק.

עס האָט זיי אַזוי גערירט, אַז עס האָבן זיך זיי געשטעלט טרערן אין די אויגן. באַריס האָט מיט אַ שמייכל אָנגעהייבן רעדן מיט באָבישן אויך אויף יידיש.

— יאָ, ליבער ר' באָביש, זעצט זיך און נעמט אַ ביסעלע בראָנפן, איר האָט דאָך ליב קידוש צו מאַכן... נאָר זאָגט מיר, ליבער ר' באָביש, פונוואַנען האָט איר זיך גראָדע איצטער דערוווּסט, אַז מיר זענען יידן? איר האָט, דאַכט זיך, אַמאָל געפירט אונזער יאַקובן אין שול אריין... מיין פרוי איז אויך געווען אין שול...

באָבישעס האַרץ האָט זיך שטאַרק דערוואַרעמט פאַר גרויס שמחה, ווען ער האָט פלוצלונג דערהערט, ווי דער פּריץ רעדט צו אים אויף פּראָסט יידיש, אָבער אַזוי יידיש, פונקט ווי דער ערלעכ-סטער ייד רעדט, און בעט אים קידוש מאַכן, זיך אַנידערזעצן.

דאָס אַלץ האָט אים ווידער אַזוי גערירט און אַזוי פאַרדרייט

דעם קאָפּ, אַז ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען און נישט גע־קענט ענטפערן דערויף, וואָס באָריס האָט אים געפרעגט.

— וואָס ענטפערט איר גאָרנישט, ר׳ באָביש!—האָט אים באָריס געפרעגט, ווען ער האָט געזען, אַז יענער דרייט זיך עפּעס.

— איך... איך מוז אייך זאָגן דעם אמת ר׳... ר׳... ר׳ „פּאַניע־סערדצע״, אַז עס האָט מיר איצט ווי די צונג אָפּגענומען און איך קען נישט רעדן...

און פון באָבישעס אויגן האָבן זיך אָנגעהייבן גיסן טרערן.

— וואָס איז מיט אייך, ר׳ באָביש?... וואָס וויינט איר?

— ר׳... ר׳... ר׳ „פּאַניע־סערדצע... איר... זענט אַ ייד... ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען פאַר פרייד... איך בין עפּעס אַזוי פריי־לעך... אַזוי פריילעך... אַז עס האָבן זיך מיר אָנגעהייבן גיסן טרערן...

באָריס האָט געזאָגט:

— נו, זעצט זיך און באַרויקט זיך, ר׳ באָביש... נו, זאָגט אַליין, ר׳ באָביש, זענט איר נישט צעדולט?.. זאָגט מיר, וואָס איז מיט אייך דאָס גליק, אַז איך בין אַ ייד?.. גלויבט מיר, אַז איך וועל אייך איצט טייערער פאַר דער אַרבעט נישט צאָלן אַ גראָשן.

— אָ, איר זאָלט מיר געזונט זיין, ר׳ „פּאַניע־סערדצע״, איר קענט נישט ר׳ באָבישן... נישט דאָס מיין איך, איר מעגט מיר אַפילו צאָלן וועלוועלער, אָרט מיך אויך נישט. אַ ייד קען נישט צאָלן טייער... אַ פריץ איז עפּעס אַנדערש...

— טאָ, וואָס־זשע פרייט איר זיך אַזוי?

— סטייטש, איר זאָלט מיר געזונט זיין, ווי אַזוי זאָל איך נישט ווערן פריילעך, אַז פלוצלונג דערוויס איך מיך, אַז מיין פריץ איז אַ ייד... און מיין טייערע פריצטע איז אויך אַ יידענע און אייער יאַקאָב איז אַ יידיש יינגל...

באָריס האָט זיך ווייטער צעלאַכט.

— איר מוזט פאָרט זאָגן, ר׳ באָביש, וואָס איז מיט אייך אַזוי־אָס גליק, וואָס איך בין אַ ייד? וואָס איז ביי אייך פאַר אַ חילוק, וואָס און ווער איך בין?

— כלעבן, איר זאָלט מיר געזונט זיין... איך ווייס אַליין נישט, פאַרוואָס... נאָר איך האָב זיך עפּעס אַזוי דערפרייט... סטייטש, סטייטש אַ ייד!.. איך ווייס אַליין אויך נישט, וואָס צו זאָגן און צו ענטפערן דערויף. נאָר... נאָר... סטייטש, סטייטש אַ ייד...

מער האָט באָריס נישט געקענט אויסציען ביי אים קיין ווערטער, ער זאָל וויסן, וואָס איז מיט אים דאָס גליק אַזוי.

באָריס האָט אים אָבער פאַרשטאַנען. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס ליגט אין דעם יידישן כאַראַקטער זיך צו פרייען, ווען דער ייד געפינט נאָך אַ יידן.

יעדער אומגליקלעכער, וואָס וואַלגערט זיך אַרום אין דער פרעמד, דערפרייט זיך שטענדיק, ווען ער געפינט זיינעם אַ ברודער...

נאָכדעם, ווי באָביש האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט באָריס ווייטער אָנגעהייבן:

— נו, דערציילט מיר איצטער, ר' באָביש, ווי אַזוי האָט איר זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ ייד.

— אָט וועל איך אייך דערציילן. שוין פון אַ סך שבתים, אַז ביי אונדז אין שול האָט אָנגעהייבן קומען צו שבת אַ פרעמדער ייד דאַוונען. קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער דער אַלטיטשקער ייד איז. גיי איך אַזוי צו אייך איצטער, זע איך אַזוי אַריינגיין דעם יידן צו מיין פריץ...

— ע, איר זאָלט מיר געזונט זיין,—טראַכט איך מיר אַזוי,—עפּעס אַ ניי יידל האָט זיך צוגעשאַרט צו מיין פריץ. גייען מיר אַזוי אַריין ביידע אין טויער, קוק איך אויף אים און ער קוקט אויף מיר.

— צו וועמען דאַרפט איר? — פרעגט ער מיך.

— כאַ, כאַ!—צעלאַך איך זיך.— צו וועמען דאַרף איך? פרעגט איר מיך. — איך פרעג אייך: צו וועמען דאַרפט איר? דאָ וווינט דאָך מיין פריץ.

האָט ער אַ שמייכל געטאָן און זאָגט מיר:

— איר האָט אַ טעות, עס איז מיין פריץ...

דאָס האָט מיך פאַרדראָסן און איך האָב מיך אַ ביסל באַליידיקט. דער פריץ איז שוין אַזויפיל צייט מיין פריץ, און דאָ קומט פּלוצלונג אַ נייער ייד און זאָגט, אַז ער איז זיינער.

מאַכט דער ייד ווייטער:

— אייער פריץ איז מיין זון... דאָ וווינען מיינע קינדער. איר זענט, דאַכט זיך, זייער שניידער?..

— איך האָב זיך שיער נישט באַגראָבן אין דער ערד און האָב נישט געקענט ענטפערן פון גרויס ווונדער.

— איך האָב מיך שוין דאָ אויף אייך נאָכגעפרעגט, ליבער ייד,—

זאָגט ער ווייטער. — מיין שנור, זאָל לעבן, האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט אייך צו מיר שיקן. איר זענט, דאַכט זיך, אַ דאַמסקער שניידער... נאָר די קינדער האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז איר קענט אַלץ נייען און פאַר מאַנסלייט אויך...

זאָג איך:

— מען רופט מיך טאַקע „דאַמסקע שניידער", נאָר איך קען מאַנסבילשע קליידער אויך נייען.

בין איך אַריינגעגאַנגען אין שטיבל, וואָס שטייט דאָ אויפן הויף און האָב זיך אַזוי פאַרוואונדערט: סטייטש, איר זאָלט האָבן אַזאַ טאַטן מיט אַזויפיל יידישע ספרים... אַפילו גרויסע גמרות האָב איך דאָרט געזען... איך האָב זיך אַזוי דערפרייט, אַז איך בין אַריינגעלאָפן צו אייך...

— יאָ, ער איז מיין פאָטער און איז זייער אַן ערלעכער ייד און אַ גוטער מענטש.

— אָבער איר זאָלט מיר געזונט זיין, פאַרוואָס זע איך קיינמאָל נישט אייער טאַטן ביי אייך אין שטוב?

— ווען קענט איר אים זען? ער קומט נאָר אײנאָוונט, אַ גאַנצן טאָג זיצט ער זיך ביי זיך אין שטיבל, אָדער ער דאַוונט אָדער ער לערנט. אַן אַלטער ייד, אויף דער עלטער, וואָס זאָל ער דען טאָן?

— נו, אָט עסט איר איצט מיטאָג, קומט ער אַפילו נישט צום מיטאָג?

איר ווייסט דאָך, ביי מיר איז אַ טרפה-קיך און ער עסט כשרס... מען קאָכט אים דאָרט באַזונדער...

באָביש האָט נאָר געצויגן מיט די פּלייצעס און זיך געוווּנדערט:

„וואָס עס קען אַלץ פּאַסירן אויף דער וועלט!"

* * *

נאָכדעם איז גאַנץ פריבענדיוקע פון קליין ביז גרויס געוואָר געוואָרן, „אַז דער בייער פריץ איז גאָר אַ ייד" און דער אַלטיטשקער

ייד פון דעם לאַנד „פּרס", וואָס מען האָט געמיינט, אַז ער איז „אַ ליטוואַק", איז גאָר דעם נייעם „פּריצס טאַטע".

שבת, נאָכדעם, ווען מען איז געוואָר געוואָרן „פון דעם נייעם פּריץ מיט זיין טאַטן", איז געווען אַ שבת פון רייד, פון מעשיות.

מען האָט גערעדט נישט ווי מען דאַוונט אַלע שבת, באַבישן האָט מען פּשוט פאַרמוטשעט. יעדער האָט געוואָלט וויסן מיט אַלע פּיטשעווקעס, פּינקטלעך, אַקוראַט, ווי אַזוי און ווי און ווען און אויף וואָס פאַר אַן אופן איז עס אַנטפּלעקט געוואָרן די מעשה מיטן פּריץ.

באַביש איז קוים אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב אויף דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג.

ער איז שוין געבליבן אָן אַ מויל, יעדן צען מאָל דערציילנדיק און איבערדערציילנדיק.

שבת, ביי טאָג, נאָכן שלאָף, האָבן אַלטע יידן געזאָגט, אַז עס איז זיך גאָרנישט דאָ וואָס צו וווּנדערן. זיי וויסן פון אַזוינע אַ סך מעשיות און מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז מען קען אַ יידישע נשמה נישט שאַצן.

— דאָס איז געשען, ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל, — האָט דערציילט אַן אַלטער ייד, אַ מקובל, זיצנדיק אין בית־המדרש פאַר מנחה, — ווען מיין טאַטע האָט נאָך געוווינט אויפן באַרג לעבן דער אַלטער קלויז. דעמאָלט האָט מען נאָך קיין יידישע „רעקרוטן" נישט גענומען (צו דער מעשה געהערן זיך אפילו נישט אָן קיין „רעקרוטן", אָבער דער מקבל האָט אָן די „רעקרוטן" קיינמאָל קיין מעשה נישט אָנגעהייבן), האָט פון יענער זייט באַרג געוווינט איינער, וואָס פלעגט ביין זיין גאַנץ לעבן געשווירן די באָרד און אָן אַ היטל. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים, פאַרשטייט זיך, באַגראָבן פון יענער זייט פאַרקאַן און נאָך זיין מטה איז אפילו אַ הונט נישט נאָכגע־גאַנגען. אָבער נישט שפּעטער ווי אויף דער אַנדערער נאַכט איז גע־קומען דער מלאך המות צום פּרנס־חודש און האָט אים געזאָגט:

דו רשע! דו האָסט דיר פאַרזינדיקט דיין גאַנץ לעבן און איך בין געקומען נאָך דיר...

— איך? — האָט זיך אָנגעהייבן בעטן מיט תחנונים דער פּרנס־חודש. — איך בין תמיד געווען אַזוי פרום, שטענדיק געדאַוונט, די יאַרמולקע איז נישט אַראָפּ פון מיין קאָפּ, איך זאָרג פאַר דער גאַנצער

שטאָט יידן און טאָמער האָב איך געזינדיקט, בין איך דאָך מער נישט ווי אַ בשר ודם...

— דו רשע! שוויג, און הער וואָס מען טוט צו דיר רעדן, רשה! פאַרוואָס האָט איר נעכטן מבייש געווען אַזאַ טייערן צדיק, וואָס האָט זיך אויף אייביק געקויפט די יענע וועלט און זיין שטול אין גן-עדן איז שוין לאַנג אָנגעגרייט אויבנאָן לעבן די אבות?—איר האָט אים מבייש געווען און באַגראָבן פון יענער זייט פּאַרקאַן, און דער צדיק האָט, נעבעך, אומזיסט געליטן... אייער גאַנצע שטאָט האָט זיך דערמיט פאַרזינדיקט. נאָר דער גזר איז אַרויס נאָר אויף דיר, דו רשע! ווייל דו ביזט דרייסיק יאָר געווען זייער „פאַסטוך", האָסטו באַדאַרפט אכטונג געבן, אַז אַ גאַנצע עדה יידן זאָל זיך נישט פאַרזינדיקן, דו רשע!..

אין גרויס ציטערניש און פלאַטערניש האָט דער פּרנס-חודש זיך אָנגעהייבן בעטן:

— סטייטש, ער איז זיין גאַנץ לעבן געגאַנגען מיט אַ געשוירענער באָרד און אָן אַ היטל...

אָבער דער מלאך המות האָט זיך גאָכמער צעשריען:

— שטיל, דו רשע, און מאַך שווייגן דיינע לעפצן! מען טאָר נישט שאַצן קיין יידישע נשמה! הער, ווי דער צדיק האָט זיך געקויפט יענע וועלט: נאָך ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן, איז ער אַמאָל דורכגעפאָרן דורך אַ יידיש שטעטל. זעט ער, ווי דאָס גאַנצע שטעטל לויפט. איז ער אויך צוגעגאַנגען, זעט ער, ווי אינמיטן מאַרק, לעבן אַן אָרעם שטיבל, שטייען קלעזמער מיט די כּלים, אַ פּויקער מיט דער פּויק, אַ גרויסער עולם, און אַ כּלה וויינט און מחותּנים קריגן זיך און שעלטן זיך, און דער חתן זאָגט:

— אַז מען וועט מיר נישט געבן קיין נייעם טלית, ווי מען האָט צוגעזאָגט, וועל איך נישט גיין צו דער חופּה.

און די מחותּנים רייסן זיך און דער עולם טענהט איבערן חתן. און די קלעזמער שטייען מיט די כּלים און דער פּויקער מיט דער פּויק.

און די כּלה וויינט שטאַרקער און דער חתן זאָגט ווידער זיינס:

— אַז מען וועט מיר נישט געבן קיין טלית, וועל איך נישט גיין צו דער חופּה.

פּלוצלונג זעט דער עולם, ווי איינער, וואָס האָט אַ פּנים, ווי

א גוי, שטופט זיך צווישן עולם מיט אַ פעקל און קריכט גלייך צו צום חתן און זאָגט:

— איך דאַרף נישט...—נאַ, איך שענק דיר אַוועק מיין שפּאָגל-נייעם טלית און קריג זיך נישט און גיי צו דער חופּה און האָב ליב דיין כלה.

ער האָט פון פעקל אַרויסגענומען אַ שפּאָגלנייעם טלית נאָך מיט אַ זילבערנער ע ט ר ה און איז באַלד אַוועקגעפאָרן.

דער עולם האָט זיך נישט געקענט פאַרוווּנדערן אויף דעם נייעם טלית, די מחותּנים האָבן זיך אויפגעהערט צו קריגן, די קלעזמער האָבן זיך גענומען צו די כּלים, דער פּויקער צום פּייקל, דער חתן איז געגאַנגען צו דער חופּה און די כּלה האָט אויפגע-הערט צו וויינען...

באַלד האָט מען אויסגעשריגן אויף דעם הימל, אַז מען זאָל שטעלן אַ גאָלדענע שטול אין גן-עדן פאַר דעם, וואָס האָט געשענקט דעם טלית!

דערמיט האָט ער זיך געקויפט יענע וועלט, און ער מעג אפילו זיך שערן די באָרד און גיין אָן א היטל זיין גאַנץ לעבן, וועט מען אים אַלץ מוחל זיין. זיין נאָמען האָט מען באַלד פאַרשריבן צווישן די גרויסע צדיקים. פון דעם פּאַרפּאָלק איז דערנאָך אַרויסגעקומען אַ גרויסער צדיק אויף דער וועלט, און אַלע מלאכים, וואָס קוקן זיך צו צו דעם יונגן צדיק, לויבן און זינגען שטענדיק פאַרן בורא-עולם און דערמאָנען אַלע מאָל צו גוטן דעם, וואָס האָט געשענקט דעם טלית. וואָרים ווען נישט דער טלית, וואָלט קיין גרויסער צדיק נישט אַרויסגעקומען. און דו, רשע, — האָט דער מלאך המות געשריגן מיט פייער אין מויל, — און דו, רשע, האָסט אַזאַ גרויסן צדיק מבייש געווען פאַר אַ גאַנצער עדה און אים געהייסן באַגראָבן אויף יענער זייט פּאַרקאַן!.. וואָלסטו געזען, רשע, וואָס פאַר אַ גרויסן פּאַראַד מען האָט אים געמאַכט אויף יענער וועלט, ווי אברהם, יצחק, יעקב און משה רבינו, אהרון הכהן, דוד המלך און דער מעזשיבוזער בעל-שם-טוב מיט נאָך אַ סך צדיקים און צדקניות האָבן זיך אויפגעהייבן פון זייערע שטולן און אים בעגאַנגעגן אַקעגן. און אויף דיר, רשע, איז אַרויס נאָר וואָס אַ גזר, איך זאָל דיך מאָרגן אַוועקשלעפּן אין גיהנום אַריין!.. דו האָסט נאָר צייט צו שרייבן אַ „צוואה”.

און דער מלאך המות איז אַוועק אין גרויס גרימצאָרן.

— אויף מאָרגן, ווען דער „פּרנסה-חודש" האָט זיך אויפגעכאַפּט, — האָט ווייטער דערציילט דער אַלטער מקבל, — האָט ער מודיע געווען דעם גאַנצן שטעטל, אַז ער איז קראַנק. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס גאַנצע שטעטל, אַלט און יונג, ווייבער און קינדער פון די וויגן האָבן באַלאַגערט דעם פּרנסה-חודשס שטוב און ער האָט פאַר אַלע-מען דערציילט די גאַנצע מעשה.

איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד און עס איז נאָך געווען פאַר די „רעקרוטן", בין איך אויך געלאָפן, אָבער איך האָב זיך צו דער טיר נישט געקענט דערשטופּן; מען האָט מיך דעמאָלט, געדענק איך, ווי היינט, שיעור נישט צעטראָטן.

דערנאָך האָט דאָס גאַנצע שטעטל און איך אויך (איך געדענק עס, ווי היינט) געזאָגט תהלים אין אַלע שולן און בתי-מדרשים, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן: פּונקט אין דרייאונצוואַנציק שעה אַרום איז דער פּרנסה-חודש געשטאָרבן.

שפּעטער מיט עטלעכע חדשים איז דער פּרנסה-חודש געקומען צו חלום דעם אַלטן רב, ז״ל, דעם היינטיקן רבס טאַטע, און האָט אים דערציילט, אַז ער ליידט דאָרט זייער פיל און אַז דערנאָך, ווען ער וועט אַלץ אָפּקומען, וועט ער מוזן מגולגל ווערן אין אַ יידן, וואָס וועט האָבן אַ פּנים פון אַ גוי, זיך שערן די באָרד און גיין אָן אַ היטל און ערשט דערנאָך וועט ער מוזן קומען צו דער קבורה מיט בזיונות, אַזוי ווי ער האָט מבייש געווען דעם יידן, וואָס האָט געוווינט פון יענער זייט באַרג, אַקעגן דער שטוב, ווו מיין טאַטע האָט געוווינט, ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל, נאָך פאַר די „רעקרוטן"...

און נאָך הונדערטער מעשיות האָט מען אויסדערציילט איבער דעם שבת, אָבער דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט געמאַכט דעם מקבלס מעשה.

מען האָט זיך געפרעגט:

— טאָמער איז דער נייער פריץ, וואָס איז אַ ייד, דער גלגול פון דעם פּרנסה-חודש?..

קיינער האָט אָבער נישט געענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע און מען האָט עס שטיל אַראָפּגעשלונגען.

פון דער צייט אָן האָט זיך דער נייער פריץ גערעכנט אין פריבענדיוקע פאַר אַ יידן, עס פאַרשטייט זיך, פאַר „אַ דייטשישן

יידן", פאַר אַ יידן פון דער הייגטיקער וועלט. ביסלעכווייז האָט מען אים אָנגעהייבן צו רעכענען פאַר אַ פריבענדיוקער באַלעבאָס, און ערב פסח, ווען מען איז אַרומגעגאַנגען נאָך מעות חטים, איז מען אויך אַריינגעגאַנגען צו באָריסן.

פורים און חנוכה, אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק, האָבן אָנגעהייבן גיין צו אים יידישע אָרעמעלייט.

באָריס לעאָנטיעוויטש מיט זיין פאַמיליע האָבן נישט געענדערט זייער לעבנסשטייגער. זיי האָבן נאָר פאַר יאַקאָבן אָנגעדונגען אַ יידישן מלמד, ער זאָל אַריינגיין אויף אַ שעה צוויי אין טאָג לערנען מיט אים אלף-בית.

דעמאָלט האָט זיך יאַקאָב באַקענט מיט אַ צוויי, דריי יידישע ייִנגלעך, צווישן זיי אויך מיט כייקל פישקעמאַכער. די ייִנגלעך האָבן אים אָנגעהייבן רופן „יענקל" און אים שטאַרק מקנא געווען, וואָס ער ווייסט נישט פון דער קינדערשער קאַטאָרגע, וואָס הייסט „חדר".

פאַר אייניגעווענס האָט מען אים אויך מקנא געווען, וואָס ער גייט שטענדיק ריין, שיין, און לעבט אַ פריי פריילעך לעבן.

דאָס אַלץ האָט זיך אָבער אַזוי געפירט, כל זמן יאַקאָב האָט זיך גערעכנט פאַר אַ ייִנגל. ווען ער איז אָבער עלטער געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגעטיילט פון זיינע יידישע חברים.

דעם יידישן מלמד, וואָס האָט אים אויסגעלערנט דאַוונען, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן, מיט יידן האָט ער כלל נישט פאַרקערט. דאָס גאַנצע יידישע לעבן האָט אים אויסגעזען זייער לאַנגווייליק, טרויעריק און טונקל.

וועגן אַלע יידן האָט ער געהאַט אַ מיינונג, אַז זיי זענען ווילדע פאַנאַטיקער, אַ פינסטער פאַרגרעבט פאָלק, און ער פלעגט זיך אַפילו וווּנדערן, וואָס צו זיין פאָטער אין הויז פלעגט אַמאָל אַריינקומען אַ ייד.

ווען יאַקאָב איז שוין געוואָרן אַ פיינער יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק, איז ער גאָר אַוועקגעפאָרן פון פריבענדיוקע, געלעבט אין גרויסע שטעט, פאַרקערט נאָר מיט קריסטן, געקומען נאָר אין רוסישע הייזער. אין זכרון איז אים נאָר געבליבן די „סמעשנע" יידישע „סינאַגאָגע", דער „סמעשנער" חזן, וואָס גאָרגלט זיך, די „סמעשנע" פריבענדיוקער יידן מיט זייערע ווילדע לאַנגע פיאות און קאַפּאָטעס,

די פאַרשמירטע אָפּגעשליסענע יידישע יינגלעך, די קויטיקע פאַרדריי־פּטע יידישע ווייבער, און דערמאַנען פלעגט ער זיך אין זיי נאָר דעמאָלט, ווען אין אַ רוסיש הויז פלעגט ווערן אַ שמועס וועגן די „סמעשנע בידנע זשידקעלעך", אָדער אין אַזאַ אָוונט, ווען מען פלעגט קומען פון טעאַטער, וווּ מען האָט פאָרגעשטעלט סצענעס פון יידן מיט לאַנגע פּיאות אויף צו לאַכן.

אָפּגעלעבט אויף גאָטס וועלטל און אויפן טאַטנס חשבון אַ וואָסערע פינפאונצוואנציק יאָר, האָט אים דערעסן דאָס בחורשע לעבן, און ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייך יידיש פריילן. זיין יונג ווייבל איז אַרויסגעקומען פון אַזאַ הויז און האָט געהאַט אַ באַגריף פון יידנטום און פון יידן מיט זייער לעבן, פונקט ווי זיין מוטער אָלגע איוואַנאָוונע.

אין עטלעכע יאָר אַרום, נאָכדעם, ווי ער האָט מיט זיין יונג ווייבל אָנגעזען די גרויסע וועלט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונג פּאָרפאָלק נאָך דער חתונה, האָט ער זיך באַזעצט אין פּריבענדיוקע, און האָט גענומען פירן זיין פאָטערס געשעפטן. דער פאָטער מיט דער מוטער האָבן אויף די עלטערע יאָרן זיך איבערגעצויגן קיין אויסלאַנד.

יאַקאָב איז געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס און האָט זיך ערנסט אָפּגעגעבן מיט די געשעפטן. מיט יידן האָט ער זיך כמעט נישט אָנגעקערט. ער מיט זיין פרוי זענען זיך עפּטער צוזאַמענגעקומען מיט די פּריצים, וואָס האָבן געוווינט אין פּריבענדיוקע און מיט די פּאָמעשטשיקעס פון דער געגנט.

מיט דעם יידישן מצב, מיט דער יידישער פראַגע האָט ער זיך קיינמאָל נישט אינטערעסירט, אמאָל, נאָך אַ גוטן מיטאָג פלעגט ער לייענען אין די צייטונגען וועגן יידן, פונקט אַזוי קאַלטבלוטיק, ווי אַ קריסט, וואָס לייענט אין די צייטונגען נייס פון אַנדערע פעל־קער און אומות.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהייבן הערן די יידישע פּאָגראָמען און יאַקאָב האָט אויך אין די גאַזעטן געליינט, אַז מען פּאַלט אָן נישט בלויז אויף פאַנאַטישע יידן, נאָר אַפילו אויף אַזוינע יידן, ווי ער איז, האָט ער נישט ווילנדיק גענומען טראַכטן, אַז ער איז אויך אַ ייד. זיינע פריערדיקע גוטע פריינט פון די קריסטן, וואָס זענען אים געווען שולדיק געלט, האָבן אים איצט פּלוצים ביי יעדן צופאַל גע־געבן צו פאַרשטיין, אַז זיי זענען קריסטן און ער איז אַ ייד... אַ

טייל פון זיי האָט אים פאַרזיכערט, אַז אין פריבענדיוזקע וועט מסתמא אויך נישט אויספעלן קיין פּאָגראָם און פאַן יאַקאָבן וועט מען אַ ביסל צעלייגן... פאַן יאַקאָב מיט זיין פרוי האָבן זיך דערויף אַפילו געוווּנדערט, און כמעט נישט געגלויבט, אַז זיי דאַרפן מורא האָבן פאַר אַ פּאָגראָם, אָבער דאָס האַרץ האָט זיי פאָרט צוגעציטערט דערביי.

— וואָס טוט מען, ווי אַזוי באַוואָרנט מען, טאָמער וועט דאָ טאַקע אויסברעכן אַ פּאָגראָם?—האָט ער געפרעגט דאָס ווייב.

און זי האָט געענטפערט:

— נו, וואָס-זשע זאָרגסטו זיך אַזוי? עס איז אַוודאי אַ רחמנות אויף די בידנע יידן, אָבער וואָס קענען מיר העלפן? זיי האָבן שוין, נעבעך, אַזאַ פינסטער מזל... אומעטום האָט מען זיי פיינט, אומעטום טרייבט מען און מען שלאָגט זיי.

— יאָ... אָבער נישט דאָס פרעג איך דיך... איך פרעג דיך, וואָס טוט מען, וואָס זאָלן מ י ר עפּעס טאָן?..

— מיר? וואָס קענען מיר טאָן? — האָט די פרוי געענטפערט.— מיר קענען גאָרנישט טאָן...

— איך מיין, מיר האָבן עפּעס אויך אַ הויז מיט באַלעבאַטיש-קייט גלייך ווי אַלע יידן און נאָך אפשר אַ ביסל מער...

זיין פרוי איז שוין עטוואָס בלאַס געוואָרן.

— מיר?.. מיר?.. וואָס געהער זיך עס אָן צו אונדז? ווער וועט אונדז טשעפּען? וואָס קען מען האָבן צו אונדז?..

— אָבער מיר זענען דאָך אויך יידן!..

— נו, איך ווייס, איך ווייס, אַז מיר זענען יידן, אָבער וואָס געהערן זיך אָן פּאָגראָמען מיט אונדז? זענען מיר דען אַזוינע יידן? ווער קען אונדז דען פאַר יידן, פאַרוואָס זאָלן מיר ליידן פון פּאָגראָמען?..

— ביזט אַוודאי גערעכט, מיין טייערע... נאָר אויף אַזוינע זאַכן פרעגט מען נישט קיין קשיות... זעסט דאָך, אַז אונדזער בעסטער פריינט איז י... דאָקטאָר זיינוועליגאָוו און אַדוואָקאַט קלויז-נעראָוו און אינזשיניער שמואַלעוויטש און נאַכימאָוו, ראַ-ביגאָוו, כאַצקעלאָוו און נאָך אַזוינע, וואָס האָבן מיט יידן קיינמאָל ניט פאַרקערט און עס איז גאָרנישט צו דערקענען אויף זיי, אַז זיי זענען יידן, האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס ערשט יענע וואָך זיי אַלע

בדיל הדל געשטעלט און זיי גוט צעמזיקט און איצט וואלגערן זיי זיך מיט ווייב און קינדער אין די פאלאטקעס גלייך מיט אלע...

די מאדאם האט זיך אנגעכאפט ביים קאפ פאר גרויס שרעק און איז געווארן ווייס, ווי די וואנט.

— וואס רעדסטו? סטייטש: שמואלעוויטש, ראבינאוו, כאצקעלאוו און קלויזנעראוו ליגן אין פאלאטקעס!.. זיי אויך, פארוואס? סטייטש, מיט וואס זענען זיי שולדיק? דאכט זיך... אזוינע אינטעליגענטע מענטשן?.. סטייטש שמואלעוויטש! זיין מאדאם קען אפילו קיין יידיש נישט רעדן, זיינע קינדער וויסן אפילו נישט, צי זיי זענען יידן. עס איז גארנישט צו גלויבן! די מאדאם שמואלעוויטש מיט דעם גאלדענעם סאשע מיט דעם זיסן קינד מאשע אין פאלאטקע, ווי אלע יידעלעך...

— אבער צו וואס רעדסטו אזוי מיט הארץ?

זי האט אבער נ...ט אויפגעהערט צו שעפטשען: נאכימאוו... קלויזנעראוו... כאצקעלאוו...

ביידע האבן נישט געקענט געפינען קיין עצה, וואס צו טאן און ביידע האבן שטארק געליטן.

סוף כל סוף איז יאקאב געגאנגען „צו די יידן” פרעגן אן עצה, וואס טוט מען? צו די יידן איז ער געגאנגען, פון וועלכע ער פלעגט פריער אנטלויפן, מיט וועלכע ער האט זיך קיינמאל נישט אנגעקערט.

לעזער, באשולדיקט נישט יאקאבן! זאל גאט אייך און יעדן מענטשן אפהיטן פון צו זיין אין אן אומגליק...

שפעט נאך האלבער נאכט איז ער געקומען אהיים פון „די יידן”. זיין פרוי האט זיך די נאכט נישט געלייגט שלאפן און מיט אומגעדולט געווארט אויף אים.

— נו, וואס הערט זיך, ווו ביזטו אזוי לאנג פארפאלן געווארן? — האט זי אים געפרעגט. — איך האב שוין אליין נישט געוווסט, וואס איבערצוטראכטן.

— ביי די יידן בין איך געוועזן און האב זיך קוים אויסגעריסן פון זיי...

— נו, וואס־זשע האבן זיי דיר געראטן? וואס האבן זיי געזאגט? וואס האבן זיי דיר געהייסן טאן?

— וואס זיי האבן מיר געראטן, פרעגסטו? אט וועל איך דיר דערציילן. ווי איך גיי אזוי, טראכט איך מיר, ווו הייבט מען אן

צו גיין? טראַכט איך מיר, אַז איך וועל פריער אַריינגיין צום רב, דאָרט וועל איך געוויס געפינען קלוגע יידן...

אָבער גייענדיק צום רב, האָב איך געזען, ווי דער גאַנצער מאַרק איז פאַרפלייצט מיט יידן, אַלטע און יונגע; האָבן זיי מיך אַלע אַרומגערינגלט און גענומען שרייען:

– דער ליבער פאַן יאַקאָב איז געקומען... ווען עס איז אַ צרה אויף יידן, האָט ער זיך דערמאָנט אין אונדז... מען קען קיין יידישע נשמה נישט שאַצן.

– עס האָט זיך אין דעם פאַן יאַקאָב דערוועקט דאָס יידישע האַרץ...

– ראַטעוועט אונדז מיט די מענער און קינדער!

– גיט אונדז עפּעס אַן עצה צו דעם גרויסן גזר דין פון גאָט, מען זאָל אונדז אונדזערע טעכטער, אונדזערע הייליקע ספרים פון די שולן און בתי־מדרשים נישט שענדן...

– זיי האָבן מיך פאַרשריען מיט קולות, און נישט איך האָב ביי זיי געקענט פרעגן אַן עצה, נאָר זיי האָבן גאָר ביי מיר געפרעגט אַן עצה.

– זיי האָבן אַלץ געטענהט: איר זענט דאָך, ברוך השם, נישט אַזאַ פּראָסטער ייד, ווי מיר, וואָס דער קאָפּ איז אונדז שטענדיק פאַר־שלאָגן מיט דער וויסטער פּרנסה... איר זענט דאָך אַ ייד פון דער היינטיקער וועלט, איר פאַרקערט מיט גרויסע שררים און גרויסע לייט, איר זענט ביי זיי אַ חשוב, טאָ זענט אַ גוטער מליץ פאַר יידן. מיר זעען דאָך, אַז זיי באַגייען זיך מיט אייך, ווי מיט זייערס גלייכן... וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן? גיט אונדז אַן עצה, האָט רחמנות אויף אונדזערע ווייבער און קינדער. מען זאָגט, אַז היינטיקן זונטיק וועט זיין אַ פּאָגראָם... ערשט נישט לאַנג איז אין ב... געווען אַ פּאָגראָם, מען זאָגט, אַז די ב–ר פּאָגראָמשטשיקעס גייען צו אונז, זיי זענען שוין אונטער דער שטאָט... האָט רחמנות אויף אונדז, פּאַניע יאַקאָב, און ראַטעוועט אונדז...

– דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרטומלט, – האָט יאַקוב ווייטער דערציילט. – איך האָב גאָרנישט געוווּסט וואָס צו טאָן, וואָס זיי צו זאָגן... מיר האָט שוין באַנג געטאָן וואָס איך בין געקומען... און דאָ האָב איך געהערט, ווי מען לויבט מיך פון אַלע זייטן: „פאָרט אַ ייד, קיינמאָל קערט ער זיך נישט אָן מיט יידן, ער קומט אַפילו

נישט אין קיין יידישער שול און איצטער... איצטער, אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ גרויסע צרה אויף יידן, איז ער געקומען... לאָז אים גאָט באַצאָלן פאַר זיין גוטסקייט, לאָז ער האָבן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר דעם גן-עדן... עס האָט מיך אָנגענומען אַ גרויס רחמנות אויף זיי און איך בין געשטאַנען, ווי אַ געפּלעפּטער...

די מאַדאַם האָט זיך צעוויינט:

— וואָס זשע האָסטו זיי געענטפערט, די אומגליקלעכע?

— וואָס איך האָב זיי געענטפערט? איך האָב זיי געפרעגט וואָס טוט איר דערוויל? צו וואָס האָט איר זיך דאָ צוזאַמענגעקליבן אויף דעם פּלאַץ? דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט, דאָס האַרץ האָט מיר געדריקט, און אין די אויגן איז מיר געוואָרן פינסטער... איך האָב קוים געזאָגט: וואַרט צו אַ ביסל, איך וועל באַלד קומען, וועל איך אייך זאָגן... מען האָט מיר געמאַכט אַ וועג און איך האָב זיך דורכגעשלאָגן אַהיים...

— נו, וואָס זשע? — האָט די מאַדאַם געפרעגט.

— וואָס פרעגסטו מיך? איך ווייס נישט, עס דריקט מיך זייער ביים האַרצן, איך וויל וויינען... דער קאָפּ ברעכט מיר...

— נאַר, יאַקאַב, — האָט די מאַדאַם געזאָגט אין גרויס שרעק, — די אומגליקלעכע וואַרטן דאָרט אויף דיין ענטפער, זיי האָפן...

— נו, טאָ לאָמיר גיין, טאָמער וועלן מיר זיי ביידע צוזאַמען עפּעס קענען זאָגן... די אומגליקלעכע האָפן דאָך אויף אונדז...

* * *

אַ זומערדיקע וואַרעמע נאַכט. די לבנה באַהאַלט זיך אויף עט-לעכע מינוט און באַווייזט זיך אויף אַ מינוט. אין אַלע הייזער איז טונקל-ליכטיק. אַפילו דער גרעסטער אָרעמאַן, וואָס אין אַ זומערדיקער נאַכט ברענט ביי אים אַ ליכט פון שבת צו שבת, האָט איצט בלויז אָנגעצונדן אַ קאַגאַניץ.

אין קיין איינציקער יידישער שטוב וועט איר נישט געפינען אַ לעבעדיקן מענטשן, סיידן אפשר אַ קראַנקן אָדער אַ קימפעטאָרין און ווייטער איז אומעטום פוסט. אַלץ איז פון די שאַפעס, פון די קאַמאָדעס אַרויסגענומען, איינגעפּאַקעוועט אין קלומקעס און אין קאַסטנס און שטייט אינמיטן שטוב.

קיינער היט נישט די זאַכן. בלויז די שטובקאַץ גייט אַרום שטיל פון איין קלומעק צום אַנדערן און שמעקט און לעקט און וווּנדערט זיך זייער, וואָס דאָ קומט פאָר אַזוינס. זי ווייסט ווויל, אַז תמיד אין דער צייט ליגט זי שוין אויף דעם וואַרעמען אויוון און קוקט נאָך, ווו האָט דאָ ערגעץ די קעכין אָדער די באַלעבאָסטע פאַרגעסן צו פאַרדעקן און פאַרשליסן.

דערנאָך, אַז זי פאַרזוכט שוין פון אַלץ, וואַרפט זי אַוועק דעם וואַרעמען אויוון און גייט זיך אַוועק אין דעם וואַרעמען בעטל, ווו די קינדער שלאָפן. דאָרטן וויקלט זי זיך אויך איין אין דער קאָלדרע.

עס איז איר אַזוי ליב, ווען די קינדער אין שלאָף נעמען זי אַרום מיט די וואַרעמע הענטלעך, און איצט קוקט זי אַזוי טרויעריק אויף אַלץ. אַלץ איז אָפן, נישט פאַרשלאָסן. אַפילו דאָס שאַפקעלע, וואָס האָט זי תמיד אַזוי געלאָקט, ווייל דאָרט שטייט אַלעמאָל דאָס שמאַלץ מיטן פוטער, איז איצט אָפן. און ביזאַהער איז קיינמאָל נישט געווען אַזאַ פאַל, אַז די קעכין זאָל פאַרגעסן צו פאַרשליסן דאָס שאַפקעלע. איצט זענען ביידע טירלעך אָפן, נאָר עס איז דאָר גאָרנישטאָ... אַלץ, אַלץ איז אָפן, אַלע טעפּ און טעפּלעך זענען אויפגעדעקט, נאָר עס איז גאָרנישטאָ... אַפילו אַ לעק נישט, עס איז אומעטום אויסגעטריקנט...

דער אויוון איז אויך נישט וואַרעם, מען האָט שוין לאַנג נישט געהייצט, אין דעם קינדערשן בעטל איז אויך קאַלט. נישטאָ קיין ווייכע קישן, קיין קאָלדרע, קיין וואַרעמע קינדערשע הענטלעך, וואָס זאָלן זי גלעטן.

טרויעריק און פוסט, ווו מען קוקט זיך נאָר אַרום!..

און די קאַץ דרייט זיך אַרום מיט שטילע טריט אין דער פוסטער שטוב פון איין קלומעקל צום אַנדערן און שמעקט און לעקט, טאָמער וועט זי דורכדעם געוואָר ווערן, וואָס איז דאָ אַזוינס געשען?

עס איז געווען אַ שווערע נאַכט. די יידן האָבן געוואַכט און טויזנט מאָל אין אַ מינוט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן — פון וועלכער זייט וועלן אָנקומען די פּאָגראָמשטשיקעס.

ווייבער און קליינע קינדער, אַלטע און שוואַכע יידן האָבן זיך צוגעשפּאַרט אויף די פּריזבעס און געדרעמלט.

ביי יעדן גערויש עפּענען זיי זייערע שוואַכע אויגן און פרעגן:

— וואָס הערט זיך עפּעס, יידישע קינדער?

— עס איז נאָך שטיל, מען הערט נאָך גאָרנישט... — ענטפערן הונדערטער קולות פון די יידן, וואָס גייען אַרום מיט דריקעס און בולאַוועס איבער די גאַסן און היטן די שטאָט.

עס פאַלן ווערטער פון די־יעניקע, וואָס זיצן אויף די פּריזבעס:

— געלויבט איז גאָט!

— געלויבט אין זיין נאָמען!

— געבענטשט איז דער אויבערשטער!

אַלע שעה לאָזן זיך אַרויס צעטיילטע קאָמפּאַניעס פון די גאַסן און געסלעך און קומען זיך צונויפן אויפן מאַרקפּלאַץ. פון די קליינע מחנות ווערט איין גרויסע מחנה. מען פרעגט זיך איבער: וואָס הערט זיך? צי עס איז שטיל? זעט מען גאָרנישט? געלויבט איז גאָט!

נאָכדעם פאַררויכערט מען איינער ביים אַנדערן אַ לולקע, אַ פּאַפּיראָס, איינער כאַפּט דערווייל איבער אַ שטיקל ברויט מיט אַ שטיקל הערינג, וואָס מען שלעפּט אַרויס פון קעשענע, און די גרויסע קאָמפּאַניע צעטיילט זיך ווייטער אויף קליינע און מען צעגייט זיך אין די פאַרשידענע גאַסן און געסלעך.

אַז יאַקאָב באַריסאָוויטש איז צום ערשטן מאָל אַראָפּגעקומען אין מאַרק און איז נאָכדעם אַוועק אַהיים מיט דער הבטחה, אַז ער וועט באַלד קומען צוריק, האָט זיך די גרויסע קאָמפּאַניע מער נישט צעטיילט. די אַלטע לייט און די ווייבער האָבן זיך פון זייערע האַרטע פּריזבעס אויפגעכאַפּט און מיט גרויס אומגעדולט געוואַרט ביז ער וועט קומען.

— ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט באַלד קומען.

— דאָס איז עפּעס נישט קיין פּוסטע זאַך.

— ער איז באַקאַנט מיט די גרעסטע לייט.

— ער קען פיל טובות טאָן פאַר כל ישראל.

פלוצלונג האָט מען גענומען שרייען:

— די פּאַניע גייט, לאָזט! לאָזט!

אין איין מינוט איז דער פאַן מיט דער פּאַניע אַריינגעדרענגט געוואָרן אין אַ געדיכטן עולם.

די ווייבער האָבן זיך באַלד צעוויינט:

— ליבע פּאַניע, האָט רחמנות אויף אונדז, מיר זענען אַזוי אומגליקלעך, מיר און אונדזערע קינדער...

די עלטערע מענטשן האָבן אָנגעהייבן איינצושטילן די ווייבער, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

פלוצים האָט מען ווידער גענומען שרייען:

— ר' אברהמטשע גייט!

און באַלד האָט זיך צווישן דעם עולם דורכגעשניטן אַ ברייטער וועג, אויף וועלכן עס איז געגאַנגען טריט ביי טריט אַן אַלטער ייד פון אַ יאָר פינפאונזיבעציק מיט אַ גרויסער באָרד, מיט אַ ווייסן קאָפּ, ווי ערשט געפאַלענער שניי. ער איז נאָך געגאַנגען גלייך, בלויז מינוטנווייז דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי פון אַ שווערער דאגה.

ער איז צוגעקומען צו דעם אָרט, וווּ יאַקאָב איז געשטאַנען מיט זיין פרוי. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ ווייסער גאַלקע און אין דער לינקער—אַ בולאָווע. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם שטעקן, נאָר באַלד האָט מען אים אונטערגעטראָגן אַ בענקל.

— איך דאַנק אייך,—האָט ער געזאָגט.—אַ ייד קען אַפילו הייינט שטיין, נאָר כל זמן מען לאָזט זיצן, וועל איך מיך אַנידערזעצן...

אַלע האָבן מיט גרויס דרך ארץ געשוויגן.

און אָט האָט ר' אברהמטשע אויפגעהייבן זיינע פאַרוואַקסענע ברעמען און אַ קוק געטאָן אויף אַלעמען. די, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט לעבן אים, האָבן געזען — ווען די לבנה איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ שטיקל כמאַרע — ווי פון זיינע אויגן קאַטשען זיך טרערן, ווי פון אַן אַלטן פאַרוואַקסענעם בוים דער טוי באַגינען...

— לאָזט מיר אויסווישן מיינע טרערן, — האָט אברהמטשע אָנגעהייבן,—איך וויין איצט, קינדער, נישט פון צרות, נאָר פון פרייד... מיין אַלט פאַרטריקנט האַרץ האָט זיך אין מיר דערוואַרעמט... איך בין געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף דער פריזבע לעבן מיין שטוב, און

האַלט פאַרמאַכט די אויגן. הער איך אָבער אַ געוויש. עפן איך די אויגן און פרעג: וואָס הערט זיך דאָרט, וואָס שטייט דער גאַנצער עולם אַזוי לאַנג אויף איין אָרט, פאַרוואָס גייט מען נישט אַרום אין די גאַסן? און מען דערציילט מיר: אַז איר, ליבער יונגער הער, זענט געקומען צו אונדז, איר, וואָס איר האָט קיינמאָל פון אונדז, יידן, נישט געוואָלט וויסן, אין אונדזער שול נישט געקומען, זענט געקומען איצט אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ נויט, אין אַזאַ צרה אויף יידן. ווי זאָל מיין אַלט הארץ נישט יינגער און וואַרעמער ווערן, ווען איך זע דאָס אויף דער עלטער. מיינע זין און אייניקלעך האָבן אויך נישט געפאָלגט דעם טאַטן און זיך געגאַנגען אין אַ נייעם וועג, און איך האָב באַדאַרפט צוזען, ווי זיי זענען יידן און פירן זיך נישט יידישלעך... איך פלעג יעדן טאָג עלטער ווערן אויף אַ יאָר, ווען עס פלעגט מיר אויפקומען דער געדאַנק: טאָמער זענען מיינע קינדער שוין קיין יידן נישט, טאָמער האָבן זיי שוין פאַרלאָרן דאָס יידישע האַרץ, דעם „יידישן פונק", דאָס „פינטעלע ייד"... אַי, זיי רופן זיך אָן „יידן", ווילן זיי נישט מצער זיין זייער אַלטן זיידן, וואָס האָט נישט לאַנג צו לעבן, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אויף זיי געהאָרעוועט... אַזוי האָב איך געמיינט. נאָר איצט האָב איך אויף דער עלטער דערלעבט צו זען, ווי זיי זענען באמת יידן. זוכט צווישן דעם עולם, וועט איר זיי אויך געפינען... זיי וואַכן אויך, זיי שלאָפן נישט, זיי וואַלגערן זיך גלייך מיט אַלע יידן, און איר מיט אייער ווייב זענט אויך געקומען צו אונדז אַרום האַלבער נאַכט... איר וואַכט אויך, איר וואַלגערט זיך אויך גלייך מיט אַלע יידן... היינט ווי זאָל זיך נישט דערוואַרעמען מיין אַלט קאַלט האַרץ, אַז דער יידישער פונק איז נאָך צווישן יידן נישט פאַרלאָשן געוואָרן? ווי זאָל זיך ביי מיר נישט דערוואַרעמען דאָס האַרץ, ווי זאָלן זיך נישט גיסן טרערן פון פרייד, ווען מען זעט, ווי דאָס יידישע פאָלק, וואָס איינער מיט דעם אַנדערן קריגן זיך תמיד און ווערן צעטיילט אויף אַלערליי צדדים, אָבער אַז עס קומט אַ צרה, ווערט פון אַלע איין פאָלק יידן מיט איין דעה. ווי איין מענטש! לאָזט מיך אויסווישן מיינע טרערן!..

כמעט דער גאַנצער עולם האָט געוויינט, קוקנדיק אויף דעם אַלטן. יאַקאָב מיט זיין פרוי האָבן זיך אויך נישט געקענט איינהאַלטן. זיי האָבן שטיל צוגעכליפעט.

ר׳ אברהמטשע איז געזעסן אויפן בענקל אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויף דער בולאַווע און אויף דעם שטעקן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין דרייען און האָט אָפּגערוט, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט.

— ר׳ אברהם! — האָט זיך יאַקאָב אָנגערופן צום אַלטן. — עס פרייט מיך זייער, וואָס איך זע פאַר זיך אַזאַ יידן. עס דאַרף אוודאי יעדן יידן פרייען, ווען אין אַ צרה האָבן זיך אַלע צוזאַמענגעקליבן. יעדער פאַרגעסט זיינע אינטערעסן, די פריערדיקע שנאה איינער צום אַנדערן. מען רעדט און מען טראַכט נאָר וואָס זאָל מען טאָן מיט דעם אומגליק, וואָס עס איז געקומען אויף כּל ישראל. אָבער נאָך מיין מיינונג וועט גאָרנישט אַרויסקומען פון דעם, וואָס די גאַנצע שטאָט יידן מיט ווייבער און קינדער געפינען זיך איצט אויף דעם מאַרקפּלאַץ אַזוי שפּעט אין דער נאַכט און שלאָפן נישט און רוען נישט... דערמיט וועט מען גאָרנישט אויפטאָן. נאָך מיין מיינונג, דאַרפן זיך די מיושבדיקערע בעלעבאַטים צוזאַמענקומען אין איין הויז, דאָרט זיך איבעררעדן, צוטראַכטן עפּעס אַן עצה, וואָס מען זאָל טאָן. און אפשר האָט איר שוין דאָס געטאָן? וואָלט איך אויך געוואָלט וויסן, וואָס איר האָט באַשלאָסן? איך בין אויך אַ ייד, איך וויל אויך וויסן...

— אייער פּלאַן, — האָט ר׳ אברהמטשע ווייטער אויפגעהייבן דעם קאָפּ, — אייער פּלאַן איז נאָר גוט אין אַ רויִקער צייט... דעמאָלט איז רעכט, אַז די בעלעבאַטים נעמען זיך צוזאַמען אויף אַן אַסיפה... מען רעדט, מען שרייט, מען קריגט זיך, און קומט מען צו עפּעס, איז גוט, ווען נישט, איז אויך קיין אומגליק נישט. איצטער אָבער איז קיין צייט נישטאָ איבערצורעדן און איבערצושמועסן. איצטער זענען נישטאָ קיין מיושבדיקערע בעלעבאַטים, איצטער זענען אַלע יידן בעלעבאַטים און יעדער טוט, וואָס ער קען.

— וואָס־זשע טוט איר? קען דאָס זיין, אַז דערפון, וואָס איר דרייט זיך אַרום אַלע נאַכט און שלאָפט נישט, וועט עפּעס אַרויסקומען?

— געוויס וועט עפּעס אַרויסקומען, איידער גאָרנישט טאָן...

— וואָס־זשע טוט איר? איך זע מער נישט, ווי מען דרייט זיך אַרום פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן, און ווייבער מיט קליינע קינדער וואַלגערן זיך...

— אין אַ גרויסער צרה הייסט דאָס אויך געטאָן... יעדער האָט פאַרגראָבן און פאַרפּאַקט זיין ביסל פאַרמעגן און איצט וואַכט מען.

טאָמער וועלן אָנקומען פּאָגראָמשטשיקעס, זאָלן די ווייבער מיט די קינדער קענען אַנטלויפן און די יידן וועלן די פּאָגראָמשטשיקעס פאַרטרייבן...

— אויב אַזוי, דאַרפן נאָר אַהומגיין מיט דריקעס יונגעלייט, געזונטע מענטשן, אָבער וואָס טויגן אַלטע ? נו, איך פרעג אייך, וואָס פאַר אַ נוצן קענט איר, ר׳ אברהם, ברענגען מיט אייער בולאַווע ? איר דאַרפט איצט זיך אָפּרוען.

— איר זענט אַפילו גערעכט... קיינער האָט מיך נישט געניט, איך זאָל נעמען אַ בולאַווע און וואַכן. קיינער פאָדערט נישט פון מיר קיין כוחות, נאָר, ליבער ייד, אַ ייד בין איך דאָך! ווי-אַזוי-זשע קען איך אין אַזאַ צייט ליגן רויק... ווי קען איצט אַ ייד זיצן רויק, ווי איר זאָגט! אַט זענט איר מיט אייער פרוי אויך געקומען צו אונדז.

— איר האָט רעכט, ר׳ אברהם, איר האָט רעכט, נאָר וואָס זאָלן מיר פאָרט טאָן ?

— מיר, יידן, וואָס דאַרפן ציטערן יעדע מינוט פאַר דעם אומגליק, קענען דערווייל אַנדערש נישט טאָן, ווי דאָס, וואָס מיר קענען... ביז די צרה וועט אַריבערגיין, וועלן מיר זען עפּעס אַנדערש צו טאָן...

— נו, און דערווייל ?

— דערווייל לאָזן עפּעס אַנדערש טאָן די יידן, וואָס האָבן נישט מורא פאַר דער צרה.

— וועלכע יידן מיינט איר ? וועלכער ייד האָט דען איצט קיין מורא נישט פאַר דער צרה ?

— וועלכע, פרעגט איר ? אַ סך זענען דאָ אַזוינע! נו, די רייכע, די גרויסע יידן פון די גרויסע שטעט, זיי זענען פאַרזיכערט... אַפילו ווען די צרה וועט יאָ אויף זיי קומען, וועט מען זיי אָפּהיטן מיט אַ גאַנצן פולק סאָלדאַטן, און טאָמער וועט מען זיי צעברעכן עטלעכע בענקלעך, וועט זיי נאָך אַ סך איבערבלייבן... מיר אָבער פּשוטע באַלעבאַטים, וואָס לעבן אַלע פון שווערע יידישע פּרנסות אין די יידישע שטעט, קענען מער נישט טאָן פון דעם, וואָס איז אין אונדזער כוח — דאָס, וואָס איר זעט איצט... אדרבה, טאָמער ווייסט איר עפּעס ? דערציילט אונדז, זאָגט, וועלן מיר טאָן... מיר ווייסן גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט, פאַרוואָס עס איז אויף אונדז,

יידן, אזאַ צרה געקומען... מיר רעכענען, אַז עס איז נאָר פון גאָט... מיר ווייסן, און מיר האָפן צו אים...

יאַקאָב האָט נישט געענטפערט.

דערווייל האָט אָנגעהייבן שאַריען אויף טאָג, ביי אַלעמען האָבן זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו קלעפן די אויגן.

— געלויבט איז גאָט, וואָס די נאַכט איז אַוועקגעגאַנגען שטיל.

— היינט איז נישט קיין מאַרקטאָג, מען קען זיין רויק!—האָט מען געהערט צווישן עולם זאָגן און אַלע זענען זיך געגאַנגען אָפּ־רוען פון דער שווערער נאַכט.

אין די טעג האָט געוויס אומזיסט געשיינט די זון אויף די יידישע שטעט, וואָרים די טעג זענען ביי יידן געווען נעכט און די נעכט טעג.

וואָס ווייטער אַ טאָג, האָט זיך אַלץ מער געהערט אין שטאָט, אַז עס וועט זיין אַ פּאָגראָם. די יידן האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן געטאָן ביזאַהער.

יאַקאָב מיט זיין מאַדאַם האָבן זיך אַלעמאָל מער געשראָקן פאַר די פּאָגראָמען און נאָכדעם זענען זיי געפאַלן אויף אַ גליקלעכער עצה, ווי אַזוי איבערצוקומען די יידישע שווערע צייטן.

יאַקאָב מיט זיין גאַנצער פאַמיליע זענען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד ביז עס וועט שטילער ווערן.

דער עולם האָט נישט אומזיסט געוואַרט די נאַכט און זיך גע־שראָקן. דעם ערשטן זונטיק האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער פּאָגראָם אין פריבענדיוווקע מיט אַזוינע שרעקלעכע פאָלגן ווי אין ב. פון דער שטאָט פריבענדיוווקע איז געוואָרן אַ חורבה, פון יעדנס ביסעלע פאַרמעגן אַ בארג מיסט, פון אַלעם אַ תל.

עס איז נישט געבליבן קיין גאַנץ שטיקל אָרט, ווו דער ייד זאָל דעם קאָפּ אַנידערלייגן. מיט איין וואָרט — מען איז געבליבן אָן געזונט, אָן לעבן און אָן האָפענונג.

ביי יאַקאָב באָריסאָוויטשן אין שטוב האָט מען אפילו אויסגע־שלאָגן די פענסטער און צעבראָכן דאָס מעבל, דערפאַר אָבער, ווען עס איז שטילער געוואָרן, האָט ער פון אויסלאַנד גע־בראַכט דאָס שענסטע מעבל, אריינגעשטעלט נייע פענסטער און האָט ווייטער גענומען פירן זיינע געשעפטן אין פריבענדיוווקע.

פון יענער שווערער נאַכט אָן, זינט יאַקאָב האָט פאַרבראַכט

צווישן יידן, האָט ער זיך אָנגעהייבן דאָס ערשטע מאָל אין לעבן צו אינטערעסירן מיט יידן.

באַלד ווי ער איז געקומען קיין אויסלאַנד, האָט ער אויסגע־שריבן יענע גאַזעטן, וואָס שרייבן וועגן יידן און געשמאַק זיי גע־לייענט, זיך אינטערעסירט.

ער האָט אַלץ געטראַכט: וואָס וועט זיין פון די יידישע פּאָג־ראָמען? וואָס וועט די וועלט דערויף זאָגן? וואָס וועלן די יידן אַליין דערצו טאָן?

און עד היום שרייבט ער אויך אויס אַזאַ צייטונג, וואָס שרייבט וועגן יידן. די „יידישע פּראַגע” קאָסט אים י ע ד ע ס י אָ ר צ ע ן ר ו ב ל.

ער האָט זיך שטאַרק אָנגעהייבן צו מישן אין יידישע שטאָט־זאַכן, זיך פאַרקערן מיט יידן און אפילו זיי זאָגן דעות, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך פירן און לעבן, און טאָמער זאָגט אים איינער, אַז ער איז נישט מסכים מיט אים, איז יאַקאָב שטאַרק ברוגז און שפּאַרט זיך, עס זאָל נאָר בלייבן אויף זיינס.

אַ שטענדיקן וויכוח פירט ער מיט אונדזער באַקאַנטן פאַלע־סטינעץ כ י י ק ל פ י ש ק ע מ אַ כ ע ר, ווייל ווען יאַקאָב זאָגט אַזוי, קומט כייקל און דרינגט פונקט פאַרקערט.

מיט איין וואָרט, י אַ ק אָ ב ב אָ ר י ס אָ ו י ט ש ו י ש ק ע מ אַ כ ע ר איז געוואָרן אַן אַסימילאַטאָר.

• •
•

יאַקאָב באָריסאָוויטש איז פיל שענער פון כייקלען. ער איז געוואַקסן גלייך, ווי אַ סטרונע, דעם קאָפּ טראָגט ער שטענדיק הויך, אויף זיין שטערן אין קיין קנייטש נישטאָ, אויף די אויסגעגאָלטע גלאַטע באַקן כאָטש שאַרף אָן אַ מעסער. די האָר פון קאָפּ ליגן שטענדיק גלייך אויף איין אָרט, כאָטש צייל זיי איבער. ער גייט פּאַוואָליע, ער רעדט וואָרט ביי וואָרט, ער איז שטענדיק רויק, נאָר

ווען ער דערזעט דעם רירעוודיקן לויפנדיקן כייקלען, הייבט אָן זיין געגאָלט בּנימל צו שיינען, אויף די ליפּן ווייזט זיך אַ זיסער שמייכל. זיינע גרויע שטייענדיקע אויגן קוקן עפּעס אַזוי אויף כייקלען, פּונקט ווי כייקל און זיין גאַנצע פּאַלעסטינישע אידעע איז אַ נאַריש קינדעריש שפּילעכל,

IV

דער גלאַט אַזוי.

אונדזער דריטן פּאַרשוין, דעם ה' קישקעמאַכער האָט מען גערופן: „דער גלאַט אַזוי", און נישט אומזיסט האָט ער באַקומען אַזאַ נאָמען.

ביז די פּאָגראָמען האָט מען אים גערופן פּראָסט מיט זיין הייליקן נאָמען „קישקעמאַכער". מען וואָלט אים אפשר אויך גערופן „מענטשנפרעסער", „געלטפרעסער", „פּראָצענטפרעסער", „משכנות-פרעסער" און נאָך אַזוינע נעמען, נאָר איר ווייסט דאָך ווי ביי אונדז, יידן, איז: אַ מענטש מעג זיין וואָס אין דער קאָרט, נאָר אָבער וויבאַלד ער האָט געלט און מען דאַרף צו אים אָנקומען, רופט מען אים „רב" אָדער „הער", מען האָט דרך-ארץ פאַר אים, מען גיט אים אָפּ כבוד און אפילו אין שול גיט מען אים אויך אַוועק די מזרח-וואַנט, און ער הייסט נאָך שיינער ייד, בעל טובהניק.

ביז צו די פּאָגראָמען האָט ה' קישקעמאַכער זיך מיט קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט אינטערעסירט, אויסער מיט געלט, געלט און געלט. ער האָט נאָר געזוכט צו נעמען אַ גרעסערען פּראָצענט און אין זיין קעשענע זאָל ווערן מער מיט אַ רובל, — אין דער גאַנצער ווייסער ליכטיקער וועלט האָט ער מער קיין שענערס, קיין ליכטיקערס מער נישט געזען, ווי צו נעמען אַ גוטן פּראָצענט, די גאַנצע שטאָט יידן, האָט ער גערעכנט, זענען נאָר געבוירן געוואָרן דערויף, אַז זיי זאָלן דאַרפן אַ רובל אינדערוואָכן אויף ברויט און

שבת אויף קוילישׂ און זאָלן אָנקומען צו אים מיט משכנות און מיט וועקסלען, כּדי ער זאָל האָבן פיר פּראָצענט אַ וואָך פון יעדן רובל.

דערמיט איז ער געווען פאַרנומען טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן. זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען שטענדיק זייער צעפרידן, נאָר שבת און יום-טוב איז אים געווען זייער לאַנגווייליק, די טעג האָט ער גערעכנט פאַר איבריקע טעג אין יאָר.

און ווי זאָל אים נישט זיין אין אַזוינע טעג לאַנגווייליק? ער גייט אַרום ליידיק, קיינער קומט נישט לייען און פאַרזעצן, קיין ייד דאַרף די טעג קיין געלט נישט, ער טאָר נישט האַלטן קיין געלט, און פאַר לאַנגווייליקייט וואָלט ער כאָטש אַרומגעגאַנגען מאָנען, אָנגעבן וועקסלען, איבערשרייבן פרעמדע באַלעבאַטישקייט, ווי שטולן, טישן, שאַפעס און דאָסגלייכן, נאָר ווי אויף להכעיס טאָר מען עס נישט אין די טעג.

און ווען עס פלעגט קומען שבת אָדער יום-טוב, פלעגט אין אים די גאַל צעשפּרינגען פאַר גרויס הארצווייטיק! סטייטש, אַלע זיינע בעלי-חובות גייען זיך אַרום שבתדיק אָנגעטאָן, רויק, אָפּגעגעסן און ער קען זיי גאָרנישט טאָן, ווי גלייך עס קומט אים גאָרנישט קיין געלט מיט פּראָצענט. פאַר לאַנגווייליקייט פלעגט ער די טעג פאַרברענגען אין קלויז, טאָמער וועט ער כאָטש הערן ווען מען מעג לייען און אויף ווען מען דאַרף ווי צום גיכסטן אָנגעבן די וועקסלען.

אָבער צו זיין קרענקונג, פלעגט ער שבת זייער ווייניק הערן וועגן געשעפטן און געלט-זאַכן. דער עולם האָט מער גערעדט פון וועלטזאַכן, משכּילים האָבן זיך געשפּאַרט מיט מתנגדים און מתנגדים מיט חסידים, און מען האָט נאָר דערציילט פּאָליטישע נייס. מען האָט אויך גערעדט וועגן דער „יידישער פּראַגע", וועגן „דער יידישער לאַגע" און וועגן נאָך אַזוינע זאַכן.

ה׳ קישקעמאַכער פלעגט זיך צוהערן מיט גרויס איראָניע: אומשטיינס-געזאָגט, מיט וואָס מענטשן פאַרנעמען זיך. עס איז זייער געשעפט זיך מישן אין אַזוינע זאַכן! וואָלטן זיי בעסער אין זינען געהאַט דעם מאָרגנדיקן זונטיקדיקן מאַרק און מיר אָפּברענגען דעם רובל מיט פּראָצענט פאַר דער וואָך; אָט גייט מען זיך אַרום פאַרלייגט די הענט אויפן בייכל און מען רעדט זיך ווי מיניסטאָרן פון פּאָליטיק. עס קומט זיי אפילו אויפן מוח נישט אַרויף, אַז נאָך שבת

איז דער לעצטער טערמין פון דעם וועקסל... ווען זיי וואָלטן אָבער בעסער געטראַכט פון די חובות, וואָלטן זיי פאַרשפּאָרט צו וויינען איבער מיין קאָפּ און זאָגן דערנאָך אויף מיר, אַז איך בין אַ שלעכטער... און דערפאַר טאַקע קען איך קיין רחמנות נישט האָבן אויף אַ יידן, ווייל ער וויל גאָרנישט באַרעכענען: ווער וואָלט די קבצנים, די ליידאַקעס, געצייען, ווען נישט איך?

מיט די און נאָך אַזוינע געדאַנקען האָט ער פאַרבראַכט זיינע לאַנגווייליקע טעג, די שבתים און ימים-טובים.

און שטעלט אייך פאָר, אַז די פּאָגראָמען האָבן געווירקט אויף אויף ק־שקעמאַכערן! און אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז ער האָט זיך אויך אָנגעהייבן אינטערעסירן מיט דער „יידישער פראַגע״.

עס איז אפילו נישט צו גלויבן אַזאַ זאַך אויף אַזאַ מענטשן, ווי קישקעמאַכער, אָבער די מעשה איז אַזוי געוועזן: בשעתן פּאָג־ראָם האָבן אַלע גוים זיך אָפּגענומען ביי קישקעמאַכערן זייערע פעלצן און די ערלטעס זייערע קרעלן, און נישט נאָר אים נישט באַצאָלט דעם פּראָצענט, נאָר אפילו דעם קרן אויך נישט, חוץ וואָס זיי האָבן אים צוגעגעבן פעטש מיט קולאַקעס, אויסגעשלאָגן די פענסטער, צעריסן די בעבעכעס און צעבראָכן דאָס מעבל.

קישקעמאַכער איז, נעבעך, געוועזן אויסער זיך!

נאָכמער איז ער געוועזן אויסער זיך, ווען ער האָט געהערט פון רוסישע און אפילו פון יידישע גאַזעטן, אַז אין דעם גאַנצן פּאָגראָם איז שולדיק קישקעמאַכער מיט זיינע פּראָצענטן, גוישע פעלצן און ק־עלן.

— געוואַלד! — האָט ער אָנגעהייבן שרייען צווישן זיינע באַ־קאַנטע יידן. — מען האָט מיך באַראַבעוועט, צום סוף קומט זיי נאָך אַרויס! איך בין גאָר שולדיק! הערט אַ רציחה!

— אויב עס איז דאָ ערגעץ אַ שולדיקער ייד, — האָבן אים געענטפערט זיינע באַקאַנטע יידן, — זענט איר עס דער ייד...

— איך בין שולדיק, זאָגט איר?

— איר! איר! ווער דען?—האָבן אים די יידן געטענהט אין די אויגן. — איר מיט די משכנות און מיט די פּראָצענטן... איר זויגט פון אונדז אַלע די לעצטע טראָפּנס בלוט... מילא, מיר, יידן, מוזן שטענדיק שווייגן, וואָרים מיר זענען שוין געשלאָגענע הינט, אָבער אַז איר רייסט ביי זיי פּראָצענט...

קישקעמאַכער האָט אָנגעהייבן שפּרינגען פון דער הויט:

— סטייטש! געוואַלד! וואָס זאָגט איר? און וואָס רעדט איר? זיי ,ענען דען געקומען צו מיר און מיך דען אפילו געבעטן? עס קען זיין, ווען זיי זאָלן געוועזן קומען צו מיר און זאָגן פּאַניע קישקעמאַכער, די צייט איז אונדז זייער שלעכט, האָב רחמנות און לאָז אַראָפּ דעם פּראָצענט, וואָלט איך אפשר טאַקע זיי אַראָפּגעלאָזט אַ צוויי פּראָצענט, נאָר זיי זענען געקומען ווי ראַזבויניקעס, ווי מערדער און מיט געוואַלד זיך צוגענומען אַלע משכּנות און אפילו דעם קרן נישט בּאַצאָלט און נאָך דערצו צעהאַקט די גאַנצע שטוב, איז דאָך גאָרנישטאָ וואָס צו רעדן וועגן זיי? ווו איז שוין די ערלעכקייט און דער אמת אויף דער וועלט?!

— אַלע בּלטע בעלי-עבירהניקעס זוכן שטענדיק אויף דער עלטער די ערלעכקייט מיט דעם אמת און געפינען זיי נישט... פאַרוואָס האָט איר פריער נישט געזוכט די ערלעכקייט און דעם אמת.

קישקעמאַכער האָט שוין מער נישט גערעדט מיט די יידן. דער פּאָגראָם האָט אים אינגאַנצן צעקלאַפּט.

— וואָרים וואָס קען מען טאַקע איצטער באמת טאָן? — האָט ער מיט זיך אַליין איבערגערעדט. — וועמען קען מען גאָר היינט געטרויען אפילו אַ גראָשן אויף אַ משכּון ובפרט נאָך אויף אַ וועקסל, ווען מען איז נישט זיכער אפילו מיט דעם קרן... אַז די גוים ווילן, שיכּורן זיי זיך אָן און נעמען זיך אָפּ די משכּנות, און די יידן זאָגן, אַז איבער מיר האָט מען זיי אויך צעראַבעוועט און האָבן מיר נישט צו צאָלן אפילו דעם קרן, און נישט געגוג, וואָס זיי זענען מיר שול-דיק געלט, זאָגן זיי, אַז איך בין שולדיק... זיי קומט נאָך אַרויס! ווי קען מען ווייטער אַזוי לעבן? עס איז דאָך גאָר אויס וועלט!

און קישקעמאַכער האָט זיך אויך אָנגעהייבן אינטערעסירן מיט דער יידישער פראַגע.

יידן ברעכן זיך דעם מוח, מען טראַכט, מען פּלאַנעוועט. מחשבות פליען: קיין שפּאַניע, קיין פראַנקרייך, קיין ענגלאַנד, אויף דער לבנה, אויפן הימל, אונטער דער ערד, אַמעריקע, פּאַלעסטינע און ווו איר ווילט נאָר, אַבי אַ רויק שטיקל אָרט פאַר דעם יידן, ער זאָל זיין זיכער מיט דעם לעבן. מען, זוכט, מען שמעקט, מען נישטערט, מען לויפט, מען אַנטלויפט אויף אַלע פיר זייטן... צולעצט שטעלט מען זיך אָפּ אויף צוויי ערטער: פּאַלעסטינע אָדער אַמעריקע.

און אונדזער קישקעמאַכער האָט זיך גראָד אָפּגעשטעלט אויף „פּאַלעסטינע".

ער האָט געטראַכט:

— ווי אַזוי עס איז, איז דאָ פּאָרט גלייכער, כאָטש עס קען זיין, אַז איך וועל דאָ מוזן נעמען אַ קלענערן פּראָצענט... נאָר על־כּל־פּנים וועל איך דאָ זיין פאַרזיכערט מיט די משכּנות, מיטן קרן... דאָ, אַז איך וועל האָבן אויף אַ יידן אַ וועקסל, וועט ער מיר נישט זאָגן קיין תּירוצים, אַז ער האָט געהאַט אויף זיך פּאַגראָמען און דעריבער האָט ער נישט צו צאָלן, און באַשולדיקט נאָך מיך... היינט גיי האָב צו אים טענות? דאָ, ברידערלעך, איז ווידער גאָר אַ נייע וועלט! נישט געצאָלט צום „טערמין" — איינגעגעבן דעם וועקסל! דו גיי אין חדר און איך וועל נעמען די קישעלעך, דעם ווייבס פּערעלעך, די שבתדיקע לייכטער! נישקשה, עס זענען דאָ, ברוך השם, פאַר די הייליקע שבתדיקע ליכט ליימענע לייכטער האַלב אומזיסט.

אַזוי האָט קישקעמאַכער געפּלאַנעוועט זיך צו באַזעצן אין הייליקן לאַנד; אָבער ווי זאָגט מען „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט"; כאָטש קישקעמאַכער איז שטענדיק אַ חכם מחוכּם אַ ייד און פלעגט האַלטן די גאַנצע וועלט פאַר נאַראָנים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּוסטע זאַכן און ווייסן גאַרנישט, ווי גוט עס איז צו צאָלן צום „טערמין", נאָר אַ מענטש, וואָס איז אפילו זיבעציק יאָר אַ חכם שטאַרבט אויף אַ נאַר, ובפרט נאָך קישקעמאַכער, וואָס האָט נאָך קיין זיבעציק יאָר נישט דערלעבט — איז איצטער געבליבן אַ גרויסער נאַר, אָדער ווי ער האָט נאָכדעם אַליין געזאָגט: איך האָב זיך באַנאַרישט, וואָס איך האָב געלאָזט זיך פאַרפירן און בין געפאָרן קיין פּאַלעסטינע.

פון אַלע זיינע פּלענער אין פּאַלעסטינע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. די מעשה דערפון איז אַזוי געווען: די אַלטע ארץ־ישראל־יידן, וואָס זענען געקומען קיין ארץ־ישראל שטאַרבן און דרייען זיך דערווייל אַרום, ווי לעבעדיקע מתים אין די בתּי־מדרשים אָדער אויף די קברים פון די צדיקים און קדושים און וואַרטן פון איין טאָג אויף דעם צווייטן, זיי זאָלן שוין אויך זוכה זיין ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, צו ווערן מתים און צו ליגן אויף דער הייליקער ערד — זיי קען ער דאָך נישט פאַרלייען דאָס געלט אויף וועקסלען און משכּנות... בלייבן נאָר די נייע עמיגראַנטן, וואָס טיילן זיך אין

דריי גרופּעס: די ערשטע גרופּע איז באַלד געקומען מיט געלט, האָט געקויפט ערד און אַרבעטן. זי האָט אַוודאַי נישט באַדאַרפט לייען קיין געלט אויף פּראָצענט ביי קישקעמאַכערן. די צווייטע גרופּע איז באַשטאַנען פון אָרעמע מענטשן, וואָס אַ דאַנק פאַרשידענע חברות, האָבן זיי ווי עס געפונען אַרבעט; און די דריטע גרופּע איז געווען אַ גרופּע פון סאַמע קבצנים... ווילט איר, אַז קישקעמאַכער זאָל זיי פאַרלייען געלט? — ניין, קענט איר נישט קישקעמאַכערן!

און אַט איז קישקעמאַכער געפאָרן צוריק פול מיט כעס אויף גאַנץ פּאַלעסטינע, אויף אַלע פּאַלעסטינצעס און גלאַט אַזוי אויף עמיגראַנטן און עמיגראַציע בכלל,—צי קיין אַמעריקע אָדער קיין פּאַלעסטינע — אַלץ איין שוואַרץ יאָר!

בעסער פון אַלץ איז צו בלייבן אין פּריבענדיוקע. דאָרט זענען דאָ יידעלעך, וואָס מוזן נעמען „וואָכער-געלט” אויף פיר אָדער פינף פּראָצענט אַ וואָך, דאָרט זענען דאָ גוים מיט פּעלצלעך און קרעלן... אַי, פּאָגראָמען? מילא, עס איז שוין שטילער געוואָרן... און, ווידער, איז מען שוין טאַקע באַוואָרנט, אַז אין פּאַלעסטינע אָדער אין אַמעריקע וועט נישט זיין קיין פּאָגראָם? אַלץ איין שוואַרץ יאָר! בעסער אינדערהיים — אין פּריבענדיוקע.

מיט די פּריבענדיוקער לייט קען מען כאַטש עפּעס מאַכן אַ געשעפטל, מיט יענע איז גאָרנישט מעגלעך אויסצוקומען. עס פאַרדריסט אים נאָר אויף די פּאַלעסטינצעס, וואָס איבער זיי האָט ער אויסגעבראַכט אַזויפיל געלט אויף הוצאות. נאָר גאָט וועט העלפן און וועט ממלא זיין; לאָז ער נאָר דערלעבן צו קומען קיין פּריבענדיוקע.

מיט דידאָזיקע געדאַנקען איז ער געפאָרן ווי אַ הונגעריקער בייזער וואָלף צו זיינע אָרעמע שעפעלעך: צו שערן און שערן זיי די וואָל ביז טיף אין דער הויט...

* * *

נאָך די פּאָגראָמען איז יידן געוואָרן זייער שלעכט. יעדער האָט באַדאַרפט געלט, מען זאָל קענען פאַרריכטן דאָס, וואָס די פּאָגראָמען האָבן חרוב געמאַכט. ביי יעדן איז דער גראָשן געווען טייערער, ווי אַ רובל.

אָט אין דער ביטערער צייט האָבן די פּראַצענטניקעס געמאַכט די בעסטע געשעפטן, עס איז געווען פאַר זיי אַזאַ צייט, ווי אַ שטייגער, כאָליערע פאַר דאָקטוירים און אַפּטייקן.

קישקעמאַכער האָט זיך אין אַ קורצע צייט געשטעלט אויף די פיס. ער האָט איצט געפירט אַזאַ וועלט אין פריבעגדיווקע, ווי פריער, פונקט ווי עס וואָלטן גאָר קיין פּאָגראָמען נישט געווען.

מיט איין זאַך האָט ער זיך אָבער יאָ געענדערט: פריער פלעגט ער זיך נישט מישן אין „דער יידישער לאַגע", אין „דער יידישער פראַגע". איצטער האָט ער זיך יאָ געמישט.

ביי זיך אין האַרצן פלעגט ער חוזק מאַכן פון פישקעמאַכערן מיט זיין פּאַלעסטינע און פוןווישקעמאַכערן מיט זיין אַסימילאַציע. ער פלעגט זיי ביידע האַלטן פאַר נאַראָנים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּוסטע זאַכן.

ער פלעגט זיך טראַכטן אַ צעפרידענער:

— לאָזן זיי זיך ביידע שלאָגן קאָפּ אין דער וואַנט און איך וועל מיר מאַכן בעסער פון זיי... ווו אַ גילדן פאַרדינסט — דאָרט בין איך דאָ, און ביים פּאַלעסטינעץ — בין איך אַ פּאַלעסטינעץ און ביים אַסימילאַטאָר — אַן אַסימילאַטאָר!

ער פלעגט טאַנצן אויף אַלע ירידים. אָט האָט מען אים היינט געזען האַלטן מיט דעם פּאַלעסטינעץ און אָט שפּעטער מיט אַ מינוט— מיט דעם אַסימילאַטאָר און שפּעטער מיט עטלעכע מינוט — פונקט פאַרקערט.

ווען קישקעמאַכער וואָלט געווען אַ קבצן, אַזוי, אַז קיינער זאָל צו אים נישט דאַרפן אָנקומען, וואָלט מען אים באַלד געוויזן דעם וועג און אים געזאָגט:

— איר זענט גאָר אַ משוגענער, איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט... מישט זיך בעסער נישט אין אַזוינע געשעפטן.

קישקעמאַכערן האָט מען אָבער געהאַלטן פאַר אַ גביר, און דע־ריבער האָט אים דער עולם אַלץ מוחל געווען.

שבת, ווען דער עולם פלעגט שמועסן פון פּאָליטיק וכדומה, פלעגט מען זיך אַזוי אויסדריקן:

— וואָס זאָגט עפּעס הער פישקעמאַכער?

— פאַרשטייט זיך, אַז פּאַלעסטינע.

— נו, און הער ווישקעמאַכער וואָס זאָגט?

— ער זאָגט אַסימילאַציע.

— נו, און הער קישקעמאַכער האָט אויך עפּעס געזאָגט?

— צי ער האָט געזאָגט! ער האָט זיך געשפּאַרט אַ גאַנצע שעה מיט ביידן.

— וואָס זשע האָט ער געזאָגט און וואָס האָט ער געוואָלט?

— גאָרנישט, ער האָט געזאָגט „גלאַט אַזוי".

אָט אַזוי האָט זיך קישקעמאַכער פאַרדינט דעם נאָמען „גלאַט אַזוי", פּונקט ווי פישקעמאַכער — „דער פּאַלעסטינעץ" און ווי ווישקעמאַכער — „דער אַסימילאַטאָר".

די דריי פאַרשוין האָבן געפירט דאָס גאַנצע שטעטל פריבענ־דיזוקע ביי דער נאָז, און דער עולם האָט זיך צוגעהערט צו זיי מיט גרויס הכנעה און געהאָרכזאַמקייט.

וואַרשע.

ווינטער אין זאַקסישן גאָרטן.

דער זאַקסישער גאָרטן ווייסט נישט פון קיין ווינטער.

אויף די גאַסן, וועלכע רינגלען אַרום דעם גאָרטן, מעג האַלטן דער פראָסט צען־פופצן גראַד, איז דאָך אין גאָרטן זומער.

די ביימער זענען נאַקעט, אָן בלעטער און דורכזיכטיק, די צווייגן זענען באַדעקט מיט ווייסן פראָסטיקן שאָלעכץ און דאָך זיצן אויף די בענק פּאָרלעך און דווקא אָן פעלצן. מען רעדט, מען סודעט זיך וועגן עפּעס — פונקט ווי אין זומערצייט און מען הערט דעם פראָסט מיט דעם ווינטער, ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי.

אַפילו די סטאַטועס אין גאָרטן זענען איצטער אָנגעטאָן ווינטערדיק, אַרומגעוויקלט מיט שטרוי און פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, זיי זאָלן, חס־ושלום, נישט פאַרפרוירן ווערן... נאָר די פּאָרלעך, כמעט אין זומערדיקע קליידער, זיצן אויף די בענק, אָדער שפּאַצירן אויף די אַלעען און רעדן און לאַכן, ווי גלייך דער ווינטער מיט אַלע זאָרגן וועגן הייצונג און וואַרעמע קליידער געהער זיך מיט זיי גאָרנישט אָן.

* *
*

עס גייט אויף דער אַלעע אַן עלטער פּאָרפאָלק, שווער אָנגעפּעלצט. ער—אין אַ טייערן פוטער מיט אַ באַבראָוון קאָלנער, זי—אין אַ פיינעם מאַנטל מיט אַ שווערן פוקסענעם באָאַ.

זיי דאַרפֿן פֿאַרבייגיין דעם גאָרטן, נאָר מיד פֿון די שוואַרצע פּוטערס, זעצן זיי זיך אַפּרוען אויף אַ באַנק, ווו אַנטקעגן זיי זיצט אַ יונגערמאַן מיט צוויי פֿריילנס.

באַטראַכטנדיק, ווי די פֿריילנס זיצן אַזוי זומערדיק אין די שמאָלע קליידלעך, צינדט זי זיך אָן:

— זע נאָר די היינטיקע מאַמעס, מען זאָל נעמען אַרויסלאָזן אַזוי נאַקעט, פּונקט ווי עס איז זומער.

— וואָס הייסט — מען לאָזט זיי אַרויס? זיי זענען דאָך נישט קיין קליינע קינדער, וואָס מען דאַרף זיי פֿירן ביים הענטל?

— וואָס הייסט נישט קיין קליינע קינדער, אָבער אַ מאַמע האָבן זיי דאָך, וויאַזוי־זשע דערלויבט אַ מאַמע אַרויסצוגיין אַזוי אין ווינטער? זיי קענען זיך דאָך פֿאַרקילן, מיינע שונאים? אויף טויט — גיי דערנאָך דאָקטאָר זיך מיט זיי!

— וואָס קען מען מאַכן מיט היינטיקע קינדער, ווען זיי ווילן נישט פֿאָלגן?

— וואָס הייסט, וואָס? שטעל זיך פֿאָר, ווען אונדזער פּעניטשקען זאָל זיך פֿאַרגלוסטן אַזוי אַרויסגיין אין גאַס זומערדיק, וואָלט זי ביי מיר עס אויסגעפּירט? מיינע שונאים זאָלן אַזוי לעבן!

— וואָס וואָלסטו איר געטאָן, ווען זי שפּאַרט זיך איין?

— איך וואָלט נישט געלאָזט און שוין! ווער וועט האָבן צו טאָן מיט איר, ווען זי זאָל זיך, חס־ושלום, פֿאַרקילן, אַז נישט איך? ווער וועט האָבן צו טאָן מיט רעצעפּטן און דאָקטוירים, ווער וועט נישט דערשלאָפֿן די נעכט, אַז נישט אַ מאַמע? איך וואָלט באַהאַלטן אירע שיך און שוין!

— און זי וועט שווייגן?

— זאָל זי בעסער וויינען, איידער מ י ר זאָלן דערנאָך דאַרפֿן וויינען.

עס גייען פֿאַרביי צוויי מיידלעך.

די פֿרוי אין פּוטער ווערט אַ דערציטערטע און ווענדט זיך צו איר מאַן:

— אוי, זע נאָר, וואָס היינטיקע מיידלעך דערלויבן זיך: אין אַזאַ פֿראָסט גייען זיי מיט אָפֿענע נאַקעטע הערצלעך, פּונקט ווי אום זומער...

— עס איז היינט אַזאַ מאָדע, — דערקלערט איר דער מאַן, — אַז

יונגע פרייכנס און דאַמען גייען אויך אום ווינטער כאָטש אַ ביסל דעקאָלטירט. זעסט, אָט די צוויי פרייכנס מיט דעם יונגנמאַן, וואָס זיצן אַקעגן אונדז, גייען אויך מיט אָפענע העלדזער.

— טאַקע! אוי, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! און זיי פאַרקילן זיך נישט?

— וואָס יונג, איז נישט אַלט...

— עס איז אַ ליגן,—זאָגט זי מיט פאַרדראָס. — פאַרקילן קענען זיך יונגע גלייך מיט עלטערע מענטשן.

— זעסט דאָך אָבער, אַז דו זאָלסט זיך אַמאָל פאַרקילן דעם האַלדז, וועסטו שוין די גאַנצע נאַכט הוסטן און זיי שאָדט עס נישט, ווען נישט — וואָלט אַזאַ מאָדע נישט געווען.

— אַ וויסטע מאָדע אויף זייערע קעפּ, וואָס גייען ווינטער מיט נאַקעטע העלדזער.

— צו וואָס שעלסטו זיי?

— איך שעלט נישט זיי, נאָר זייערע מאַמעס... נאָר זיי זענען שולדיק, וואָס לאָזן די קינדער אַזוי הפקר; אונדזער פּצניטשקען וועל איך קיינמאָל ווינטער נישט אַרויסלאָזן, אַז איך זאָל איר נישט אַרומוויקלען דעם האַלדז. אַ מאַמע דאַרף אַכטונג געבן אויף קינדער.

• •
•

די צוויי מיידלעך מיט דעם יונגנמאַן, וואָס זענען געזעסן אַנטקעגן, האָבן נישט אויפגעהערט פריילעך רעדן צווישן זיך און לאַכן. פלוצלונג שטייט אויף איינע פון באַנק.

— קומט, עס איז מיר טרוקן אין האַלדז, איך וויל טרינקען אַ גלאָז סאָדעוואַסער.

— איך ווייס נישט, צי מען פאַרקויפט דאָ אום ווינטער סאָדע-וואַסער,—האָט געענטפערט דער יונגערמאַן,—לאָמיר גיין אויף מאַר-שאַלקאָווסקע.

— איך וועל עס נישט אויסהאַלטן!—רופט זיך אָן די עלטערע

פרוי צו איר מאַן. — זי ווערט פאַרבערענט פון היץ... סאָדעוואַסער האָט זיך איר פאַרגלוסט... קום, איך קען דאָ נישט איינזיצן.

און דאָס עלטערע פאָרפאָלק האָט זיך שווער אויפגעהייבן מיט זייערע פעלצן און זיך געלאָזט אַרויסגיין פון גאָרטן.

שוין כמעט ביים טויער פון גאָרטן באַגעגנט דאָס עלטערע פאָרפאָלק צוויי מיידלעך. די פרוי שרייט אויס מיט שרעק:

— פעניטשקע! זע נאָר, וויאַזוי גייסטו?

— איך גיי שפּאַצירן מיט סאָניען.

— איך זע, נאָר וויאַזוי גייט איר עס אין אַזאַ פראָסט מיט נאַקעטע העלדזער?

— מאַמעניו!—שפּרינגט אונטער פעניטשקע.—דו ווייסט גאָרנישט, עס איז דאָך היינט אַזאַ מאָדע!..

— אַזאַ יאָר זאָלן האָבן די, וואָס האָבן די מאָדע אויסגעטראַכט! גו, קום שוין אַהיים! נאַ דיר מיין טיכל און פאַרבינד דעם האַלדז.

— מען דאַרף נישט, מאַמע... עס איז נישט שיין... גייט אַהיים, איך קום באַלד. — און פעניטשקע איז געשווינט אַריין אין גאָרטן צוזאַמען מיט סאָניען.

אַ שפּאַציר איבער וואַרשעווער גאַסן.

פּעטער דעם גרויסן איז געפּעלן געוואָרן פון אַ זומפּיקער בלאָטע צו מאַכן אַ שטאָט, און פון גאַנצן לאַנד האָט מען יעדעס יאָר געשיקט גאַנצע דערפער מיט פּויערים צום ברעג פון טייך נעווא, וווּ די בלאָטע איז געווען, און זיי האָבן זי יאָרנלאַנג געטריקנט און פאַרבויט.

פיל טויזנטער מענטשן זענען אומגעקומען ביי דער אַרבעט: אויסגעשטאָרבן פון פאַרקילונגען, אָדער פּשוט פאַרפאַרן געוואָרן... נאָר מען האָט אַזוי לאַנג געבויט, ביז עס איז אויסגעוואַקסן פּעטערס שטאָט — פּ ע ט ע ר ב ו ר ג.

מען זאָגט, אַז יעדעס שטיינדל, וואָס מען האָט געלייגט, האָט געקאָסט אַ לעבן פון אַ מענטשן — אַזויפיל מענטשן זענען אומגעקומען, ביז די שטאָט פּעטערבורג איז אויסגעבויט געוואָרן.

עטוואָס ענלעכעס קען מען אויך זאָגן וועגן דער באַרימטער האַנדלגאַס אין וואַרשע — ד י נ אַ ל ע װ ק י ס: יעדעס שטיינדל, יעדער ציגל, פון וועלכן עס איז אויסגעבויט די נאַלעווקיס, קאָסט אַ לעבן פון אַ יידישן סוחר אָדער סוחרל.

אַזויפיל יידן זענען אומגעקומען אין די הונדערט יאָר, ביז פון אַ פּוסטן פּלאַץ זענען אויסגעוואַקסן די איצטיקע נאַלעווקיס, וועגן וועלכע אַן אויסלענדישער רייזנדער האָט געשריבן:

„איך האָב געשפּאַצירט אויף אַ גאַס פון 5 ביז 7 נאָכמיטאָג, האָב איך געזען פיל מער יידן, וויפל עס געפינען זיך אין גאַנץ פראַנקרייך און ענגלאַנד. די גאַס הייסט „נאַלעווקי" און געפינט זיך אין דער שטאָט וואַרשע.

אין דערדאָזיקער גאַס קומט מען צו פאָרן קויפן סחורה פון גאַנץ אייראָפּעישן רוסלאַנד, פון סיביר, פון קאַווקאַז און אַפילו פון פּערסיע און כינע."

דער נאָמען „נאַלעווקיס״ לאָזט זיך וואָס אַ יאָר מער הערן צווישן דער סוחרישער ווייטער וועלט. סחורות ווערן מיט יעדן יאָר אַרויסגעשיקט וואָס מער; די מיליאָנען פון אומזאַץ ווערן וואָס אַ יאָר גרעסער, נאָר וויפל יידישע סוחרישע קרבנות זענען געפאַלן, ביז די נאַלעווקיס זענען אַזוי גרויס, ריזיק אויסגעוואַקסן!

אויסער די געציילטע אַלטע פירמעס, בייטן זיך די שילדן פון די פירמעס אויף די נאַלעווקיס כמעט אַלע יאָר, און ס׳טרעפט אויך — עטלעכע מאָל אין יאָר.

עס גייט נישט אַוועק דער חודש, מען זאָל נישט איבערפאַרבן אַ נייעם מאַגאַזין, אַ נייע קאנטאָר. מוליאַרעס, פאַרבערס, סטאָליאַרעס אַרבעטן — נייע פּאָליצעס, נייע טישן און בענק, נייע לאָמפּן און נייע מענטשן זיצן און שרייבן, פאַרקויפן, האַנדלען. פון די ווענט שלעפּט מען אַראָפּ די אַלטע שילדן און מען הענגט אויף נייע שיינע פריש געפאַרבטע שילדן, וועלכע קוקן אויף דער גאַס אַזוי לעבעדיק און פריילעך.

אין די נייע געשעפטן לעבּט און קאָכט, די טיר פאַרמאַכט זיך נישט אויף אַ מינוט, מען קומט און מען גייט אַוועק. עס רעשט זיך.

עס גייט אַוועק אַ יאָר אָדער צוויי. עס אַרבעטן שוין ווידער סטאָליאַרעס, פאַרבערס, מען מאַכט נייע פּאָליצעס, מען שטעלט נייע טישן, עס זיצן שוין נייע מענטשן. מען שלעפּט שוין אַראָפּ די פריערדיקע שילדן און מען קלאַפּט צו נייע.

נייע מענטשן דרייען זיך הין און צוריק, די טיר רוט ווידער נישט.

ווו זענען אַהינגעקומען די פריערדיקע פּאָליצעס מיט טישן, מיט די לאָמפּן, מיט די מענטשן, וואָס פלעגן זיצן און אַרבעטן ביים טיש? ווו זענען פאַרפאַלן געוואָרן די, וואָס פלעגן דאָרט גיין אַהין און צוריק?

קיינער פרעגט נישט, קיינעם אינטערעסירט נישט, אַבי די וווינונג פון דעם מאַגאַזין אָדער קאָנטאָר שטייט נישט ליידיק. איין פירמע איז פאַרשווונדן געוואָרן, וואַקסן אויס צען אויף איר אָרט. אַבי אויף די נאַלעווקיס שטייען קיינמאָל נישט ליידיק קיין געוועלבער.

ווען מען גייט דאָס אָן די פאַרפאַלענע פריערדיקע פירמע, ווו

עס האָבן געאַרבעט מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט מיט ווייבער און קינדער, אַבי אויף די נאַלעווקיס בלייבן נישט קיין ליידיקע וווינונגען מיט מאַגאַזינען. די נאַלעווקיס לעבן, די נאַלעווקיס וואַקסן און עס קאָכט: אין יעדן מאַגאַזין, אין יעדער וווינונג, אין די הויפן, אין יעדן לאָך — האַנדלט מען, וואַנדלט מען.

נאָר וועגן די פאַרשווונדענע פירמעס, וועלכע פאַלן יעדעס יאָר, ווייסט קיינער נישט און קיינער וויל נישט ויסן וועגן זייער געביין. קיינער פרעגט נישט.

און אָט, נישט פון די געציילטע אַלטע פירמעס, וואָס זענען דאָ רייך געוואָרן, זענען אויסגעבויט געוואָרן די נאַלעווקיס, נאָר פון די פיל אומגעקומענע סוחרים און סוחרימלעך, וואָס האָבן אויף אַ קורצער צייט אַ בלישטשע געטאָן און פאַרשווונדן געוואָרן, נאָר זייערע קלענערע און גרעסערע קאַפּיטאַלן זענען אויף דערדאָזיקער גאַס באַגראָבן געוואָרן.

זייער צאָל אין הונדערט יאָר דערגרייכט פיל טויזנטער און זייערע באַגראָבענע קאַפּיטאַלן טרעפן אָן פיל מיליאָנען.

און אַזוי ווי נישט די איצטיקע רייכע טשינאָווניקעס און קופּצעס האָבן אויסגעבויט פּעטערבורג, נאָר די אומגעקומענע פּויערים, אַזוי אויך נישט די אַלטע רייכע פירמעס, נאָר די אומגעקומענע סוחרים האָבן אויסגעבויט די נאַלעווקיס.

די נאַלעווקיס ציען זיך נישט זייער לאַנג. זיי באַשטייען אינגאַנצן פון 49 הייזער, נאָר יעדעס הויז איז אַ באַזונדער שטאָט, אַ באַזונדער וועלט, אַ באַזונדער מלוכה.

באַגעגענישן.

I

געשעפטסלייט.

אויף דער סטאַנציע קאָליושקי האָב איך זיך איבערגעזעצט אויף דער לאָדזשער באַן. אין וואַגאָן געפֿין איך זיך דאָ היימיש, ווי ביי זיך אינדערהיים. איך באַגעגן לאָדזשער און וואַרשעווער באַקאַנטע. דאָ הערט זיך אַן אַנדער לשון, אַ ספּעציעל „לאָדזשער פּאַבריטשנע-דייטש". מען רעדט פון „וואַרע", „וואָלע", „וואַיאַזשאָרן", „קונדן", „וועקסלען", „קרעדיט", „דיסקאָנטע" און „באַנקראָט".

די באַקאַנטע ספּעציעל-לאָדזשער שפּראַך.

צום דריטן קלונג, ווען מיר זיצן שוין אויסגעזעצט אויף די בענק, לויפט אַריין איינער און טוט זיך אַ לאָז שווימענדיק אונטער אונדזערע פיס — אונטערן באַנק...

— אַנטשולדיקט, שוין פאַרנומען דער פּלאַץ...

לאָזט ער זיך אונטער אַ צווייטער באַנק אין שכנות...

דער צוג הייבט אָן גיין, עס איז שטיל אין וואַגאָן, מיר פאָרן.

עס גייען פאַרביי אונדזער וואַגאָן צוויי קאָנדוקטאָרן מיט דעם קאָנטראָלער און קלאַפּן אָפּ די בילעטן.

נאָך זייער אוועקגיין גייט פאַרביי אַ יידענע, און באַלד נאָך איר אַ צווייטע יידענע מיט פולע קוישן און שרייט:

— קויפט, יידן, שאָקאָלאַד, געבעקס, פּאָמעראַנצן!

עס ווערט אויף אַ פּאָר מינוט שטיל, און עס רוקט זיך איבער דעם וואַגאָן אַ ייד אַ קאַליקע, אָן פיס, אַן אַלטער באַקאַנטער אויף דער לאָדזשער באַן.

נאָך אים קומט אַריין אַ בעטלער, אַ געזונטער בחור. דאָס פּנים איז ברודיק. ער הינקט אַ ביסל אויף איין פוס, און אַ האַנט הענגט אים נאָך. אַ קאַליקע, נאָר ביידע פּיס האָט ער מיט זיך. דער ייד אָן די פּיס איז אים מקנא, און דער בחור איז אים מקנא, וואָס יענער באַקומט מער נדבות, ווייל ער האָט נישט קיין פּיס.

איך קוק אָן דעם בחור און איך דערקען אים. ער איז אויך אַן אַלטער באַקאַנטער אויף דער לאָדזשער באַן.

פון תמיד אָן, האָט מען אויף דער לאָדזשער באַן באַגעגנט נאָר יידישע בעטלער. דערהויפּט איז שטאַרק „נתעשר" געוואָרן דער ייד אָן די פּיס. מען האָט אַפילו געמורמלט, אַז ער האָט אַ ביכל אין „סבערעגאַטעלנע קאַסע".

זיין שם אַלס „גביר" האָט זיך פאַרשפּרייט אַרום דער געגנט פון קאַליושקי, און אַט דער בחור, אַ פּויער פון אַ נאָענטן דאָרף, האָט זיך שטאַרק מקנא געווען אין דעם יידן. ער האָט אָנגעהייבן הינקען אויף אַ פוס, „אָפּלאָזן" אַ האַנט און מיט אַ פאַרברודיקט טרויעריק פּנים האָט ער אָנגעהייבן קריכן גלייך מיט דעם יידן איבער די וואַגאָנעס און מען האָט אָנגעהייבן „קאָנקורירן".

די צוויי קאָנקורענטן זענען מיר געווען באַקאַנט פון די פריע-ריקע יאָרן, און יעדעס מאָל, ווען איך בין געפאָרן קיין לאָדזש און פון לאָדזש, האָב איך זיך געמוזט מיט זיי באַגעגענען, ווי מיט אַלטע באַקאַנטע.

נאָר איצט קומט אַריין אין וואַגאָן דער פּויער און ווענדט זיך צום עולם אויף יידיש:

— יידן, האָט רחמנות און שענקט אַ נדבה.

— האָסט זיך מגייר געווען?—פרעג איך אים פאַרוווּנדערט.

ער ענטפערט מיר נישט, נאָר ער שמייכלט נאַריש און שטרעקט אויס צו מיר די האַנט נאָך אַ נדבה.

— דו באַקומסט באַלד אַ נדבה, נאָר ענטפער מיר, פאַרוואָס האָסטו אָנגעהייבן רעדן יידיש?

— כי-כי! — הייבט ער ווידער אָן לאַכן מיט אַ נאַרישן שמייכל.

- איך פרעגט, פאַרוואָס האָט ער אָנגעהייבן בעטן נדבות אויף יידיש? — דערקלערט מיר איינער פון די פּאַסאַזשירן. — ער איז אַ געשעפטסמאַן. אויף יידיש מאַכט ער מער נדבות און קאָנקורירט שטאַרק מיט דעם יידישן קאַליקע. זעט, ווי ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ

יידיש היטל און ער וועט זיך נאָך מיט דער צייט אָנטאָן אַ יידישע באָרד אויך. וואָס טוט מען נישט צוליב פּרנסה?

באַקומענדיק נדבות, קריכן־איבער די בעטלער אין אַ צווייטן וואַגאָן, און ביי אונדז ווערט שטיל. מיר הערן אַ שמועס צווישן די צוויי פּאַרשוין, וועלכע ליגן אונטער אונדזערע בענק.

— ווי גייען עס די געשעפטן?

— גאַנץ גוט.

— פונוואַנען מאַכן זיי עס די רייזע?

— פון סקערנעוויץ... און זיי זענען אַ לאָדזשער?

— יאָ, איך בין אויס לאָדזש.

— וואָס הערט זיך ביי אייך אין לאָדזש?

— זייער גוט.

— מיט וואָס באַשעפטיקן זיי זיך?

— אָט, מיט וואָס עס מאַכט זיך... היינטיקע צייטן גיט מען נישט אויף אויסצוקלויבן... און איר, מיט וואָס באַשעפטיקט זיך?

— אויך מיט וואָס עס מאַכט זיך... איך פּאָר טאַקע געשעפטלעך קיין לאָדזש.

— ווו רעכנט איר צו פאַרברענגען היינטיקן אָוונט?

— מסתמא, אין יידישן טעאַטער, ביי זאַנדבערגן.

— איך רעכן אויך צו גיין צו זאַנדבערגן אין טעאַטער. וואָס דען קאָן מען טאָן, אַז מען קומט פאַרנאַכט קיין לאָדזש? די געשעפטן וועלן נישט אַנטלויפן מאָרגן אויך.

— הייסט עס, גייען מיר היינט צוזאַמען אין טעאַטער?

— זייער גוט. אויף וואָס פּאַר אַ פּלאַץ רעכנט איר צו נעמען אַ בילעט?

— דעמזעלבן, וואָס מיר פאַרנעמען איצט אין וואַגאָן.

— און פּילייכט וועט מען אונדז נישט אַריינלאָזן?

— נישט קיין אומגליק. זאַנדבערג מיט זיינע מענטשן האָבן נישט קיין טויזנט אויגן. מען כאַפּט זיך ווי אַזוי עס איז אַריין אין טעאַטער און מען זיצט.

— און אַז מען כאַפּט?

— וואַרפט מען אַרויס. כאַפּט מען זיך ווידער אַריין... מען איז דאָך מער נישט ווי יידן און עס ווילט זיך זען אַ יידיש טעאַטער...

דער צוג האָט זיך אָנגעהייבן דערנענטערן צו לאָדזש. פון

אונטער דער באַנק זענען אַרויסגעקראָכן די צוויי פּאַסאַזשירן און אויסגעצויגן זיך די איינגעקאָרטשעטע ביינער.

און ווען דער צוג איז צוגעגאַנגען צו דער סטאַנציע און דער עולם האָט זיך גענומען פאַר די פּעקלעך, האָבן זיך די צוויי פּאַסאַזשירן געזעגנט.

– אַדיע, ווינשע גוטע געשעפטן...

– דאַנקע, אלזאָ, צום ווידערזען היינט אָוונט אין טעאַטער?

– געוויס...

און ביידע פּאַסאַזשירן האָבן זיך פריינטלעך דערלאַנגט די הענט.

II

באזעל.

ווי איר טרעט נאָר אַריבער די גרענעץ פון דער שווייץ, פילט איר זיך אַלס אָנגעלייגטער גאַסט, עפּעס ווי אַ רייכער פעטער, וואָס קומט צו אָרעמע קרובים צו גאַסט.

די שווייצאַרער האָבן שוין אַ באַזונדער אויסגעאַרבעטן חוש צו דערקענען „פּרעמדע", און יעדער, פון קליין ביז גרויס, געפינט עפּעס פאַר אַ הייליקן חוב מיט עטוואָס אייך צו דינען, און ער טוט עס מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ העפלעכקייט, ווי גלייך גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ רייכער קרוב איז צו זיי געקומען.

אַפילו די באַאַמטע פון דער גרענעץ, פרעגנדיק ביי אייך אַ פּאָר ווערטער: צי האָט איר עפּעס צו צאָלן, עפענט פאַר אייך ברייט די טיר און מלא שמחה ווייזט ער אייך אָן, אַז פון יענער זייט וואָקזאַל געפינט איר זיך שוין אין דער שווייץ.

אויף דער רוסיש-דייטשער גרענעץ פאַלט איר אַריין פון איין טשינאָווניק צום צווייטן, און עס דויערט אָפּ שעהן בודק זיין דעם פּאַספּאָרט פון ביידע צדדים און איר פילט, אַז דייטשלאַנד טוט אייך אַ טובה, וואָס זי לאָזט אייך אַריבער איר גרענעץ און נעמט ביי אייך די מאַרקן, דאַן, ווען אויף דער גרענעץ פון דער שווייץ, פילט מען, אַז איר טוט זיי אַ טובה, וואָס איר קומט צו זיי צו גאַסט מיט אייערע פראַנקן.

מיט פאַרגעניגן לאָזט מען איבער אין דער שווייץ די פראַנקן, דאַן, ווען אין דייטשלאַנד לאָזט מען איבער די מאַרקן מיט פאַרדרוס.

אויף אַ קורצער צייט האָבן זיך אַ פּאָר מענטשלעך, מיט וועלכע

איך בין געפאָרן ביזאַהער, אָפּגעשטעלט אין באַזעל, ווי זאָגט מען — „פון איין צוג צום צווייטן".

לעבן מיר האָט זיך שטאַרק געהאַלטן אַ יידל, וואָס האָט כמעט די גאַנצע צייט געשלאָפן אין וואַגאָן.

איצט האָט ער אויסגעזען גאָר אַנדערש: אַן אויסגעשלאָפענער, אַ לעבעדיקער און זייער אויפגעלייגט. ער האָט זיך אַרויסגערופן מיר ווייזן באַזעל.

איבערלאָזנדיק די פּעקלעך אונטן וואָקזאַל, פון וועלכן עס הייבט זיך אָן גלייך די שטאָט, האָבן מיר איבער די שטילע, אויסגעוואַשענע ריינע גאַסן זיך געלאָזט צופוס.

מיט דרך-ארץ האָבן מיר זיך געלאָזט אין שטאָט...

באַזעל! דאָסדאָזיקע וואָרט זאָגט אַ סך דעם יידישן האַרץ און דערמאָנט אין אַ זיסן, שיינעם חלום.

דאָ האָט דער גרויסער הערצל געחלומט.

זעקס ציוניסטישע קאָנגרעסן זענען אין דער שטאָט פאָרגעקומען.

— איר ווייסט, — רופט זיך אָן צו מיר מיין באַגלייטער, דאָס אויסגעשלאָפענע יידל,—איך בין אויף צוויי קאָנגרעסן געווען און האָב געקענט זייער גוט דאָקטאָר הערצל.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קאַזינאָ, געשטאַנען לעבן אירע שווייגנדיקע ווענט, וועלכע וואָלטן געקענט אַ סך דערציילן.

— ווילאַנג האָבן ערשט אויף דעם באַלקאָן געפלאַטערט אין דער לופט יידישע פאָנען? — רעדט ווייטער מיין באַגלייטער. — איר ווייסט, ווען איך בין געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין ירושלים און געשטאַנען לעבן דער וואַנט פון בית-המקדש, האָב איך דאָסזעלבע געפילט, וואָס איך פיל איצט, שטייענדיק ביי דער וואַנט פון דער קאַזינאָ, וווּ עס זענען פאָרגעקומען זעקס ציוניסטישע קאָנגרעסן... איך פיל, ווי מיר, יידן, האָבן דאָ אויך עפּעס טייערס, אייגנס פאַרלאָרן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער בריק, וועלכע ציט זיך איבער דעם טייך ריין.

דאָ האָב איך זיך פּלוצלונג דערמאָנט אַ בילד, ווו הערצל איז אויסגעמאָלט, שטייענדיק אויף דער בריק, אָנגעשפּאַרט אויף די אייזערנע שטאַכעטן און קוקנדיק פאַרטראַכט אין ריין אַריין.

עס איז נאָך גאַנץ פרי. אויף די גאַסן באַגעגנט מען ווייניק

מענטשן. דער ריין איז לויטער און שטיל. עס כאַפּט אָן אַ מרה־שחורה, אויפן האַרצן לייגט זיך אַ שטילער טרויער און מיר לאָזן זיך גיין לאַנגזאַם צום וואָקזאַל, און עס ווייזט זיך מיר אויס, ווי איך גיי פון אַ שיינעם בית־עולם מיט טייערע, שיינע מצבות, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט, עפּעס טייערס, אייגנס.

מיר זיצן שוין ווידער אין וואַגאָן. מיר פאָרן גאַנצע שעהן ביים ברעג פון דעם שיינעם, פאַרכּישופטן ריין, וועלכער טיילט אָפּ דייטשלאַנד פון דער שווייץ.

די שוואַרצוועלדער באַוואַקסענע מיט טענענביימער בערג, פון איין זייט דער ריין און די שווייצאַרישע בערג, פון דער צווייטער זייט די קליינע, נאָר שיינע, ריינע הייזלעך, וועלכע הענגען אויף די בערג צוזאַמען מיט דעם זעלטענעם שיינעם טאָג און לויטערן הימל—דאָס אַלץ דערמאַנט אין מעשה-געגנטן פון „טויזנט און איין נאַכט”. פאַרגעס אין אַלעם און קען זיך אויף אַ מינוט נישט אָפּרייסן פון די גרויסע, ברייטע, גלעזערנע ווענט פון וואַגאָן, און מיין יידל צעבינדט ווידער זיין פּעקל, נעמט אַרויס אַ קאָלדרע מיט אַ קישעלע און בעט זיך אויס אויף אַ באַנק, ציט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, און הייבט אָן גענעצן.

זיין אויסציען זיך אויף דער באַנק, זיין גענעצן ברענגט מיך אַריין אין כּעס און איך זאָג אים:

— ר' ייד! הייניטיקס מאָל וועט איר ביי מיר נישט שלאָפן... עס זאָל מיר וויפל קאָסטן, וועל איך אייך היינט נישט לאָזן שלאָפן... זעט בעסער, איבער וואָס פאַר אַ שיינע געגנטן מיר פאָרן פאַרביי!

און איך שלעפּ אים פון דער באַנק.

— אַ מאָדנער מענטש זענט איר!—זאָגט ער מיט אַן אומצופרידענער מינע, און עס קלעפּט זיך אים אַן אויג...

III

א מענטש מיט א זאַק.

ווען מען פאָרט פאַרביי די שוואַרצוואַלדער בערג, זעט מען פונדערווייטנס, ווי אויף די בערג הענגען משופּעדיק ווייסע שטיבעלעך מיט רויטע דעכלעך און זיי זען אויס, ווי קאָרטנשטיבלעך.

דאָס זענען האָטעלן פאַר פאַרשידענע רייזנדער און פאַר די, וועלכע קומען אַהער זומער פאַרברענגען.

נישט זייענדיק געוויינט זיך לייגן שלאָפן גלייך מיט די הינער, ווי עס איז דאָ איינגעפירט, האָב איך אין מיין צימער נישט געקענט שלאָפן.

איך האָב אויך נישט געקענט שלאָפן איבער דער שרעקלעכער טויט-שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין מיין צימער.

און ווען די בלעטער פון די הויכע וואַלדביימער האָבן אריינגעקוקט אין מיין פענסטער און אַ גרינג ווינטעלע האָט זיי באַוועגט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָרט ווערט געשמועסט צווישן זיך אַ גרויסער סוד, אַז איך זאָל נישט פאַרשטיין, נישט וויסן און נישט דערהערן.

נאָר באַלד ווי איך האָב זיך אָנגעהייבן צוהערן צו זייער סוד, איז שטיל געוואָרן, און איך האָב ווידער נישט געקענט שלאָפן איבער דער גרויסער טויט-שטילקייט.

פּלוצלונג האָב איך דערהערט שווערע פעסטע טריט איבער די טרעפּ און דערנאָך איבער דעם קאָרידאָר פון מיין האָטעל. טריט נישט פון קיין מענטשן, נאָר עפּעס פון אַ פּיל-פּודיקער חיה. דערנאָך האָב איך געהערט עפּעס אַ שטיל רעווען ווי פון אַ לייב אין אַ מענאַזשעריע.

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון מיין בעט און האָב דערפילט, ווי די פּאָדלאָגע אין מיין צימער ציטערט פון די פרעמדע טריט.

מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז מען האָט פאַרגעסן צו פאַר־מאַכן די טיר פון האָטעל און עס איז אַריין אין קאָרידאָר אַ קו, אַ פערד, אָדער ווער ווייסט וואָס. ס׳איז דאָך אַ גרויסער פּיל־מיילִיקער וואַלד...

איך הער זיך צו: אַ מענטשנשטימע, אָבער וואָס פאַר אַ שטימע—אַ דיקע, אַ ברייטע און קלינגט אָפּ, ווי פון שווערע שטיקער אייזנס, וועלכע פאַלן אויף שטיינער.

איך הער, ווי עס עפנט זיך אַ טיר, און עס ווערט ווידער שטיל, ווי פריער.

מיט אומגעדולט האָב איך דערוואַרט, ווען עס האָט אָנגעהייבן טאָגן און ערשט דאַן בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן...

אינדערפרי האָב איך געפרעגט דעם ווירט פון האָטעל, וואָס איז דאָ עפּעס פאָרגעקומען היינט ביינאַכט?

— גאָרנישט, — האָט ער מיר געענטפערט, — עס איז געקומען אַ גאַסט איבערנעכטיקן.

— און ווו איז ער איצט? — האָב איך געפרעגט.

— באַצאָלט פאַר נאַכטלעגער און אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב זיך עפּעס זייער פאַראינטערעסירט מיט דעם גאַסט, וועלכן איך האָב קיינמאָל נישט געזען, נאָר געהערט זיינע טריט און זיין שטימע.

— ער וועט נאָך קומען אַהער? — האָב איך געפרעגט.

מיין בעל־אכסניה האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט און גע־ענטפערט:

— ווער ווייסט, ווי עס קאָן אים אויסקומען... אַמאָל ווערט ער פאַרפאַלן אויף וואָכנלאַנג און אַמאָל קומט ער אָפטער אויף נאַכטלעגער.

— און אַ גאַנצן טאָג ווו געפינט ער זיך?

— ווער ווייסט? אונדזערע וועלדער זענען גרויס...

אויף מאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, און ווען איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט פון האָטעל צו דעם קליינעם קאַפעהויז, האָב איך פּלוצלונג ווידער דערהערט די שווערע טריט און די ברייטע הילכיקע שטימע.

איך האָב עפּעס אַ ציטער געטאָן, און דאָך, פון גרויס טשי־קאַוועקייט, בין איך נאָכגעגאַנגען די טריט.

מיר האָבן זיך באַגעגנט אויף דער וואַרענדע, וואָס האָט זיך געפונען לעבן קאַפּעהויז. איך האָב אים דערזען...

אין אָנהייב האָב איך זיך עפּעס ווי דערשראָקן פאַר אים. אַזאַ גרויסן ברייטן שטאַרקן מענטשן מיט אַזאַ געזונט פריש פּנים — האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן באַגעגנט.

ער איז געשטאַנען מיט אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט און מיט אַ „רוקזאַק" אויף די פּלייצעס.

נישט קוקנדיק אויף זיין גרויסקייט און ברייטקייט, זענען זיינע באַוועגונגען דאָך געווען גרינג, עלאַסטיש און פלינק און פון יעדער באַוועגונג האָט געשפּריצט מיט אַ געוואַלדיקער פיזישער קראַפט.

איך האָב אָנגעהייבן דרך־ארץ האָבן פאַר דעמדאָזיקן מענטשן. דעמדאָזיקן דרך־ארץ האָט אַרויסגערופן אין מיר זיין פיזישע קראַפט. עס האָט זיך אין מיר אַריינגעגנבעט אַ מאָדנע קנאה.

מיר האָבן זיך געזעצט ביי איין טיש טרינקען קאַווע, און ערשט איצט האָב איך באַמערקט אין דעם מענטשן מיט זיין לייבנשטימע צוויי גוטע גרויסע אויגן מיט אַן אומשולדיקן בליק, ווי ביי קליינע קינדער. און דאָך האָט זיין געזיכט אויסגעזען ווילד...

ווען ער האָט זיך אויפגעהייבן פון טיש, האָט ער אויסגעגלייכט זיין רוקזאַק און ער איז מיט זיין שטעקן אין דער האַנט אַוועק מיט ברייטע שפּאַנען.

איך האָב אים נאָכגעקוקט די גאַנצע צייט, ביז ער איז אין וואַלד צווישן די ביימער פאַרפאַלן געוואָרן.

— ווער איז ער? ווו בלאָנדזשעט ער? דידאָזיקע פראַגן האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט.

אין דייטשלאַנד האָב איך זומערצייט באַגעגנט פיל פוסגייער מיט אַזעלכע „רוקזעק" אויף די פּלייצעס און מיט שטעקנס אין די הענט, וועלכע האָבן ליב צו מאַכן רייזעס צופוס אליין אָדער אין קאָמפּאַניע. נאָר אין דעמדאָזיקן מענטשן איז עפּעס אַלץ געווען אַזוי אומגעוויינלעך און זיך געוואָרפן אין די אויגן, און עס האָט זיך געוואָלט וויסן, ווער ער איז.

איך האָב די דינער פון האָטעל אָנגעהייבן אויספרעגן:

— ער קומט אָפט אַהער?

— ווי אַ יאָר. אַמאָל ווערט ער פאַרפאַ'ן אויף אַ גאַנץ יאָר און אַמאָל דרייט ער זיך אַרום אין אַנדער גענגט כמעט אַ יאָר. נאָר נעכטיקן פאַלט ער אַריין אין די האָטעלן ביים וועג, ווו עס פאַלט אים אָן די נאַכט.

— מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך?

— מיר ווייסן נישט. ער שיינט אַ רייכער מאַן צו זיין, ער צאָלט זייער גוט פאַר אַלעם...

מער האָב איך זיך אין האָטעל וועגן אים נישט געקאָנט דער־פרעגן.

נאָר עס איז מיר באַשערט געווען נאָך איין מאָל זיך מיט אים צו באַגעגענען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, פאָרנדיק קיין פרייבורג, איז מיר אויס־געקומען אַראָפּצושטייגן אויף אַ קליינער סטאַנציע, דריי־פיר וויאָרסט פאַר פרייבורג.

דידאָזיקע קליינע סטאַנציע רינגלען אַרום די שוואַרצוועלדער וועלדער. אויף איין באַרג זעען אָן אַ סדר אויסגעשיט עט־לעכע הייזלעך, און אין דידאָזיקע הייזלעך וווינען אָנגעפאָרענע זומער־געסט.

איך האָב זיך צופוס געלאָזט גיין זוכן אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט דאָ פאַרבראַכט דעם זומער.

איך גיי מיט אַ שמאָלן וועג, ביי די פיס פון אַ באַרג און... איך באַמערק פונדערווייטנס, ווי פון אַראָפּ־באַרג לאָזט זיך צום וועג פונקט אַקעגן מיר מיין ריז, דער מענטש מיט דעם זאַק אויף די פּלייצעס און שפּרינגט מיט זיין שטעקן און מיט זיינע לאַנגע פיס, ווי אַ הירש באַרג־אַראָפּ.

ער האָט מיך, אַפּנים דערקענט.

— מיר האָבן נישט לאַנג געטרונקען קאַווע צוזאַמען? — זאָגט ער מיר און זיין שטימע ברומט, נאָר דאָך הערן זיך אין איר ווייכע באַטקעס, און זיינע גוטע אויגן קוקן מילד.

איך האָב אויפגעהערט פאַר אים מורא צו האָבן און איך האָב אים דערציילט, ווי זיין שטימע מיט זיינע טריט האָבן מיך אין האָטעל איבערגעשראָקן.

ער האָט זיך ווייך צעלאַכט, אָבער זיין געלעכטער האָט זיך געקייקלט פון אַ געזונט ברייט האַרץ און האָט געהילכט. און האָט אָפּגעקלונגען אין טיפן וואַלד.

— פונוואַנען גייט איר? — פרעג איך.

— פונוואַנען זאָל איך גיין? פון וואַלד. שוין אַ יאָר פינף, אַז איך האַלט זיך ווייט פון מענטשן און פון דער שטאָט,—דערציילט ער ווייטער.—עס ציט מיך אַלץ אין וואַלד, אין פעלד, אויף די בערג.

— און עס איז אייך נישט אומעטיק? איר בענקט נישט נאָך דער געזעלשאַפט, נאָך דער שטאָט?

— ניין. קיינמאָל נישט. אין וואַלד און אין פעלד איז פרייער. איך געפין דאָרטן מער לעבן, ווי אין די רעשנדיקע שטעטנאָר די נאַכט צווינגט מיך, איך זאָל קומען צווישן מענטשן איבערנעכטיקן. מיר איז ענג אין שטאָט, מענטשן שטערן מיר. איך האָב ליב די פרייהייט און איך געפין זי נאָר אונטער דעם פרייען הימל. איך בין מקנא אַזאַ לעבן, ווי אונדזערע אורעלטערן האָבן געלעבט אין די וועלדער...

— עס אינטערעסירן אייך גאָרנישט די אַלע שיינע זאַכן, וואָס מען געפינט אין די שטעט, ווי טעאַטער, קונסטאויסשטעלונגען, „אָוונטן”, בעלער? — האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זאָגנדיק:

— עס האָט זיך מיר דערעסן די גאַנצע שטאָטישע ציוויליזאַציע... מענטשן יאָגן זיך. פליען און רעשן און באַגראָבן איינער דעם צווייטן. ווי משוגעים לעבן זיי. פוי!.. מיר דאַרפן זיך אומקערן צום לעבן, ווי אונזערע אבות, אונזערע אור-אור-עלטערן האָבן געלעבט...

— איר זענט אַן אויסלענדער? אַ פרעמדער דאָ? — האָט ער מיך פלוצים געפרעגט און פאַרגעלייגט מיך צו באַגלייטן.

נאָכדעם, ווי איך האָב זיך געזעגן מיט מיין באַקאַנטן, וועלכן איך האָב דאָ געזוכט, האָט מיך מיין באַגלייטער, דער מענטש מיטן זאַק געפרעגט:

— און איצט, וווהין ברויכט איר?

— איך וויל פאָרן קיין פרייבורג. איך ווייס נאָר נישט, צי זאָל איך פאָרן מיט דער באַן אָדער מיט דעם עלעקטרישן טראַמוואַי, וועלכער גייט פונדאַנען?

— פאָרן? — האָט ער זיך פאַרקרימט, ווי פון אַ מיאוסער זאַך. פאָרן? פוי!.. איינגאַנצן אַ כּאַר וויאַרסט — און פאָרן! אַ מענטש זאָל זיך לאָזן שלעפּן אין אַ וואַגאָן, ווי עפּעס אַ אָנגעפּילטער זאַק... פוי, עס פּאַסט נישט פאַר קיין מענטשן. אַז איר ווילט, וועל איך אייך אָפּפירן ביז פרייבורג, איר זאָלט פאַרשפּאָרן זוכן דעם וועג.

עס איז געווען נאָך האַלבן טאָג. דער וועטער איז געווען זעלטן שיין און די לופט אַזוי ריין. זיין פּלאַן גיין צופוס קיין פרייבורג איז מיר געפעלן.

מיין קליינעם האַנטרענצל האָט ער מיר אָנגעבונדן אויף די פּלייצעס און געפונען פאַר מיר אַ שטעקן.

— אָן אַ שטעקן גייט מען נישט אין וועג! — האָט ער מיר געזאָגט. — מיט אַ שטעקן איז פריילעכער.

מיר האָבן אָנגעהייבן שפּאַנען, אויסמיידנדיק די קליינע סטאַנציע. און אָפּגייענדיק אַ פופצן מינוט, האָבן מיר שוין דערזען פרייבורג פון ווייטנס.

- אָט זעען מיר שוין פרייבורג!—האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט. — אַ שטאָט איז דאָס? אַ גיהנום איז דאָס! אָט קוקט, ווי דער הימל איז דאָ לויטער, די לופט איז ריין, און דאָרטן איז דער הימל פאַררויכערט פון די קוימענס, פון מענטשן און אַלערליי בהמות, וואָס אָטעמען דאָרטן. פוי!.. — האָט ער געזאָגט מיט עקל.

נאָך אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום זענען מיר געקומען צו די ערשטע הייזלעך, וו די שטאָט האָט זיך אָנגעהייבן.

דער מענטש מיט דעם זאַק האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— נו, האָט מיר אַ גליקלעכע רייזע. גייט גלייך מיט דעם וועג, וועט איר אָנקומען אויף דעם פרייבורגער וואָקזאַל.

— נו, און אין שטאָט וועט איר נישט גיין?

— אָ, ניין! צוואָס זאָל איך קריכן אין דעם רויך, אין דעם שמוץ...

ער האָט זיך מיט שטאָלץ אומגעקערט צו מיר מיט זיינע ברייטע פּלייצעס און איז אַוועק צוריק.

איך האָב נאָך לאַנג נאָכגעקוקט דעם מענטשן מיט דעם זאַק.

וועלכער האָט זיך פון מיר דערווייטערט און מיט שטאָלץ געגאַנגען איבערן ברייטן פעלד אונטער דעם לויטערן הימל. און דערנאָך האָב איך זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין איבער פאַרשידענע גאַסן און געסלעך, ביז איך בין געקומען אויף דעם וואָקזאַל, וווּ איך האָב זיך אַריינגעמישט צווישן הונדערטער מענטשן, וועלכע האָבן געראַשט און זיך ערגעץ געאײַלט.

איין צוג נאָך דעם צווייטן זענען מיט אימפּעט אָנגעקומען און אַוועק, ביז איינער פון זיי האָט מיך, ווי אַ רוח „געשלעפּט" אָן אָן אָטעם קיין בערלין.

IV

אונטערן רעגן.

סאַנט-בלאַזיען—אַ דייטשיש קליין שטעטעלע אין טאָל צווישן מיט שטענענביימער פאַרוואַקסענע הויכע בערג.

אין דעמדאָזיקן שטעטעלע איז היינט אַ גרויסער יום-טוב. נישט קיין קאַטוילישער, נישט קיין יידישער, נאָר גלאַט אַ יום-טוב, וועלכן מען קאָן אָנרופן „זון-יום-טוב".

און אַז עס שיינט די זון אין סאַנט-בלאַזיען, איז פאַר די קראַנקע פון פאַרשידענע סאַנאַטאָריומס און אַלערליי קור-הייזער קיין גרעסע־רער יום-טוב נישטאָ.

שיינט די זון, ליגן אַלע קראַנקע אין די וועלדער אָדער זיי שפּאַצירן.

שיינט די זון, הייבן ביי זיי אָן מאָדנע בלישטשען די אויגן, און עס שפּיגלען זיך אָפּ אין זיי גליק, גוטע האָפענונגען: זייערע אויגן רעדן וועגן לעבן און געזונט.

און קיינעם ווילט זיך אַזוי נישט לעבן, געניסן פון לעבן, ווי אָט די סאַנט-בלאַזיענער קראַנקע, וועלכע באַשטייען כמעט אַלע פון די רייכסטע לייט, מענטשן, וואָס וויסן דעם טעם פון אַלע פאַרגעניגן פון לעבן.

ווען עס שיינט די זון אין סאַנט-בלאַזיען, הייבן-אָן אַפילו 70-יאָריקע קראַנקע צו רעדן וועגן געזונט, וועגן לעבן, וועגן נייע פּלענער, און פרויען פון מיטעלע יאָרן שמייכלען, לאַכן, ווערטלען זיך, און יונגעלייט, יונגע ווייבלעך און פרײלנס לויפן, שפּרינגען, רעדן פון ליבע, קאָקעטירן, פלירטעוועןְ; מען שפּרינגט, מען טאַנצט — מען לעבט מיט אַלע האָפענונגען אויף דעם לעבן!

דאָס אַלץ קומט פאַר, ווען עס שיינט די זון אין סאַנט-בלאַזיען.

אין יענעם טאָג האָט די זון נישט נאָר געשיינט, נאָר ווי מען זאָגט: „געברענט". אָבער די סאַנט-בלאַזיענער זון איז נישט אַזעלכע, וואָס ווען זי ברענט, גיסט דער שוויים פון מענטשן, מען באַהאַלט זיך אין די קעלערס אום אָפּצוקילן זיך, אָדער מען האַלט אין איין טרינקען קאַלט וואַסער. די סאַנט-בלאַזיענער זון מעג זיך בראָטן און ברענען און דערגרייכן וואָס פאַר אַ טעמפּעראַטור זי וויל, איז נישט הייס, נאָר וואַרעם, מחיהדיק אנגענעם, ווי דער מאַמעס וואַרעמע הענט גלעטן אייער פּנים.

— אַזאַ מין וואַרעמקייט,—זאָגן מיט שטאָלץ די סאַנט-בלאַזיענער איינוווינער,—האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונדזערע שוואַרצוואַלדער בערג מיט די טענענביימער, וועלכע רינגלען אונדז אַרום און לאָזן צו אונדז נישט צו קיין שום שלעכטס.

די זון האָט נישט אויפגעהערט צו שיינען אין סאַנט-בלאַזיען, און פון די וועלדער אַרום און אַרום שטעטל האָבן זיך געהערט פריילעכע שטימען. עס האָט זיך געהערט און געפילט אין דער לופט: לעבן און לעבן!

און פּלוצים האָבן זיך די גליקלעכע געזיכטער פון די קראַנקע איבערגעביטן, זייערע אויגן האָבן אויפגעהערט גלאַנצן. זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן, נאָר באַקומענדיק אַ באַזונדער מין בליי-קאָליר, זענען זיי געבליבן שטיין אויף איין אָרט.

עס זענען דאָ אַזעלכע אויגן, וועלכע רעדן און שווייגן.

אַ טויט-שטילקייט האָט אָנגעהייבן הערשן אין וואַלד.

נאָר ווינטער, ווען עס ווערט אַלץ פאַרפראָרן און פאַרגליווערט, הערשט אַזאַ שטילקייט אין די וועלדער.

די קראַנקע אויף די בעטלעך האָבן זיך אָנגעהייבן פאַרגראָבן אין זייערע קאָלדרעס, די שפּאַצירנדיקע האָבן שווייגנדיק, אָן ווערטער, קוקנדיק מיט שרעק אויף די שפּיץ בערג, זיך אָנגעהייבן לאָזן נענטער צו די סאַנאַטאָריומס און קור-הייזער.

וואָס איז אַזוינס פּלוצים געשען, וואָס דאָס פריערדיקע לעבן האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט?

פון די בערג האָבן, ווי פאָלקן חיילות, אָנגעהייבן אָנצוקומען וואָלקנס איבערן שטעטל און מען האָט דערוואַרט, אַז עס וועט אויסברעכן אַ שלאַקסרעגן.

די זון האָט נאָר מינוטנווייז, אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אָרט, באַגיידט די ביימער אויף די בערג און דערנאָך איז זי אינגאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן. דעם גאַנצן שטעטל האָט אַ וואָלקן באַדעקט, ווי אַ דאַך און מיט זיינע ברעגעס זיך אָנגעשפּאַרט אָן די שפּיץ-בערג אַרום און אַרום, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיר זענען אין טאָל, ווי אין אַ קאַסטן פאַרשלאָסן פון דער גאַנצער וועלט.

אַלע קראַנקע זענען זיך צעגאַנגען יעדערער אין זיין רו, ווי קינדער, וואָס ווילן נישט גיין אין חדר אַריין.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַקסרעגן מיט דונערן און בליצן און איך בין געבליבן איבערוואַרטן דעם רעגן אונטער דער ערשטער וואַרענדע, וואָס איך האָב באַגעגנט.

עס האָט שוין אָנגעהייבן נאַכט ווערן, ווען דער שלאַקסרעגן איז איבערגעגאַנגען, נאָר דערנאָך האָט אָנגעהויבן גיין אַ דין, וואַרעם זומער-רעגנדל.

אונטער אַ רעגנשירם האָב איך זיך געלאָזט גיין איבערן שטעטל צו מיר אין האָטעל. אויף דעם וועג האָב איך זעלטן וועמען באַגעגנט, ווייל וועמען קאָן מען באַגעגענען אין דעם שטעטל, ווען די קראַנקע האָבן זיך אין זייערע צימערן פאַרשלאָסן, סיידן אַ פאַרביי-לויפנדיקן דינער פון סאַנאַטאָריום, פון די, וועלכע באַדינען די קראַנקע, אַ גאַסט, וואָס איז געקומען באַזוכן אַ קראַנקן, אָדער אַ היגן איינוווינער.

דאָס דינע שיטערע רעגנדל גייט זיך אַזוי שטיל, אַז מען הערט קוים זיין גאַנג.

עס איז שוין אַ האַלבע שעה אין דער נאַכט, און דער וועטער איז וואַרעם, ווי בייטאָג.

און אין דער שטילקייט דערהער איך פּלוצים אַ געזאַנג. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס געזאַנג גייט פון הונדערטער שטימען, זיסע, גלאַטע, הילכעדיקע און דינע שטימען.

דאָס געזאַנג האָט אָפּגעקלונגען אין די בערג און דידאָזיקע קלאַנגען האָבן זיך, ווי הילכיקע גלעקלעך, אָנגעהייבן קאַטשען אין טאָל איבערן גאַנצן שטעטל. די גאַנצע לופט איז געווען פול מיט דידאָזיקע געזאַנגען, וועלכע האָבן זיך געטראָגן צו מיר פון ערגעץ וויט-ווייט.

און איך בין נאָכגעגאַנגען דעמדאָזיקן געזאַנג, ביז איך בין

געקומען צום הויז פון אַ פּאָלקסשולע. איך האָב געזען ווי פּאַר דער שולע איינדרויסן, אונטער דעם דינעם וואַרעמען זומער-רעגנדל זענען געשטאַנען אונטער רעגנשירעמס כמעט אַלע שטענדיקע באַ-לעבאַטים פון שטעטל און מען האָט געזונגען דייטשישע פּאָלקסלידער אונטער דער פירונג פון אַ דיריזשאָר.

איך האָב צווישן זיי אויך באַמערקט מיין באַלעבאָס פון האָטעל און אַ פּאָר באַקאַנטע קרעמער.

איך האָב זיך געשטעלט מיט מיין רעגנשירעם און געהערט זייער זינגען. ריזיקע שטאָלצע שטימען פון געזונטע הערצער האָבן זיך געקייקלט אין דער לופט.

אָט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ דינער מיט אַ זעקל אין די הענט, אַ דראָזשקאַרזש מיט אַ צעבראָכענער ראָד אויף די פּלייצעס. האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַ זייט, אָוועקגעלייגט די משא און מיט-געזונגען צוזאַמען מיט דעם כאָר.

ביי יעדער פּאַוזע, ווען מען האָט אויפגעהערט זינגען, האָט זיך געהערט פון די נאָענטע הייזער, פון די אָפענע פענסטער אַ פּאַטשעריי „בראַוואָ".

פון אַ נאָענטן סאַנאַטאָריום האָבן קראַנקע געעפנט די פענ-סטער און האָבן אַפּלאָדירט.

לעבן מיר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אַלטע, גרויע פרוי מיט אַ גרויסן קויש אויף די פּלייצעס, און אַזוי שטייענדיק מיט דעם קויש, האָט זי אָן צייַן, אַ הוסטנדיקע, מיטגעזונגען מיט דעם כאָר...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ כאָר? — האָב איך געפרעגט ביי איינעם.

דאָס איז אונדזער סאַנט-בלאַזיענער געזאַנג-פאַריין! — האָט ער מיט שטאָלץ געענטפערט.

און איך האָב זיך דערמאָנט אָן אונדזער וואַרשעווער „הזמיר"...

איך האָב זיך דערמאָנט אָן אַלע אַנדערע „הזמירס", „האַרפעס", „לירעס" אין די יידישע שטעט, ווי שווער עס קומט זיי אָן אַריינדרינגען צווישן יידישן עולם מיט אַ יידיש פאָלקסליד.

איך האָב זיך דערמאָנט אין אונדזער אָרעמקייט, און פול מיט קנאה צו די דייטשן בין איך דעם אָוונט, אַ טרויעריקער, פּונקט ווי אַ קראַנקער פון אַ סאַנאַטאָריום, אין אַ שלעכטן וועטער אַוועק צו מיר אין האָטעל...

VI

אַ זעלטענער פּאַרשוין.

פּאַרנאַכטלעך.

דער בערלינער אַלטער באַנהויף באַלייכט זיך מיט די ערשטע פייערלעך. דער צוג, — „בערלין-באַזעל" האַלט אין איין סאָפּען און קרעכצן, וועלכע פאַרהילכן די גרויסע געביידע פון וואָקזאַל.

דער צוג רייסט זיך אַרויס פון דער געביידע, פון אונטער דעם גלעזערנעם דאַך, אויף דער פרייהייט, און מיר פאָרן.

דער צוג שניידט דורך אַ פּאָר פאַבריקן מיט קוימענס, דערנאָך אַ גאַס מיט קליינע, נאָר שיינע זומערהייזלעך, און מיר זעען שוין נאָר פעלדער.

עס איז נאָך גענוג ליכטיק און מיר זעען דעם דרויסן, ווי ער בייט זיך אַלעמאָל אין נייע בילדער.

דער גרויסער פולמאַנישער וואַגאָן איז האַלב ליידיק. מען שפּאַצירט אַרום אין קאָרידאָר איבער דער גאַנצער לייִנג פון וואַגאָן.

איינער פון אונדזערע פאַרשוינען פאַרכאַפּט אַ ליידיקע באַנק, בינדט אויף אַ פּעקל, נעמט אַרויס אַ קאָלדרע מיט אַ קישעלע און מאַכט זיך אַ געלעגער.

—איך וואָלט גיין שווערן, אַז דער פאַרשוין איז אַן אונדזעריקער,— רופט זיך אָן צו מיר איינער אויף רוסיש, און דערנאָך גיט ער צו אויף יידיש:—פון אונדזערע רוסישע אחינו בני ישראל.

דאָס האָט גערעדט צו מיר אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ שיינעם, שוואַרצן קאָפּ האָר און מיט גוטע אויגן. ער האָט זיך

מיר פֿאַרגעשטעלט אַלס בערלינער קאָרעספּאָדענט פֿון דריי פּעטער־בורגער און אַ שטיק פֿינף פּראָווינציעלע צייטונגען.

— עס קאָן נישט זיין, — רוף איך זיך אָן, — ער זעט אויס, ווי אַן עכטער דייטש און לויט זיין דיקייט, ווייזט אויס, אַז ער האָט אין זיך אַריינגעגאָסן נישט איין פֿעסל ביר.

— און דאָך, — זאָגט מיר דער קאָרעספּאָנדענט, — איז ער פֿאָרט פֿון אונדזערע רוסישע אחינו בני ישראל.

— שפּאַרט זיך נישט איבער, מיר — רופֿט זיך אָן אויף יידיש דער, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט די ליידיקע באַנק. — איך בין בסך־הכל אַ מאָהילעווער, נישט פֿון מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, נאָר פֿון דער גובערניע מאָהילעוו אַליין, דאָס הייסט, איך בין בסך־הכל אַ ליטווישער ייד און איך בין זיך שטענדיק נוהג, אַז ווען איך פֿאָר קיין פּעטערבורג, לייג איך זיך שלאָפֿן אין מאָהילעוו און שטיי אויף אין פּעטערבורג, ווען עס איז נאָר דאָ אַ ליידיקע באַנק. איצט, ווען די דייטשן וועלן מיר נישט שטערן, וועל איך מיר איה״ש אויפשטיין מאָרגן אין באַזעל. אַזוי בין איך זיך פֿון תּמיד אָן נוהג אין וועג. אין וועג שלאָפֿט זיך מיר נאָך בעסער, ווי אינדערהיים. איך בין אַמאָל געפֿאָרן פֿון וואַרשע קיין פּאַריז, בין איך גאַנצע צוויי טעג אָפּגעשלאָפֿן. איך האָב זיך נאָר אויפגעכאַפּט אָפּעסן און ווייטער געשלאָפֿן. כאַ־כאַ! אָפּגעגעסן און געשלאָפֿן, געשלאָפֿן און אָפּגעגעסן... כאַ־כאַ!

און אַזוי, רעדנדיק, האָט זיך דאָס מאָהילעווער יידל איבער־געדעקט מיט דער קאָלדרע און געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטן שליטוועגס!—האָט געענטפֿערט דער קאָרעספּאָנדענט.

— דאַנקע! —האָט דאָס יידל געענטפֿערט און האָט זיך נאָכמער איינגעטוליעט אין דער קאָלדרע.

מיר זענען אַרויס פֿון קופּע אין לאַנגן קאָרידאָר. דערנאָך האָבן מיר מיט אונדזערע קליינע פּעקלעך זיך איינגאַנצן איבערגעזעצט אין אַ צווייטן קופּע, וווּ מיר האָבן געפֿונען אַ ליידיקע באַנק.

— און עס געפֿינען זיך אויף דער וועלט אַזעלכע אידיאָטן!—האָט אָנגעהייבן דער קאָרעספּאָנדענט זיך קאָכן. — פֿאָרן, רייזן, דאָס איז לעבן. דאָס אינטערעסאַנטע אין לעבן. אין וועג אויף יעדן טריט, אויף יעדן שריט, וואָס דאָס אויג זעט נאָר, געפֿינט מען נייס... נייע פֿעלדער, נייע וועלדער, נייע פּייזאַזשן, נייע מענטשן. ווו מען קוקט

איך נאָר אום, זעט מען נייע װעלטן, — געפינען זיך מענטשן, װעלכע פאָרנדיק אין װעג, לײגן זײ זיך שלאָפן אין בערלין און שטײען אויף אין באַזעל, אָדער װי דער מאָהילעװער ייד דערציילט, אַז ער לייגט זיך אין װאַרשע און שטײט אױף אין פּאַריז און צוריקװעגס לייגט מען זיך אין פּאַריז און מען שטײט אױף אין װאַרשע..

— מענטשן צאָלן נאָך באַזונדער געלט פאַר שלאָפװאַגאָנען, מען זאָל קענען אין װעג שלאָפן! — קאָכט זיך װײטער דער קאָרעס-פּאָנדענט.—מענטשן צאָלן איבעריק געלט אום צו פאַרשלאָפן די װעלט. מען זאָל מיך, דאַכט זיך, װױפל צוצאָלן, װעל איך נישט שלאָפן אין װעג. אין װעג לעב איך! אין יעדער זאַך, פון גרױס ביז קלײן, געפין איך דעם גרעסטן אינטערעס.

אַלע פּאַרשױנען, װעלכע האָבן זיך געפונען אין אונדזער קופּע, האָבן אײנשטימיג זיך אַרויסגעזאָגט, װי דער קאָרעספּאָנדענט, אַז עס איז נישטאָ קײן אינטערעסאַנטערע זאַך פאַר דעם מענטשן, װי רײזן. רײזן, דאָס איז דאָס אמתע לעבן. יעדע קלענסטע רײזע איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז עס איז אַן עבירה צו פאַרשלאָפן איבעריקע צײט.

נאָר אײן פּאַרשױן איז געזעסן און געשװיגן און מאָדנע גע-פינטלט מיט די אויגן.

איך האָב זיך ערשט איצט אויף אים אומגעקוקט. אַן אַלט העסלעך געזיכט מיט אַן אומגעלומפּערטער, קײלעכיקער באָרד, געקלײדט זוי אַן עכטער ענגלישער דזשענטלמען אין אַ קורצן, ברײטן פּאַלטן, אין געקעסטלטע הויזן, אין אַ װעג-היטעלע אויפן קאָפּ, אויף די הענט קאָלירטע הענטשקעס און אויפן זײט — אַ רײזעטאַש.

לעבן דעם שװײגנדיקן פּאַרשױן איז געזעסן אַ מאַן פון עטלעכע און דרײסיק יאָר, אויך מיט אַ קײלעכדיקער נידעריקער באָרד, נאָר מיט אַ סימפּאַטיש טונקל געזיכט, פּונקט אַזוי געקלײדט, אַפילו פון דעמזעלבן שטאָף, דאָסזעלבע װעג-היטעלע און רײזעטאַש.

זײ זענען געזעסן אײנער לעבן צװײטן און נאָך זײער קלײדן זיך פון אײן שטאָף האָט אויסגעזען, אַז זײ זענען חברים, אָדער אײגענע, און פאָרן צוזאַמען אין אײן װעג.

דער אונטערשיד איז נאָר, װאָס אײנער איז העכער פון דעם צװײטן — פון דעם שװײגנדיקן.

אויסער די צװײ פּאַרשױנען, האָבן זיך אין אונדזער קאָמפּאַניע

געפונען אַ יונגערמאַן מיט אַ זעלטן שיינער, יונגער פרוי, און נאָך אַ פּאָר עלטערע מענטשן.

אַלע האָבן געהאַלטן אין איין רעדן, נאָר דער שווייגנדיקער דזשענטלמען האָט קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט, דאַן, ווען זיין חבר האָט די גאַנצע צייט גענומען אַן אַנטייל אין אונדזער געשפּרעך.

מיר אַלע האָבן, נישט ווילנדיק, נישט אויפגעהערט זיך אומקוקן אויף דעם שווייגנדיקן דזשענטלמען.

זיין חבר האָט דאָס באַמערקט און מיט אַ שמייכל האָט ער אים פאָרגעשטעלט.

— איך האָב די ערע אייך פאָרצושטעלן מיין חבר, מיין בעסטן אַלטן פריינט, מיסטער דזשייקאָב. ער איז אַ באַרימטע פּערזענלעכקייט אין אייראָפּע. גאַנץ לאָנדאָן און בערלין קאָן אים.

דער שווייגנדיקער דזשענטלמען האָט שווייגנדיק, נאָר ליבלעך זיך געבוייגט צו אונדז, און ווייטער זיך געזעסן רויק אויף זיין אָרט.

מיר אַלע האָבן זיך נאָכמער אָנגעהייבן צוצוקוקן צום שווייגנדיקן פּאַרשוין.

— אַ ריין מאַלפּישע געזיכט! — האָט מיר מיין קאָרעספּאָנדענט אינדערשטיל געזאָגט אויף רוסיש, זייענדיק זיכער, אַז קיינער פאַרשטייט אונדז נישט.

מיר האָבן באַמערקט, ווי די יונגע שיינע דאַמע רוקט זיך נענטער צו איר באַגלייטער, גלייך ווי זי האָט פאַר עפּעס מורא באַקומען...

— האָט קיין מורא נישט, — האָט זיך אָנגערופן מיסטער דזשייקאָבס חבר, — שרעקט זיך נישט, מיסטער דזשייקאָב איז זייער אַ דערצויגענער יונגערמאַן.

— דאָס איז דאָך אַ מאַלפּע, אַ שימפּאַנזע,—האָט פּלוצלונג דער קאָרעספּאָנדענט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צום דזשענטלמען.

אַלע זענען פריילעך געוואָרן, און די יונגע דאַמע האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, זאָגנדיק:

— איך האָב עס פריער באַמערקט, אַז דער פּאַרשוין איז אַ שימפּאַנזע, נאָר איך האָב מורא געהאַט פאַר אַ טעות: אפשר איז דאָס פּאָרט אַ מענטש, האָב איך נישט געוואָלט באַליידיקן קיין מענטשן.

— וויאַזוי קאָן מען האָבן אַזאַ טעות, — רופט זיך אָן דער יונגערמאַן צו דער יונגער דאַמע.

— ווייל עס זענען דאָ מענער, וועלכע זעען אויס, ווי מאַלפּעס...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט פון דער מיינונג פון אַ שיינער יונגער פרוי וועגן אונדז, מאַנסלייט.

— צווישן פרויען געפינען זיך דען נישט אַזעלכע, וואָס זענען ענלעך צו מאַלפּעס? — האָט זיך אָנגערופן דער באַגלייטער פון דער מאַלפּע.—איך בין זיכער, ווען איך טו אָן מיין חבר, מיסטער דזשייקאָב, אין פרויענקליידער, וואָלט איר דאָן געקענט צווייפלען, צי עס איז אַ פרוי, אָדער אַ מאַלפּע.

— געוויס נישט.

— פאַרוואָס?

— ווייל פרויען זענען נישט אַזוי באַוואָקסן מיט האָר, ווי די מאַנסבילן.

אַלע האָבן זיך געפרוּווט טרעפן, ווי קומט אַהער אַ מאַלפּע, פונוואַנען פאָרט זי און וווּהין?

ענדלעך האָט די פרוי געפרעגט דעם באַגלייטער:

— פונוואַנען פאָרט איר מיט אייער דזשענטלמען מיסטער דזשייקאָב?

— פון בערלין. דער מיסטער דזשייקאָב האָט גאַסטראָלירט דאָרט מיט מיר, גאַסטראָלירט אין בערלינער צירק... איצט פאָרן מיר קיין אַוסטראַליע אויף גאַסטראָלן.

אייניקע האָבן זיך דערמאָנט, ווי די צייטונגען האָבן געשריבן, וועגן דער באַרימטער שימפּאַנזע, וועלכע האָט דעם לעצטן סעזאָן געוויזן וווּנדער אין בערלינער צירק. און יעדער פון אונדז האָט גע־פּרוּווט אויף שטום־לשון איבעררעדן מיט דעם מיסטער דזשייקאָב. איבערהויפּט האָט אים נישט געלאָזט צורו די שיינע יונגע דאַמע. די שימפּאַנזע איז זיך געזעסן רויק אויף איר אָרט און געפינטלט מיט די אויגן, און אויך נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער יונגער פרוי.

— דערדאָזיקער חברה, — רופט זיך אָן איינער, — געפעלן אויך אונדזערע יונגע שיינע פרויען.

— איך האָב געלעזן וועגן דעם,—ענטפערט די פרוי.

דעם גאַנצן וועג האָט די יונגע פרוי נישט אויפגעהערט צו רעדן מיט מיסטער דזשייקאָב, וואַרפן אויף אים אויגן און קאָקעטירן.

— וואָס טוסטו, וואַנדאַ?—האָט דער יונגערמאַן, איר באַגלייטער, זיך געווענדט צו איר.

— כאַ-כאַ! — האָט זי זיך שרעקלעך צעלאַכט. — דו ביזט אייפער-זיכטיק צו דער מאַלפּע.

— איר פּרויען ווילט אַלעמען געפעלן, אַפילו מאַלפּעס...—האָט דער יונגערמאַן געענטפערט.

— אַוודאַי, פאַרוואָס נישט, דערויף זענען מיר דאָך פרויען. זייט וויסן, מיין ליבער מיסטער דזשייקאָב, אַז איר געפעלט מיר זייער, איך בין אין אייך פאַרליבט,—האָט די פרוי נישט אויפגעהערט צו לאַכן, און דערביי אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער שימפּאַנזעס לאַפּע, וועלכע איז געווען איבערגעצויגן מיט הענטשקעס.

דער באַגלייטער האָט באַלד אָנגעכאַפּט דער פרויס האַנט און באַמערקט:

— זייט פאַרזיכטיק, ליבע פרוי, מיט אייער האַנט. איר קאָנט זי דערנאָך זייער שווער צוריק באַקומען פון זיינע לאַפּעס. איר געפעלט אים זייער.

דער יונגערמאַן האָט ערנסט און שטרענג געזאָגט דער יונגער פרוי:

— וואַנדאַ, דו ווצסט אויפהערן צו מאַכן שפּאַס?

נאָר די יונגע פרוי האָט זיך נישט באַרויקט און נישט אויפ-געהערט צו לאַכן און קאָקעטירן ביז דער באַגלייטער פון דער מאַלפּע האָט זי געבעטן, אַז זי זאָל זיך באַרויקן, ווייל זיין חבר איז אומרויק און זיין געזונט איז אים זייער טייער. מיין חבר,—האָט ער געענדיקט, — ברענגט מיר יערלעך פון די גאַסטראָלן מער ווי צוואַנציקטויזנט מאַרק.

די זומערדיקע קורצע נאַכט איז אַזוי גיך אַוועק, אַז מיר האָבן זי נישט באַמערקט. ווען מיר זענען געקומען קיין שטראַסבורג, איז שוין געווען גרויסער טאָג.

דאָ האָט זיך דער באַגלייטער פון דער שימפּאַנזע געזעגנט מיט אונדז, זאָגנדיק, אַז דאָ מוז ער זיך מיט זיין חבר אָפּרוען דעם גאַנצן טאָג אין אַ האָטעל און די צווייטע נאַכט וועט מען ווייטער פאָרן. בייטאָג איז נישט אנגענעם מיט זיין חבר צו פאָרן,—מיסטער דזשייקאָב איז ביי מיר איידל דערצויגן, ער מוז זיך אָפּרוען, — האָט ער געזאָגט ביים געזעגענען זיך.

דער זעלטענער פאַרשוין, מיסטער דזשייקאָב, האָט אַ שאָקל

געטאָן מיטן קאָפּ און געפּינטלט מיט די אויגן און איז אַוועק מיט זיין חבר, וועלכער האָט אים געטראָגן אויף די הענט.

נאָך שטראַסבורג האָבן מיר זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון פענסטער, זעענדיק דאָס זעלטענע בילד, ווי אויף דעם גאַנצן וועג ביז באַזעל ציען זיך און שלענגלען זיך בערג, גרעסערע און קלע־נערע און פון די הויכע שפּיצן קוקן אַראָפּ אַלטע פּאַלאַצן פון הונ־דערטער יאָרן.

— די בערג,—רופט זיך אָן דער קאָרעספּאָנדענט,—זענען סימנים, אַז באַלד הייבט זיך אָן די שווייץ.

VI

צוריק אַהיים.

אין שאַרלאָטנבורג זעץ איך מיך אין צוג, וועלכער גייט פון בערלין קיין וואַרשע.

ריין, שיין און גרוים איז אין מיין קופּע. קעגן מיר זיצט אַן אויסגעפּוצטער, אַן אויסגעצוואָגענער דייטש מיט אַ קליין שיין טשע־מאָדאַנטשיקל אין דער זייט.

עס איז אַ שיינער טאָג. דער וועטער איז שטיל און איך בין צופרידן מיט מיין פּלאַץ, מיט מיין קופּע, אין וועלכן עס געפינט זיך נאָר איין פּאַרשוין, אַזאַ אויסגעפּוצטער, אַ ריינינקער, אַ שווייגנדיקער, וואָס שטערט קיינעם נישט, און איך פאַנטאַזיר, אַז ביינאַכט וועל איך זיך קענען אויסציען אַליין אויף אַ באַנק.

דער צוג שניידט דורך פאַרשידענע קליינע סטאַנציעס, וועלכע רינגלען אַרום די מיליאָנען־שטאָט בערלין. אין צוג איז שטיל און רויק. מען הערט נישט קיין געשרייען, געפּילדערן, זידלערייען איבער אַ פּלאַץ, ווי אויף די רוסישע באַנען... און איך בין צופרידן פון „אויסלאַנד"... און איך זיפץ, וואָס נאָך אין עטלעכע שטונדן וועט מיר אויסקומען איבערצוגיין אין די רוסישע באַנען מיט די דאָרטיקע אָרדענונגען...

איך בין דאָך שוין מער ווי אַן חודש אַן אויסלענדער, און האָב זיך שוין צוגעוויינט צו דער אויסלענדישער אָרדענונג...

נאָך עטלעכע שעה אין אויסלאַנד! און דערנאָך? ווידער אין חדר אַריין: דאָ מעג, דאָ טאָר נישט. דאָ שטיי, דאָ ליג, און אומע־טום איז אַזוי ענג... און דאָס לעבן איז עפּעס ווי אַן אָפּקומעניש...

איך פאַרטרייב די טרויעריקע געדאַנקען. גוט איז דערווייל אַ חיי־שעה. דערווייל בין איך אין אויסלאַנד, מיין צוג דרייט זיך אַרום בערלין און איך זיץ מיר אין קופּע צוזאַמען מיט אַן אויסגע־פּוצטן דייטש, ווי באַראַנען.

נאָר אַז עס איז באַשערט, טרעפט דאָס אייך אין אויסלאַנד אויך...

אויף יעדער סטאַנציע קומען צו אין מיין צוג פּאַסאַזשירן, נאָר וויפל זיי זאָלן נישט זיין, באַמערקט מען זיי נישט. שטיל, אָן גע־שרייען, זעצט מען זיך אַריין און יעדער פאַרנעמט זיך זיין פּלאַץ מיט אַ „גוט־מאָיען״ אָדער מיט אַ נויג און שאַ, שטיל, קיינער שטערט אייך נישט.

נאָר פּלוצים, אויף „באַנהאָף פרידריכשטראַסע״, אין דער פריער־דיקער שטילקייט, דערהער איך אַ לויפעניש, אַ שטופּעניש איבער די וואַגאָנעס, מיט פּעק און פּעקלעך, ווערכע מען וואַרפט גלייך אין די קופּעען אָן אַ סדר. מען וואַרפט פּעקלעך דורך די פענסטער גלייך צו מיר אין קופּע.

און איך הער געשרייען אויף רוסיש פון פיל קולות מיט קאַנאַקעדיקע רוסישע ווערטלעך.

— העי, איוואַן פּעטראָוויטש! דושי ניעמצאַ אי זאַבעראַי פּאָבאָלשע מיעסט (דערשטיק דעם דייטש און פאַרנעם וואָס מער פּלעצער).

— העי, וואַסיליטש! קוק נאָר אויף די פּעקלעך, דער דייטש זאָל נישט אַוועקלקחענען.

— העי, פּוזאַטע! זע נאָר, מען זאָל נישט אויסטרינקען דעם פראַנצויזישן בראָנפן. די פּעקלעך מעג מען צוגנבענען, נאָר נישט דעם פראַנצויזישן בראָנפן...

עס ווערט אַ גרויס געלעכטער כמעט פון הונדערט רוסישע קולות.

יעדעס רוסיש וואָרט ווערט אַרויסגערעדט מיט אַזעלכע הויכע שטימען, אַז עס הילכט איבער דעם וואָקזאַל.

די ענגשאַפט פון די נייע פּאַסאַזשירן און פון די פּעקלעך ווערט אַזוי גרויס, אַז איך מיט מיין דייטש האָבן קיין פּלאַץ נישט ווו צו זיצן.

פאַר מיר איז דאָס אַן אַלט באַקאַנט בילד, נאָר מיין אויסגע־פּוצטער דייטש ווערט אויפגעציטערט און אַ דערשראָקענער פרעגט ער ביי מיר:

— ווער זענען זיי דאָס, די ווילדע מענטשן?

ער ווענדט זיך נאָך הילף צו די קאָנדוקטאָרן, נאָר זיי זענען צזוי דערשראָקן פון די אומדערווארטעטע „ווילדע" פּאַסאַזשירן, אַז זיי ענטפערן נישט. נאָר אויף זייערע געזיכטער קאָן מען איבערלייענען: וואָס קאָנען מיר אייך העלפן? איר זעט דען נישט, אַז דאָס זענען ווילדע מענטשן, וואָס קענען מיר זיי טאָן?

דער גאַנצער „באַנהאָף פרידריכשטראַסע" האָט באַקומען אַ פּנים, ווי דער קיעווער וואָקזאַל בעת קאָנטראַקטן אָדער בערדיטשעווער וואָקזאַל בעתן יאַר-יריד.

איך האָב באַלד אַראָפּגעוואָרפן פון מיר „מיין אויסלאַנד" און אַרויפגעשלעפּט אויף מיר מיין אַלטן לאַנג-יאָריקן גלות, צו וועלכן איך בין אַזוי געוווינט, און אָן פּ״אַטעסטן האָב איך מיר ווי עס איז צווישן די פּעקלעך געפונען אַ שטיקל פּלאַץ ווו אָנצושפּאַרן זיך, נאָר מיין דייטש, מיין אויסגעפּוצטער דייטש מיט זיין קליין שיין טשעמאָדאַנטשיקל האָט נישט אויפגעהערט צו קאָכן און זידן אויף די „ווילדע מענטשן" און איז אַזוי רויט געוואָרן פון אויפרעגונג, אַז איך האָב געמיינט, אַז אָט באַקומט ער אַפּאָפּלעקסיע.

איך לייג אים פאָר מיין שטיקל פּלאַץ, אַבי איך זאָל איינשטילן דעם דייטש כּעס אויף מיינע „לאַנדסלייט", נאָר מיין שטיקל פּלאַץ געפעלט אים נישט. ער ווייזט מיר, אַז זיין פּלאַץ איז נומער 6 און נאָר דאָרט וויל ער זיצן.

— טשעוואָ קיפּיט ניעמעץ? (וואָס זידט דער דייטש?) — פרעגט ביי מיר איינער פון מיינע לאַנדסלייט.

איך דערקלער אים:

— ניטשעוואָ! — ענטפערט ער רויק.

דער צוג לאָזט הינטער זיך בערלין און יעדערער הייבט אָן זוכן זיין פּעקל.

דאָ ווערט אַן אמתער דור הפלגה. יעדער זוכט און שלעפּט זיין פּעקל און די געשרייען דערביי הילכן איבער דעם גאַנצן וואַגאָן.

מיט דעם שלעפּן די פּעקלעך האָט מען מיין אויסגעפּוצטן דייטש אַרויסגעשטופּט אין קאָרידאָר אַריין, וואו ער איז געשטאַנען אַ צעקאָכטער מיט זיין ריין שיין טשעמאָדאַנטשיקל אין דער האַנט, און נישט אויפגעהערט צו שעלטן די „ווילדער רוסן".

— טשאָוואָ ניעמעץ באָרמאָטשעט, מאָליטסיאַ, טשטאָ-לי? (וואָס פּלאַפּלט דער דייטש, ער דאַוונט, צי וואָס?)

איך דערקלער זיי, אז ער איז נישט צעפרידן, וואָס ער האָט קיין אָרט נישט.

— ניטשעוואָ! — זאָגט איינער.—זאָל דער דייטש נאָך אַ ביסל שטיין.

איינער ליגט פאַר, אַז מען זאָל פאַר דעם דייטש אָפּרייניקן זיין אָרט.

דער פלאַן איז באַלד אָנגענומען געוואָרן. אַלע האָבן זיך ווידער גענומען צו די פעקלעך ביז מען האָט אָפּגערייניקט דעם פּלאַץ נומער 6 און ערשט דאַן, באַקומנדיק זיין אָרט, האָט זיך דער דייטש באַרויקט.

— וו‍ו איז דער פראַנצויזישער בראָנפן? — האָט איינער אָנגעהייבן קאָמאַנדעווען.

מען האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש ליקער, און אָנגעהייבן טרינקען אַלע פון איין קעלישעקל.

איינער האָט אויסגעשפּיגן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בראָנפן? דאָס איז אַ קינדער באַלזאַם! אַלע לאַכן.

איינער דערציילט:

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז אין בערלין קאָן מען באַקומען אונדזער בראָנפן. אַ גאַנצן טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען, ביז איך האָב געפונען אַ פלעשל „פּאָפּאָווקע״. איך האָב זיך אַזוי דערפרייט, גלייך ווי איך וואָלט דערזען מיין אייגענעם טאַטן. איך האָב מיר געהייסן אים געבן, הייסט מען באַצאָלן אָנדערטהאַלבן רובל פאַר אַ פלעשל, וואָס ביי אונדז קריגט מען עס פאַר אַ טשעטווערטאַק! איך האָב אָנגעשאָלטן דעם דייטש און בין אַוועק — אָט דאָס איז אַ פאָלק! — פאַר אַ קליין פלעשל בראָנפן אָנדערטהאַלבן רובל!

אַלע האַלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער און רופן אָן דעם דערציילער „דוראַק״: אפילו דריי רובל וואָלט ער אויך באַדאַרפט באַצאָלן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי געהאַלטן אין איין טרינקען דעם „פראַנצויזישן בראָנפן״ און אין איין זינגען רוסישע פאָלקסלידער.

צו שיין, צו גלאַטיק האָבן זיי געזונגען, און ערשט איצטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס איז דער כאָר פון פּעטערבורג.

און מאָסקווער אָפּערן-טעאַטערן. זיי האָבן געשפּילט אין פּאַריז צוזאַמען מיט שאַליאַפּינען און איצט פאָרן זיי צוריק דורך אַלעקסאַנדראָוו.

— מיר פאָרן דאָס ערשטע מאָל דורך אַלעקסאַנדראָוו, — דער-ציילן מיר אייניקע, — קיין פּאַריז זענען מיר געפאָרן דורך אַן אַנדער גרענעץ.

זיי פרעגן מיך, צי עס איז נאָך ווייט צו דער גרענעץ. איך זאָג זיי, אַז אין אַ שעה אַרום וועלן מיר זיין אין אַלעקסאַנדראָוו.

שפּעטער דערזעט איינער די סלופּעס, וואָס שטייען ביי דער גרענעץ, און ער שרייט אויס מיט שמחה:

— גאָספּאָדאַ! נאַשאַ מאַטושקאַ ראָסיאַ!

— נאַשאַ זעמליאַ! — שרייען אויס מיט דער גרעסטער שמחה די איבעריקע. אייניקע צלמן זיך, טייל זינגען.

מיין האַרץ האָט גאָר עפּעס אַנדערש געפילט, דערזעענדיק די גרענעץ.

איך האָב זיי מקנא געווען, ווי אַ שטיף-קינד אייגענע קינדער...

VII

כשרע מציאות.

אַ וואַגאָן פול מיט קראַנקע. דער פּאָרט פון קאַרלסבאַד, דער פון מאַריענבאַד, פראַנצנסבאַד און פון נאָך פאַרשידענע בעדער.

אייגנטלעך, אַלע מיינע ליבע זאָלן אַזוי אויסזען, ווי די אַלע קראַנקע, וועלכע פאָרן מיט מיר צוזאַמען אין איין וואַגאָן. אַלע זענען פריילעך, לאַכן מיט אַ געזונטן געלעכטער און זעען אויס, ווי מענטשן, וואָס האָבן זיך געלאָזט ווילגיין. עלעגאַנטע מענער, שיינע פרויען. לעבן די ערטער, וווּ זיי זיצן, געפינען זיך פיל שיינע שאַכטלען שאָקאָלאַד און פאַרשידענע גוטע זאַכן, עס זאָל נישט פאַרחלשט ווערן דאָס האַרץ. אַלע מינוט עפנט אויף איינע אַ שאַכטל און איז מכבד די איבעריקע באַקאַנטע און נישט באַקאַנטע.

פון יוצא ווען, אַז מען איז קראַנק, נעמט מען אַרויס קליינע שיינע פּודעלעך, גרויס ווי אַ זעקסער, און מען נעמט אַרויס פּילן, גרויס ווי מאַנדלען, און מען שלינגט.

יעדער לויבט זיינע פּילן און זיין דאָקטאָר, וואָס האָט געגעבן די פּילן און גענומען צען מאַרק פאַר אַ וויזיט.

דערנאָך פאַרגעסט מען אין דער קרענק און די פּילן און אַפילו אין דעם שאָקאָלאַד און מען גייט איבער אויף שמועסן, וואָס פאַר אַ מציאות יעדער האָט איינגעהאַנדלט אין אויסלאַנד.

— מען זאָל נאָר נישט האָבן קיין יסורים ביי דער גרענעץ,—רופט זיך אָן איינע,—מען זאָל דורכלאָזן, וואָלט עס געווען אַ כשרע מציאה.

ווי די הערן, אַזוי די דאַמען, הייבן אָן אַלע רעדן אויף דער טעמע.

— איך האָב זיך געמאַכט צוויי קליידער און צוויי מאַנטלען, — דערציילט אַ פרוי פון קרוב 40 יאָר,—איינע פאַר מיר און איינע פאַר

מיין שוועסטער אַ מתּנה, און איצט וועל איך האָבן יסורים ביי דער גרענעץ... נאָר איך פרעג אייך: ווי קאָן איך קומען אַהיים און דער שוועסטער נישט ברענגען אַ מאַנטל? זי האָט מיר אין אַלע בריוו דערמאָנט וועגן דעם, זי האָט מיך באַשווירן מיט איר געזונט, מיט איר מאַן און מיט אירע קינדער, אַז איך מוז איר ברענגען דעם מאַנטל. איך האָב פיינט צו פירן מיט זיך זאַכן, נאָר איך פרעג אייך: ווי קומט מען אַהיים און מען ברענגט נישט די קינדער עפּעס און דעם מאַן כאָטש אַ קעסטל ציגאַרן און פאַר זיך עפּעס?

— הייסט עס, אַז איר פירט מיט זיך, ב״ה, אַ גאַנצע קראָם,— רופט זיך אָן אַ שכנה, וואָס זיצט לעבן איר. — איך בין אייך אוודאי נישט מקנא, אַז מיר וועלן קומען צו דער גרענעץ...

די פּערציק-יעריקע דאַמע ווערט בלאַס.

— נו, איך פרעג אייך, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, ווי אַזוי קאָן מען זיך איינהאַלטן און נישט קויפן? איר האָט דאָך אַליין געזאָגט אין קאַרלסבאַד, אַז דער טיי-סערוויז אויף 6 פּערזאָן איז אַ כּשרה מציאה, האַלב אומזיסט, האָב איך אים געקויפט...

— ווי איז מיר! — שפּרינגט אויף די שכנטע. — הייסט עס, איר פירט דעם סערוויז אויך מיט אייך!...

יענע ווערט נאָך בלאַסער און טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן.

— וואָס זשע זאָל איך טאָן, מיין ליבינקע, דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, איך זאָל נישט קויפן. נאָר איך פרעג אייך, מיין טייערע, איר האָט דאָך אַליין געזען, איז מעגלעך געווען זיך איינצוהאַלטן און נישט צו קויפן אַזאַ סערוויז? עס איז דאָך באמת האַלב אומזיסט — אינגאַנצן 12 מאַרק. ביי אונדז אין וואַרשע וועט איר עס פאַר 20 מאַרק נישט באַקומען.

— אוודאי, אוודאי, נאָר וואָס וועט איר טאָן ביי דער גרענעץ, ווי וועט איר עס אַריבערפירן?

— איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז! אַלע, וואָס קומען פון אויסלאַנד, פירן דאָך אַריבער גאַנצע פּעק, אפילו גאַנצע גאַרדעראָבן פאַר טעכטער צו דער חתונה, און איך האָב געקויפט אַזעלכע קלייניקייטן. זעט, מיין ליבינקע, איך וועל אייך בעטן, איר זאָלט מיר קומען צו הילף און פאַר דער גרענעץ אָנטאָן איין מאַנטל און דריי

שטיק פון דעם סערוויז נעמען צו זיך... אַזאַ קליינינקייט, נישט קיין גאַנצן סערוויז וועט מען דורכלאָזן... זייט אַזוי גוט...

– גאָט איז מיט אייך, וואָס רעדט איר? איך פיר אַליין צוויי מאַנטלען און אַ קליין מענטעלע, איך האָב צוויי שליאַפּעס מיט פיר שטרויספעדערן און אַ חוץ דריי פעדערן פאַר מיין שווערין... איך ווייס נישט, וואָס צו טאָן מיט מיינע זאַכן, אַחוץ האָב איך נאָך קליינינקייטן...

— ווי איז מיר, וואָס-זשע וועל איך טאָן?—ברעכט זי די הענט.

— וואָס האָט איר זיך צו זאָרגן? ביז דער גרענעץ איז נאָך דאָ אַ שעה צען, מיר וועלן נאָך האָבן צייט צו זאָרגן. אפשר וועט זיך געפינען אַ פּלאַן, אפשר וועלן צוקומען באַקאַנטע פּאַסאַזשירן, וואָס וועלן נעמען אַ טייל זאַכן ביי אונדז?

— איך זאָג אייך, אַז ביים פאָרן צוריק קרענקט מען אויס, מען פאַרלירט דאָס געזונט, וואָס מען קויפט אָן אין אויסלאַנד, וואָס קאָסט אַזויפיל געלט. צו די אַלע צרות האָב איך אויך געקויפט אַ פּאָר שליאַפּעס און באַזונדער פינף שטרויספעדערן. וואָס איך וועל טאָן מיט זיי, זאָל איך אַזוי וויסן פון שלעכטס, כאָטש נעם און וואַרף זיי אַרויס פאַר דער גרענעץ דורכן פענסטער. עס איז שוין נישט אַזוי דאָס צאָלן אויף דער טאַמאָזשניע, ווי דער... בזיון. קראַנק קאָן מען ווערן פון דעם פאָרן צוריק.

— קויפט מען נישט אָן קיין שמאָכטעס,—רופט זיך אָן אַ ייד, אַ לאָדזשער פאַבריקאַנט, וואָס איז געזעסן לעבן מיר אַקעגן די פרויען. — קויפט מען נישט, פאַרשפּאָרט מען אַזויפיל צרות אויסצושטיין... טייערער מיט אַ פּאָר רובל, באַקומט מען אַלץ אין לאָדזש אָדער אין וואַרשע. איר מיינט מיט אַן אמת, אַז מען האַנדלט כּשרע מציאות אין אויסלאַנד?

— יאָ, אָבער אַנדערע פירן דאָך איבער גאַנצע פּעק, ווען זיי פאָרן פון אויסלאַנד, און גאָרנישט...

— אפשר וועט אייך אויך געראָטן... מען וועט נישט באַמערקן, מען וועט זיך נישט אומקוקן... וואָס-זשע דאַרפט איר זיך נעמען אַזוי צום האַרצן?

— איר זענט טאַקע גערעכט, — ענטפערן אים ביידע פרויען,— צו וואָס דאַרפן מיר זיך נעמען אַזוי דאָס לעבן? אפשר וועט מען נישט באַמערקן און אונדז אַזוי דורכלאָזן...

ביידע פרויען באַרויקן זיך, נעמען זיך צו די שאַכטלען שאָ־קאָלאַד, טראָגן אונטער איינס דאָס אַנדערע די אָפענע שאַכטלען.

— נעמט, פאַרזוכט.

— ניין, פאַרזוכט איר פריער פון מיינעם.

נאָכדעם, ווי מען שפּאַרט זיך אַוועק אַ פּאָר מינוט און מען פאַרזוכט איינס ביי דער צווייטער, איז מען אונדז אויך מכבד מיט שאָקאָלאַד...

אין אונדזער אָפענעם קופּע קומט אַריין אַ ייד, ער פאַרנעמט אַ ליידיקן פּלאַץ און ווענדט זיך גלייך צו אונדז אַלע:

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, דאַכט זיך, אַז איר זענט רוסישע?

— יאָ, — ענטפערן מיר אַלע, — וואָס איז דען?

און איר פאָרט איצט קיין רוסלאַנד איבער דער גרענעץ?

— יאָ, — ענטפערן מיר.

— וואָס ווילט איר דען פון אונדז?

— זייער גוט, וואָס איר פאָרט קיין רוסלאַנד איבער דער גרענעץ... איך פאָר אויך איבער דער גרענעץ...

— זייער אָנגענעם, — ענטפערט דאָס לאָדזשער פאַבריקאַנטל.— וואָס־זשע ווילט איר עפּעס זאָגן?

פאַרשטייט איר מיך, איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך וועל ביי אייך פרעגן אַן עצה, ווי אַזוי איך זאָל זיך פירן ביי דער גרענעץ... איך בין דאָס ערשטע מאָל געפאָרן קיין אויסלאַנד און איצטער פאָר איך צוריק אַהיים, ווייס איך נישט, וואָס איך זאָל טאָן.

— וואָס זאָלט איר טאָן? — ענטפערט אים דער לאָדזשער ייד.— איר האָט אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט?

— אוודאי, וואָס דען? איך וואָלט קיינמאָל נישט געפאָרן אָן אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט.

— וואָס־זשע האָט איר מורא? מען וועט אייך דורכלאָזן די גרענעץ אָן שום שטערונגען.

— יאָ, איך ווייס, אָבער איך וויל אייך פרעגן, וואָס טוט מען: איך פיר מיט זיך אַ ווייסן, זיידענעם שאַל פאַר מיין ווייב. זי האָט מיר עטלעכע מאָל געשריבן, אַז ווען איך וועל אי״ה פאָרן מיט געזונט צוריק אַהיים, זאָל איך איר קויפן אַ ווייסן זיידענעם שאַל. נו, וויל

איך אייך פרעגן, צי וועל איך נישט האָבן קיין שטערונגען ביי דער גרענעץ?

— און מער קיין זאַכן פירט איר נישט?

— חס ושלום!—האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ!—מער נישט ווי פאַר מיין ווייב, דעם ווייסן שאַל, מיין איך... אפילו פאַר די קינדער האָב איך מורא געהאַט צו קויפן אַ פאָר בייטעלעך... איך וועל שוין פאַר זיי עפּעס קויפן אין װאַרשע, נאָר דעם שאַל פיר איך...

— עס האָלט שלעכט מיט אייך, ר' ייד, איר וועט ביי דער גרענעץ האָבן גרויסע צרות,—ווערטלט זיך אָן רחמנות דער לאָדזשער פאַבריקאַנטל.

די צוויי פרויען שמייכלען און האַלטן זיך איין פון לאַכן.

• •
•

אַלע האָבן געשוויגן. דער ייד האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז און אָנגעהייבן רעדן:

— צו וואָס האָט מיר געטויגט אָט דער זיידענער שאַל? איך וואָלט ליבער געצאָלט צען מאָל טייערער פאַר אַ שאַל אין רוסלאַנד, איידער האָבן אָט דעם שרעק.

— וואָס פאַר אַ שרעק? וועט איר באַצאָלן אַ פאָר רובל גרע־נעץ־צאָל — באַרויקט אים דער לאָדזשער ייד.

— אַ פאָר רובל, זאָגט איר? — דער גאַנצער שאַל קאָסט מיר פינף מאַרק, דאָס איז אַ קיימא לן אויף אונדזער געלט נאָך נישט קיין גאַנצע דריטהאַלבן רובל, און איר זאָגט אַ פאָר רובל, עס האָט אודאי געלוינט.

— אויב אַזוי, — רופט זיך אָן איינע פון די דאַמען, — האָט איר זיך גאָרנישט וואָס צו זאָרגן, וואָרים פאַר פינף מאַרק קאָן נישט זיין קיין זיידנס, און איר וועט דעריבער קיין סך נישט דאַרפן באַצאָלן.

— וואָס הייסט נישט קיין זיידנס?—טוט זיך אַ כאַפּ דער ייד,

ווי אַן אָפּגעבריטער און כאַפּט אַרויס פון קעשענע אַ קליין פּאַפּירן פּעקעלע און וויקלט אויס דעם שאַל.

— דאָס איז דאָך נישט קיין שאַל, נאָר אַ שאַרף.

— ביי אייך הייסט דאָס אַ שאַרף און ביי אונדז אין פּאָדאָליע רופט מען עס שאַל.

— אַזאַ שאַל, — עצהט אים אַ דאַמע, — טוט מען אָן אויפן האַלדז, אָדער מען לייגט אים אַריין אין קעשענע, וועט מען אייך נישט טשעפּען אויף דער גרענעץ. הלוואי וואָלט איך מער נישט געקויפט...

— ניין, דאָס טו איך נישט, איך האָב פיינט צו באַהאַלטן.

— ווער וועט זיך אומקוקן אויף אייך!

— אַ קשיא ווער. עס זענען דאָך דאָרטן געשטעלט געוואָרן טשינאָווניקעס, זיי זאָלן קוקן. וואָס וועל איך טאָן, אַז מען וועט דעם שאַל דערזען, אָדער מען וועט זוכן אין די קעשענעס? מען דער-ציילט, אַז מען זוכט אַמאָל ביי דער גרענעץ אין די קעשענעס...

— עט, ווען טרעפט זיך עס, זייער זעלטן!

— ניין דאָס טו איך נישט! — זאָגט פעסט דער ייד.

— אַז אין קעשענע ווילט איר נישט, אויפן האַלדז אויך נישט, איז גלייכער צו ווייזן דעם שאַל און באַצאָלן גרענעץ-צאָל.

— ניין, פאַר פינף מאַרק אַ פּאָר רובל באַצאָלן, דאָס טו איך נישט.

— טאָ טוט, ר' ייד, וואָס איר ווילט.

— ניין, טאַקע דאָס וואָלט איך אייך געוואָלט בעטן, אַז איר זאָלט איבער דער גרענעץ אָנטאָן דעם שאַל אויף אַ פרוי, וועט זיך קיינער נישט אומקוקן. זעט, זייט אַזוי גוט...

און אַזוי רעדנדיק, דערלאַנגט ער די פרויען דעם שאַל...

— אַ חכם אַ ייד,—רופן זיך אָן די דאַמען, — זייער שיין. מיר נעמען אייער שאַל, נאָר איר זאָלט אויך נעמען אין אייערע קעשע-נעס אונדזערע אַ פּאָר זאַכן.

— פאַרוואָס נישט? — ענטפערט דער ייד.-יענעם אַ טובה טאָן האָב איך שטענדיק ליב.

די צוויי פרויען זענען אויפגעלעבט געוואָרן פון שמחה, זאָגנ-דיק איינע דער צווייטער:—וואָס האָב איך אייך געזאָגט? גאָט פאַר-לאָזט נישט און שיקט צו יעדערן זיין באַשערטן.

איינע פון די פרויען האָט אָנגעטאָן אויפן האַלדז דעם שאַל און זיי ביידע האָבן גענומען אָנלאָדן דעם יידנס קעשענעס מיט פאַרשידענע קליינע פעקעלך און צווישן זיי אויך אַ פּאָר שאָלן מיט גלעזער פון טיי-סערוויז.

— פאַרגעסט זיך נאָר נישט, מיינע דאַמען,—רופט זיך אָן דער לאָדזשער ייד, — לאָדט נישט אָן דעם יידן מיט אַזויפיל פעקלעך... ער זעט שוין אויס, ווי געשוואָלן, מען קען נאָך דערקענען...

— נישקשה, ווער וועט זיך אומקוקן? — האָבן די ווייבער געענטפערט און נישט אויפגעהערט פּאַקן אין דעם יידנס קעשענעס.

דעם גאַנצן וועג זענען די צוויי פרויען געווען מלא שמחה און נישט אויפגעהערט מכבד צו זיין דעם יידן מיט שאָקאָלאַד און מיט אַנדערע גוטע זאַכן פון זייערע קוישעלעך און צוליב שכנהשאַפט אונדז אויך מכבד געווען.

דעם גאַנצן וועג ביז דער גרענעץ האָבן די צוויי פרויען נישט אויפגעהערט צו לויבן דעם, וואָס לעבט אייביק, פאַר דעם יידן, וואָס איז ווי פון הימל זיי צוגעשיקט געוואָרן.

* *

ווען איך בין אַריין אין רוסישן צוג, האָט מיך דאָס מזל פאַר-טראָגן אין דעמזעלבן וואַגאָן, ווו מיין פריערדיקע קאָמפּאַניע האָט זיך געפונען: דער לאָדזשער פאַבריקאַנטל, דער פּאָדאָליער ייד און די צוויי פרויען.

איך האָב די צוויי פרויען נישט דערקאָנט, אַזוי טרויעריק האָבן זיי אויסגעזען. בלאַסע איינגעפאַלענע באַקן, די האָר צעשויבערט. אפילו די קליידער, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זיך זענען נאָכגע-האָנגען, די גאַנצע פריערדיקע פיגור האָבן זיי פאַרלוירן. עפּעס האָבן זיי אַזוי אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קרענק. דער לאָדזשער און דער פּאָדאָליער ייד זענען געזעסן רויק און ערנסט געשוויגן.

מען האָט געקענט דערקענען, אַז עס איז עפּעס פאָרגעקומען. מען האָט עפּעס שרעקלעכעס איבערגעלעבט.

אַ פּאָר סטאַנציעס זענען מיר אַזוי געזעסן און געשוויגן.

דערנאָך האָט דער פּאָדאָליער ייִד אָנגעהייבן רעדן:

— גלויבט מיר, אַז איך בין נישט שולדיק... איך בין נישט שולדיק, וואָס מען האָט ביי דער גרענעץ דערקענט אין מיר, אַז איך האָב פּולע קעשענעס...

— אָנצינדן זאָל זיך דאָס אויסלאַנד! — האָט מיט כּעס זיך אָנגערופן איין פרוי. —מען פאָרט אַהין נאָך געזונט און מען קומט צוריק אַ קראַנקע.

שפּעטער האָב איך זיך פון פּאָדאָליער ייִד דערוווּסט, אַז פּאָר אַלץ האָבן די דאָמען געמוזט באַצאָלן גרענעץ-צאָל. טייל זאַכן האָבן זיי איבערגעלאָזט, ווייל זיי האָבן ביי זיך אַזויפיל געלט נישט געהאַט צו באַצאָלן.

— איך האָב נאָך געהאַט בזיונות, וואָס מען האָט מיר אויסגעליידיקט מיינע קעשענעס... נאָר ווער איז דען שולדיק, אַז נישט זיי? למאי האָבן זיי אַזויפיל אָנגעפּאַקט, אַז אַ בלינדער האָט געקאָנט דערקענען...

—נו, און וואָס איז געוואָרן מיט אייער זיידענעם שאַל?

— וואָס זאָל ווערן? — האָט ער געענטפערט.—דעם שאַל האָט איין פרוי אָפן געטראָגן אויף דעם האַלדז און קיינער האָט גאָרנישט בעזאָגט. דער שאַל איז בשלום דורכגעגאַנגען די גרענעץ...

און אַזוי רעדנדיק, האָט ער אַרויסגענומען דעם שאַל פון קעשענע און מיר געוויזן, אַז ער האָט אים.

דער לאָדזשער און דער פּאָדאָליער זענען ערגעץ אויף אַ סטאַנציע אַראָפּ. איין פרוי פון די צוויי איז אַראָפּ אויף דער סטאַנציע קאָליושקי. אין אונדזער וואַגאָן זענען פון דערזעלבער סטאַנציע אָנגעקומען נייע פּאַרשוינען. איינע אַ יונגע פרוי האָט אין מיין פּאַסאַזשירקע דערקענט אירע אַ פריינדין.

— שוין צוריק פון אויסלאַנד, סאַלטשע! — האָט זי אויסגעשריגן און דיביידע פרויען האָבן זיך צעקושט.

נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אויסגעפרעגט איינע ביי די צווייטע אויף פאַרשידענע באַקאַנטע, האָט די יונגע פרוי אויסגעשריגן מיט שמחה:

— איך זע, סאַלטשע, אַז דו פירסט גאַנצע פּעק פון אויסלאַנד, ווי איז ביי דיר געגאַנגען מיט דער גרענעץ?

— אויסגעצייכנט, מען האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט, אַלץ איז דורכגעגאַנגען.

— עס פרייט מיך זייער. וויפל האָסטו באַצאָלט פאַר דעם מאַנטל, וואָס דו טראָגסט?

— איך האָב געקויפט צוויי, זייער ביליק.

— איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, דו זאָלסט מיר ווייזן, וואָס דו האָסט איינגעקויפט.

און מיין פּאַסאַזשירקע האָט אייניקע זאַכן אויסגעפּאַקט, געוויזן און דערציילט וועגן אַזעלכע כשרע מציאות, אַז דאָס פּנים האָט מיר געברענט פון בושה און איך האָב זיך נישט געוווּסט, ווו צו באַהאַלטן.

ביי דער יונגער פרוי האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן פון קנאה, וואָס איר סאַלטשע האָט אַזוי ביליק געקויפט אַזעלכע שיינע זאַכן...

דער בלייענער פייגל.

אַמאָל האָט מען אים גערופן יאָסי וואַסערפירער און היינט רופט מען אים „דער בלייענער פייגל", און אַלע, פון קליין ביז גרויס, ווייסן שוין אין סטעפּקיווקע ווער דאָס איז.

יאָסי האָט זיינע אַלע יאָרן געפירט וואַסער צו אַלע באַלעבאַטים פון שטעטל סטעפּקיווקע. ער האָט געהאַט אַן אייגן פעסל און אַ לאַנג אויסגעדאַרט פערד, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט פאַר אַכט רובל אויף דעם טאָרג פון אַלטע פערד, וואָס די „אַרטילעריע" האָט פאַרקויפט.

דאָס אַרטילערייסקע פערד האָט קוים געשלעפּט דאָס פעסל מיט זיינע אַלטע אונטערגעשלאָגענע פיס. נאָר אַזוי ווי יאָסי איז בטבע געווען אַ רויִקער מענטש און האָט זיך קיינמאָל אין ערגעץ נישט געאיילט, ליב געהאַט אַלץ צו טאָן און גיין פּאַמעלעך, איז ער געווען צופרידן מיט זיין פערד, וואָס האָט געטריי געשלעפּט זיין פעסל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ וואָגן פון פיר רעדער.

דאָס שטעטל סטעפּקיווקע איז אינגאַנצן באַשטאַנען פון אַ גרויסן ברייטן פּלאַץ, אינמיטן אַ קלויסטער, און אַרום, ווייט אָפּגערוקט פון קלויסטער, איז געשטאַנען אַ פּאָר הונדערט הייזלעך.

אויסער דעם איינציקן מאַרקטאָג אין דער וואָך פלעגט אויף דעם פּלאַץ זעלטן ווער דורכפאָרן, און יאָסי פלעגט יעדן טאָג מיט זיין פעסל און מיט זיין פערד פריי זיך שלעפּן טריט ביי טריט איינער אַליין איבער דעם גרויסן ברייטן פרייען פּלאַץ, און דאָס סקריפּן פון די רעדער פלעגט מען נישט נאָר הערן אויף דעם פּלאַץ, נאָר אויך אין די הייזלעך.

און דאָך פלעגט נישט אַוועקגיין די וואָך, אַז יאָסי מיט זיין פעסל זאָל עמעצן נישט איבערפאָרן. דערהויפּט פלעגט פון אים ליידן

די שיכּורע בעטלערקע, וואָס האָט זיך שטענדיק געשלעפּט פון איין שענק צום אַנדערן. שטענדיק איז זי געווען צעשלאָגן, און אַלע ווונדן זענען איר געקומען פון יאָסיס עגלה.

כּמעט אַ דריטל פון סטעפּקיווקער איינוווינער זענען שטענדיק אַרומגעגאַנגען פאַרבונדן אָדער צוגעהונקן אַ דאַנק יאָסין, וואָס ער איז אויף זיי אָנגעפאָרן מיט דעם דישל.

און וויפל מען פלעגט אויף אים נישט שרייען:

— וואָס איז מיט אייך, ר׳ יאָסי, איר האָט קיין אויגן נישט, צי וואָס? דאַכט זיך, אַז דער פּלאַץ פון שטעטל איז גענוג גרויס און ברייט און האָט גענוג אָרט ווו צו פאָרן, נישט גלייך אויף מענטשן...

נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. יאָסי פלעגט זיך אַליין שעלטן און שווערן ביי זיך און זיין ווייב און קינדער, אַז ער „טרייבט אָן״ גלייך.

— איך קוק, דאַכט זיך, אויף אַלע זייטן, לאָז נישט אָפּ די ווישקעס פון די הענט, און דאָך פּלוצלונג וואַקסט אויס ווי אונטער דער ערד די בעטלערקע אָדער אַן אַנדער מענטש פאַרן דישל און עס הערן זיך קולות. אַ גליק, וואָס איך שטעל באַלד אָפּ מיין „אַרטילעריע״.

און אַזוי האָט דאָס שטעטל ווייטער געמוזט ליידן פון יאָסי וואַסערפירער. מען קען דאָך אַ יידן מיט ווייב און קינדער נישט מקפּח פּרנסה זיין?

* * *

די איינוווינער פון סטעפּקיווקע האָבן נאָך לאַנג געליטן פון יאָסי וואַסערפירער און אַלץ אָנגענומען פאַר ליב, ווי אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען און געשוויגן. נאָר דער, וואָס לעבט אייביק און זאָרגט פאַר אַלע באַשעפעניש אויף זיין וועלט, אַפילו פאַר אַ וואָרעם אונטער אַ שטיין, האָט זיך, ענדלעך, אויך מרחם געווען אויף סטעפּקיווקע, וואָרים סוף כּל סוף וואָלט יאָסי, מיט זיין „אַרטעלעריע״ אַלע

איינוואוינער פון שטעטל געמאַכט פאַר קאַליקעס, אַז קיין איינציקער גאַנצער מענטש וואָלט נישט געבליבן אין סטעפּקיווקע און... גאָט האָט אַ נס געטאָן.

יאָסיס אַ זון, וואָס איז פון לאַנגע יאָרן נאָך אַלס ייִנגל אַוועק קיין אַמעריקע, איז אויפגעריכט געוואָרן און צוגעשיקט דעם טאַטן אַ פּאָר הונדערט רובל מיט אַ בריוו, ווי ער האָט געשריבן, אַז ער שיקט דאָס געלט בתנאי, אַז דער טאַטע זאָל אַוועקוואַרפן זיין שווערע פּרנסה — די וואַסערפירערײ און זיך נעמען צו אַ גרינ-גערער פּרנסה.

די שטאָט איז געווען אַזוי מלא שמחה, אַז אויף דעם ערשטן שבת האָבן די שענסטע באַלעבאַטים געשיקט יאָסין וויין מיט קוגל און אין דער גאַנצער שטאָט איז געווען אַ גרויסע שמחה. אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם, וואָס יאָסי ווערט אויס וואַסערפירער.

ווען מען האָט אָפּגעהוליעט דעם פרייליכן שבת, האָט יאָסי מיט זיינע באַקאַנטע זיך אָנגעהייבן האַלטן אַן עצה, צו וואָס פאַר אַ גרינגער פּרנסה זאָל ער זיך נעמען. עפּעמען אַ קרעמל, לייגט זיך נישט די האַנט צו קרעמערײ: פאַרט דאָס גאַנצע לעבן געטראָגן פון פאַס אין קיך שווערע עמער וואַסער. צו ווערן אַ בעל-עגלה און פירן פאַרשוינען, לייגט זיך יאָ אויף דער צונג, עס איז אַ ביסל גרינגער און שענער, און ווי זאָגט מען, מען ווערט נישט פאַרפרעמדט. פאַרט אַן אייגענע זאַך: אַ פערד, אַ וואָגן. נאָר עס איז אויך נישט קיין גרינגע פּרנסה. „ווי מיין זון, זאָל לעבן, פאַרלאַנגט”. אָבער מען דאַרף פאָרן אין וועג, אַרויף און אַראָפּטראָגן שווערע פּעק מיט קאַסטנס.

לאַנג האָט יאָסי נישט געפונען פאַר זיך קיין „גרינגע פּרנסה”. נאָר איינמאָל, זיצנדיק אַזוי ביי זיין שכן שמוליק דעם בעקער און האַלטנדיק זיך מיט אים אַן עצה, רופט זיך אָן פלוצלונג שמוליקס זון לייבקע, וואָס איז נישט לאַנג געקומען אַהיים פון דער „סלוזשבע”:

— עך, — שרייט ער, — ווען איך, גאָספּאָדאַ, זאָל האָבן אַ פּאָר הונדערטער, ווי איר, ר׳ יאָסי, וואָלט איך שוין געפונען אַ גרינגע פּרנסה...

— וואָס, אַ שטייגער, לייבקע? — האָט זיך יאָסי אַ כאַפּ געטאָן.

— אָט האָב איך געדינט אין לאָדזש, און ווען איך האָב געענ-דיקט מיין „סלוזשבע”, וואָלט איך נאָך אַהיים נישט געקומען זיך בראָטן די גאַנצע נעכט ביים טאַטנס אויוון און באַקן. איך וואָלט

גלייך מיר אויסגעפוצט אַ דראָזשקע מיט אַ פערד, מאָיאָ פּאַטשטעניע, און וואָלט מיר אַרויסגעפאָרן אין שטאָט, זיך געשטעלט אויף אַ אוגאָל, זיך געזעסן רויק, אויסגעפוצט אויף דער קעלניע און דאָס פערד וואָלט זיך אויסגערוט. גייט צו איינער, אַ גרינג פאַרשווינדל, זעצט זיך אויף דער דראָזשקע, איך טו אַ פאָר אַ פּאָר גאַסן און כאַפּ צוואַנציק קאָפּיקעס, און באַלד אַ צווייטער — ווייטער אַ פאָר, ווידער צוואַנציק קאָפּיקעס. אַזוי פאַרדינט מען דורכן טאָג אַ דריי-פיר רובל. און ווער שמועסט, אַמאָל צום וואָקזאַל, אָדער נאָך צוועלף ביינאַכט מיט פּאַצעטלעך און פריילנס, כאַפּט מען אַמאָל פּאַר אַ פּאָר אַ גאַנצן האַלבן קאַרבּ און מען קען אַמאָל אַזוי, ווען גאָט וויל, גרינג פאַרדינען אַ פינף, זעקס רובל אַ נאַכט... עטאָ יאַ פּאָנימאַיו! דאָס הייסט אַ גרינגע פרנסה!

*

לייבקעס רייד זענען יאָסין טיף אין קאָפּ אַריין, און ער האָט לאַנג נישט געטראַכט. אַוועק מיט זיינע פּאָר הונדערט רובל אין דער גרויסער שטאָט, געקויפט אַ דראָזשקע, אַ פערד מיט דעם גאַנצן שפּאַן, זיך אויסגעפוצט, ווי אַ „קוטשער" און אַרויסגעפאָרן איבער די לאָדזשער גאַסן...

* *

*

אין אַ האַלב יאָר אַרום איז יאָסי צוריקגעקומען מיט דעם בייטשל צו זיך אין שטעטל סטעפּקיוועקע, נאָר שוין נישט דער יאָסי, וואָס אַמאָל: איינגאַנצן אַן איבערגעביטענער, אַז עס איז אים כמעט נישט געווען צו דערקענען. אַזוי שטאַרק האָט ער זיך איבערגעאַנ-דערשט: אויף אַ קוליע מיט איין פוס און פאַרבונדן איין אויג...

און ווי מען האָט זיך פון אים דערוווּסט, איז טרויעריק גע-ווען זיין לעבן אין לאָדזש:

עס איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין טאָג, ער זאָל אויף עמעצן נישט אָנפאָרן מיט דעם דישל פון זיין דראָזשקע... נישט איינמאָל

האָט מען אים דערפאַר געשלאָגן, נישט איינמאָל איז ער געווען אַרעסטירט. אַ פּאָר מאָל האָט אים פּאָליציי שטראָפירט מיט געלט פאַר נישט „פאָרזיכטיק פאָרן", און איינמאָל האָט די פּאָליציי פאַרבאָטן אים אַרויסצופאָרן אַ גאַנצן חודש.

זיינע פאַרדינסטן האָבן נישט געטראָגן אויף די שטראָפן מיט זיצן אינדערהיים און צוזאַמען מיט דעם פערד עסן פון גרייטן. נאָר אָט האָט זיך געענדיקט דער חודש און ער איז ווידער אַרויסגעפאָרן, און דער אומגליקלעכער טאָג האָט מיט יאָסין גאָר אַ סוף געמאַכט:

אויף פּיעטריקאָווער גאַס האָט ער זיך שטאַרק פאַרפּלאָנטערט מיט צוויי וואַגאָנעס פון עלעקטרישן טראַמוואַי. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער דראָזשקע און זיך צעבראָכן אַ פוס און אַ שטאַרקן זעץ געטאָן זיך אין אויג. די דראָזשקע איז צעבראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך, נאָר דאָס פערד איז קוים אַרויס לעבעדיק.

די פּאַגאָטאָוויע האָט יאָסין אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, וווּ ער איז געלעגן אַ שיינע פּאָר וואָכן, דערנאָך האָט ער פאַרקויפט דאָס איבערגעבליבענע פערד און קוים אַ לעבעדיקער געקומען אויף קוליעס אַהיים מיט אַ פאַרבונדן אויג...

פון דעמאָלט אָן רופט מען אים דער „בלייענער פייגל" און אַלע ווייסן שוין, ווער דאָס איז.

איצט רעכנט זיך דער בלייענער פייגל פאַר דעם ערשטן אָרעמאַן אין סטעפּקיווקע. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק און ר"ח גייט ער אַרום אין די הייזער נאָך נדבות, קיינער זאָגט אים נישט אָפּ און מען טראָגט אים אָקעגן אַ נדבה, אַבי דער בלייענער פייגל זאָל מער נישט פירן קיין וואַסער...

א ו י ג ן.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען קיין „פעלדגעריכט“ איז נאָך נישט געווען. איצטער לעבן מיר, ברוך השם, אין אַ גליקלעכער צייט; עס איז כאָטש דאָ אַ „פעלדגעריכט“, וווּ מען משפט טויט אָדער רויט, מען ווייסט כאָטש ווער און ווען, מען ווייסט כאָטש וואו דאָס געביין קומט אַהין.

אין דער צייט, וואָס איך וויל דאָ דערציילן, — די צייט פון עקספּעדיציעס, האָבן זיך אַפילו קיין פּאָר מענטשן אויך נישט צו-זאַמענגעקליבן. מען האָט געהאָנגען און געשאָסן מענטשן, ווען מען האָט נאָר געוואָלט, און גיי שריי „חי וקים!“ דערשאָסן אַ מאַן פון ווייב און קינדער, אָפּגעריסן אַ קינד פון עלטערן, און קיינער האָט אַפילו נישט געוווּסט, וווּ זייער געביין איז אַהינגעקומען.

אָט אין דער שרעקלעכער צייט האָב איך איינמאָל, שפּעט אין דער נאַכט, אויף אַ גרויסער סטאַנציע זיך אַריינגעזעצט אין אַ צוג.

אין מיין וואַגאָן, וווּ ס'האָבן זיך אָנגעפּאַקט אַ גענוגע צאָל פּאַסאַזשירן, האָט האַלב-טונקל געלויכטן אַ וואַגאָן-לאַמטערן. מען האָט מער נישט געזען, ווי האַלב פאַרשלאָפענע מענטשן מיט צעשויבערטע קעפּ, וועלכע האָבן זיך אַריינגעגראָבן אין די קעלנער פון די פּאַל-טענעס. און יעדער איז זיך שטיל געזעסן פאַררוקט אין זיין ווינקל און געשוויגן. קיין פּנימער האָט מען נישט געזען, נאָר בערד אָדער וואָנסן מיט אָנגערוקטע קאַפּעליושן אָדער דאַשקעס פון היטלען.

פּאַסאַזשירן זענען צוגעקומען און געזוכט ערטער, און כמעט שוין פאַר דעם דריטן קלונג האָט זיך קעגן מיר אַנידערגעזעצט אַ יונגע פרוי מיט גרינגע פּעקלעך אין די הענט. אַ האַלב פּנים האָט

פאַרדעקט אַ גרינגער שאַל און דאָס איבעריקע פּנים האָט פאַרדעקט אַ ראַנד פון אַ גרויסן דאַמען־הוט.

זי איז געזעסן אויף איר אָרט און געשוויגן גלייך מיט אַלע האַלב־פאַרשלאָפענע פּאַסאַזשירן. נישט ווילנדיק איז מיר אויסגעקומען צו קוקן אויף איר, און כאָטש זי איז געווען פאַרוויקלט און פאַרדעקט, האָב איך אין דער טונקעלער שיין באַמערקט, ווי עס בלישטשען צוויי גרויסע אויגן, און וואָס ווייטער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי בלישטשען אַלץ שענער און מיט מער גלאַנץ. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין דער האַלב־טונקעלער שיין לייכטן די צוויי אויגן שענער און גלאַנצנדיקער, ווי אין אַ העלער ליכטיקייט.

ווי די זון רייסט זיך אַרויס פון די כמאַרעס און גיסט אירע שטראַלן אויף אַלץ, אַזוי האָבן זיך פון אונטערן קאַפּעליוש אַרויס־געריסן שטראַלן פון די אויגן און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר. זיי האָבן מיך ווי געשטאָכן און געבריט, אַז איך האָב מיט מיינע אויגן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און ווו זיי אויסצובאַהאַלטן פאַר די גלאַנצנדיקע אויגן־שטראַלן, און ווי פאַר דער זון האָב איך אָנ־גערוקט מיין קאַפּעליוש און פאַרדעקט מיינע אויגן.

און עפּעס גוט און גרינג איז מיר געוואָרן אויף דעם האַרצן, פילנדיק, אַז די צוויי שיינע אויגן זיצן קעגן מיר.

דער צוג האָט זיך אָנגעהייבן רירן, אין וואַגאָן איז געוואָרן רויִקער און אַ ביסל גרוימער פון די באַגלייטער. די יונגע פרוי האָט פון זיך אַראָפּגענומען דעם שאַל, אויסגעטאָן איר קאַפּעליוש מיט די גרויסע ראַנדן און אַנידערגעלייגט אים אויף דער פּאָליצע. און איך האָב פאַר זיך דערזען צוויי גרויסע בלויע סאַמעטענע אויגן, וועלכע האָבן פון אַ ווייס־לויטער פּנים געקוקט אויף אייך גוט און רויִק.

זי האָט צערעכט געמאַכט אירע צעשויבערטע האָר, וועלכע זי האָט נאָר מיט דעם קאַפּיע געמאַכט.

ווען זי האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויף איר אָרט, האָב איך אין איר דערקענט אַ טאָכטער פון מיינעם אַ ווייטן אַלטן באַקאַנטן.

איך האָב זי אָנגערופן מיטן נאָמען, און זי האָט מיך באַלד דערקענט.

איר געזיכט האָט אויסגעזען בלאַסער און אָפּגעפּאַלענער, ווי

איך האָב זי פֿריער געזען, און האָב עס מיר דערקלערט, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז אירער אַ יינגערער ברודער איז אַרעסטירט.

נאָך אַ דריטער סטאַנציע, ווען מיר האָבן אויסגעפרעגט איינס דאָס אַנדערע אויף אונדזערע באַקאַנטע, האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— און אייער ברודער איז שוין באַפרייט?

אירע ליפּן זענען פּלוצים ווייס געוואָרן. זיי האָבן אַ ציטער געטאָן. די אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, אין האַלדז איז איר עפּעס ווי געבליבן שטיין, זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיט מיין פראַגע האָב איך ווי מיט אַ מעסער גלייך געטראָפן אין אַ שרעקלעכער צעווייטיקטער וווּנד. מיר האָבן ביידע געשוויגן.

— מיין ברודער האָט מען דערשאָסן אָדער געהאָנגען, ווער ווייסט זיי... — האָט זי פּלוצים ציטערדיק זיך אָנגערופן. — דערשאָסן ווי אַ הינטל, דערוואָרגן, ווי אַ קעצל, מיין ברודער! מיין ברודערל! איר האָט אים דאָך געקענט? ביי ווּעמען מען האָט דאָ צוגענומען אַזאַ יונג לעבן!..

איך האָב געפילט איר גרויסן ווייטיק, און מער נישט געפרעגט און נישט גערעדט. זי האָט שוין אַליין נישט אויפגעהערט צו רעדן. איר וווּנד האָט זיך צעשפּילט און זי האָט פון שרעקלעכן ווייטיק געמוזט רעדן.

— כמעט נאָך אַ קינד, אַ יינגל, ווי אַלע יינגלעך. מען האָט געמאַכט ביי אים אַן אָביסק, געפונען אַ פּאָר ביכלעך מיט פּראָקלאַמאַציעס און מען האָט אים אַרעסטירט. איך בין איינמאָל געוועזן ביי אים אין טורמע, געבראַכט אים עסן, געגלויבט און געהאָפט, אַז סוף כּל סוף וועט מען אים באַפרייען. מיינע עלטערן האָבן נאָך לאַנג נאָך זיין טויט געטראָגן עסן זייער זון ביז צום טויער פון טורמע, און איצטער ווייסן זיי נישט, ווו ער איז פאַרפאַלן געוואָרן... זיי ווייסן נאָך נישט פון זייער גרויסן אומגליק.

— און איר, ווי אַזוי האָט זיך דערוווּסט?—האָב איך געפרעגט.

— אָט וועגן דעם וויל איך אייך דערציילן. ווי אַזוי איך האָב זיך דערוווּסט, פרעגט איר? עס איז נישט צו פאַרשטיין און נישט צו דערקלערן... עס זענען נאָך דאָ אַ סך זאַכן אין לעבן, צו וועלכן דער מענטשלעכער שכל האָט נאָך ביז איצטער נישט דערגרייכט...

שטעלט אייך פאָר, אַז אַ דאַנק מײַנע אויגן האָב איך זיך דערוווּסט פון מײַן ברודערס פּריצײַטיקן טויט.

— אויגן? — האָב איך מיט גרויס פאַרווּנדערטקייט געפרעגט.

— יאָ, אויגן, אויגן...

און זי האָט אָנגעהייבן דערציילן:

— איר ווייסט דאָך, אַז איך גיב אין אײַניקע רײַכע הײַזער שעהן פון מוזיק. אין איין רײַך הויז בין איך נישט נאָר אָנגענומען אַלס לערערין נאָר אייך אַלס הויזפרײַנט. מיט איינע, אַ טאָכטער פון דעם הויז, האָב איך צוזאַמען געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז געווען איר געבורטסטאָג, און ווי יעדעס מאָל, בין איך אויך געווען פאַרבעטן אויף דעם פאַמיליע-יום-טוב, וועלכן, אַלס רײַכע לײַט, פּײַערן זיי מיט גרויס פּאָמפּע, און עס קומען פיל געעסט פון פאַרשידענע קלאַסן מענטשן, אַפילו מיט עפּאָלעטן.

— אין דעם אָוונט בין איך באַזונדערס געווען אויפגעלייגט. מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז מיר געלונגען צו זען מײַן ברודער אין טורמע. איך האָב אים דאָרט געפונען געזונט, לעבעדיקער, ווי תמיד און באַזונדערס פריילעך. ער האָט מיך געטרייסט, אַז סוף כּל סוף וועט מען אים מוזן באַפרײַען, און ווען מען וועט אים פאַרשיקן אויף אַ פּאָר יאָר, איז אויך נישט קיין אומגליק. ער איז נאָך יונג און געזונט און וועט אַלץ איבערלעבן. „אײַנזאַלצן וועט מען מיך נישט", האָט ער זיך געוווערטלט. איבערהויפּט האָב איך זיך געפילט איבערגליקלעך, וואָס מען האָט מיך צוגעלאָזט צו אים, און איך האָב אים געזען. פון דענסטמאָל אָן האָב איך זיך אײַנגאַנצן באַרויִקט וועגן אים און מיט פאַרגעניגן בין איך געגאַנגען צו מײַן רײַכער חברטע אויף דעם אָוונט פון איר געבורטסטאָג.

— ווען איך בין אַהין געקומען, איז מײַן חברטע שוין געזעסן יעבן דער פּיאַנאָ, געשפּילט אַ וואַלס און עטלעכע יונגע פּאָר האָבן געשוווּמען איבער דעם גרויסן באַלויכטענעם זאַל. איך האָב זיך צעקושט מיט מײַן חברטע, באַגריסט זיך מיט די היימישע און מען האָט מיר אָנגעוויזן אַן אָרט אין זאַל צווישן אַנדערע געסט, וועלכע זענען געזעסן און געקוקט אויף די טענץ.

— עס איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין פופצן מינוט, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ יונגער אומבאַקאַנטער קאַוואַליער אין אָפיצערסקע

קליידער און מיך איינגעלאַדן טאַנצן. איך האָב אים געענטפערט אויף זיין באַגריסן און בין אויפגעשטאַנען פון מיין אָרט. אָבער ווי מיר האָבן נאָר געשטעלט דעם ערשטן טריט, אום אַ לאַז טאָן זיך איבער דעם זאַל, האָט מיין קאַוואַליער פּלוצים מיט שרעקלעכע דערשראָקענע אויגן אַ קוק געטאָן אויף מיר, זיינע הענט האָבן זיך ארויסגעלאָזט פון מיינע הענט. ער האָט אָנגעהייבן ציטערן, זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס און מיט די ליפּן האָט ער שטיל געשעפּטשעט רחמים: איך בעט אייך, אום גאָטעס ווילן, פירט מיך ארויס פונדאַנען, איך פאַל... מיינע פיס האַקן זיך מיר אונטער... — קענענדיק גוט דאָס הויז, האָב איך אים אַוועקגעפירט אין אַ צימער, וואָס ווייטער פון דעם זאַל, און אים אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול. דאָס אַלץ האָט געדויערט אַ פּאָר סעקונדן, אַזוי, אַז דער עולם, זייענדיק פאַרטראָגן אין די טענץ אָדער אין דעם קוקן אויף די רייכע טואַלעטן, האָט אפילו נישט באַמערקט אונדזער אַוועקגיין פון זאַל.

— עס איז גאָרנישט, — האָט ער אָנגעהייבן מיך באַרויִקן,—גיט מיר, איך בעט אייך, אַ גלאָז וואַסער... איך וועל אייך אַלץ דער-ציילן...

און נאָכדעם, ווי ער האָט מיט איינמאָל אויסגעטרונקען דאָס גלאָז וואַסער, האָט ער ווידער אָנגעהייבן זיך צו אַנטשולדיקן.

— זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אייך אַזוי באַאומרויִקט... איך פאַרשטיי עס אַליין נישט, איך קען מיר נישט דערקלערן אונדזער באַגעגעניש... איך בין ביים גאַנצן פאַרשטאַנד, דאַכט זיך... עס איז נישט קיין חלום... איך זע דיזעלבע אויגן, וועלכע קוקן אויף מיר, ווו איך שטיי און גיי...

איך האָב זיך אָנגעהייבן באַאומרויִקן, איך האָב זיך אָנגעהייבן שרעקן און געוואָלט אַוועקגיין, אַנטלויפן אָדער רופן עמעצן.

ער האָט באַמערקט, וואָס איך וויל טאָן און האָט זיך אָנגע-הויבן צו בעטן:

— גייט נישט אַוועק, הערט מיך אויס... האָט קיין מורא נישט... איך מיין נישט צו מאַכן אַ יונגער דאַמעטשקע קאָמפּלימענטן... איך בין אויך נישט משוגע... האָט קיין מורא נישט, בלייבט און הערט מיך אויס...

איך בין געבליבן. פון זאַל האָט זיך געהערט דאָס שפּילן און דאָס באַוועגן זיך אין טאַקט ביי די טענץ, געמישט מיט קולות און

געלעכטערלעך פון גליקלעכע, און דער אומבאַקאַנטער האָט ווידער אָנגעהייבן:
— ערשט מיט צוויי טעג פריער האָב איך געהאַט דאָס אומגליק באַשטימט צו ווערן אין „נאַריאַד”, בעת מען האָט אויפגעהאָנגען עטלעכע יונגע מענטשן. ווען אַלע זענען שוין געווען געבונדן די הענט, אום צו פירן זיי צו דער תליה, האָבן אַלע געוויינט און געבעטן, צוגעזאָגט אַלץ דערציילן, מודה זיין זיך. נאָר איינער מיט בלויע, גלאַנצנדיקע אויגן האָט די גאַנצע צייט קיין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל, נאָר זיינע אויגן האָבן אַזויפיל גערעדט, זיי זענען געווען אַזוי שיין, זיי האָבן געקוקט אַזוי גוט און פונדעסט-וועגן מיט אַזויפיל פּראָטעסט, אַז אַ שרעק און אַ ציטער האָט מיך אָנגעכאַפּט, און מערקווירדיק, עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די צוויי אויגן קוקן נאָר אויף מיר, און ביז דער לעצטער מינוט, ביז זיי זענען פאַרלאָשן געוואָרן האָבן זיי נאָר געקוקט אויף מיר.
פון דער צייט אָן יאָגן זיך נאָך מיר דעם יונגנמאַנס בלויע אויגן און ווו איך שטיי פון ווו איך גיי, זע איך פאַר מיר די צוויי גלאַנצנדיקע בלויע אויגן און קען זיך פון זיי נישט אָפּיאָגן. איך בין היינט אינאָוונט געקומען צו מיינע באַקאַנטע אויף זייער איינלאַדונג, מיינענדיק, אפשר וועל איך אין גוטער געזעלשאַפט, צווישן טענץ מיט מוזיק, צווישן רייכע גליקלעכע מענטשן זיך קענען אַ ביסל באַ-פרייען פון די צוויי אויגן — און דאָ... האָב איך דיזעלבע צוויי אויגן באַגעגנט אין אייך, פּונקט ווי אָט יענע, וועלכע איך האָב געזען פאַר דער תליה, איידער זיי זענען פאַרלאָשן געוואָרן...

* * *

— יענע צוויי פאַרלאָשענע אויגן, — האָט געענדיקט די יונגע פרוי, וואָס איז געזעסן קעגן מיר אין וואַגאָן, — זענען געווען מיין אומגליקלעכן ברודערס אויגן...

אַ חנוכה-נאַכט.

ערב חנוכה האָב איך באַקומען אַ קורץ בריוועלע.

ליבער יאָסל!

די מומע און אַלע קינדער בעטן דיך מיט דיין ווייב קומען צו אונדז היינט אויף דער נאַכט אויף לאַטקעס. מען וועט אויך לכבוד חנוכה כאַפּן אַ קערטל. זעט קומען צו פאָרן וואָס פריער.

דעפּעשיר אונדז איין וואָרט: „וויעזשאַיעם".

דאַשעוו, ערב חנוכה.

דיין פעטער ג אָ ד ל.

פיל גרוסן דער מאַמען מיט אַלע קינדער.

איבערלייענענדיק דעם פעטערס בריוול פאַר מיין ווייב, האָט זי זיך אָנגערופן:

— ווער וועט עס גיין פאָרן אין אַזאַ קעלט, אין אַזאַ שניי? אַז דו ווילסט, פאָר, דו האָסט דאָך ליב אַ קערטל...

איך האָב איר דערקלערט, אַז די רייזע פון אונדזער שטעטל קיין דאַשעוו צום פעטער דאַרף געדויערן אינגאַנצן צוויי שעה און מיט אַ גוטן בעל עגלה נאָך ווייניקער, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן.

— ווי וועל איך זיך גיין אָנפּעלצעווען אין אַזאַ קעלט? דו האָסט אַ גוטן פוטער-פּאָר!

איך האָב גענומען מיין פּעלץ אויף די אַקסלען און געגאַנגען צו דער אכסניה, ווו אויף דעם גרויסן פּלאַץ שטעלן זיך דאַשעווער בעלי-עגלות, און אויך נישט פאַרגעסן אויף דעם וועג אַריינגיין אין טעלעגראַף און געקלאַפּט אַ דעפּעשע דעם פעטער: „וויעזשאַיו".

קומענדיק אויף דעם פלאַץ לעבן אכסניה, טרעף איך שטיין אַ פריצישן ברייטן שליטן, געשפּאַנט נאָשפּיץ מיט פיר ברענענדיקע פערד און אויף דעם אָרט, וווּ מען זיצט, געפינט זיך אַ פוטערנע דעקע אויף די פיס.

און אויף דער קעלניע זיצט אַ פויער, אַנגעטאָן אין אַ פּראָסטן, נאָר וואַרעמען פעלץ, אויף דעם קאָפּ אַ הויך קאָפּ אַ הויך שמויסן היטל און מיט גרויסע פוטערנע הענטשקעס מיט איין פינגער, אין וועלכע ער האַלט אַ זייער לאַנגע בייטש.

ווי דער פויער פון דעם פריצישן שליטן האָט מיך דערזען מיט מיין גרויסן פוטער אויף די אַקסלען, האָט ער באַלד אין מיר דערקענט, אַז איך בין אַ „פּאַרשוין" און האָט מיך געפרעגט:

— זאָג נאָר, פּאַניע, אפשר דאַרפסטו פאָרן קיין דאַשעוו?

— יאָ, איך דאַרף טאַקע קיין דאַשעוו, וואָס איז דען?

— וועל איך דיך מיטנעמען אויף מיין שליטן און דו וועסט מיר געבן אַ האַלבן רובל.

— וווּ איז דיין פּריץ? — פרעג איך.

— איך האָב אים נאָר וואָס אָפּגעפירט צו דער באַן קיין ביע-לאַיאַ-צערקאָוו, פאַר איך איצט ליידיק אַהיים, קען איך דיך מיט-נעמען.

אַראָפּנעמענדיק דעם פוטער פון די אַקסלען, זיך אָנגעטאָן און אַרומגעגאַרטלט, האָב איך זיך, אַ צעפרידענער, אַריינגעזעצט, ווי אַ פּריץ אין ברייטן ווייכן שליטן און צוגעדעקט די פיס מיט דער פוטערנער דעקע.

עס איז שוין געווען זיבן אַ זייגער, די נאַכט אַ פינסטערע, נאָר אַן אויסגעשטערנטע און דער שניי, וואָס איז געלעגן אויף די פעלדער, האָט מיט זיין ווייסקייט צוגעגעבן אַ ביסל ליכטיקייט.

ערשט אונטער דער שטאָט, ווו דער וועג איז געווען גלאַטיק, ווי אַ גוטער שליטוועגס, האָבן די זאַטע פריצישע פערד „אַ נעם געטאָן" דעם שליטן. דער פויער האָט פון מינוט צו מינוט אַ קנאַק געטאָן מיט דער לאַנגער בייטש, פריילעך צוגעפייפט און די גלעקלעך האָבן געקלונגען.

מיר זענען נישט געפאָרן, נאָר געפלויגן און איך האָב אויסגע-רעכנט, אַז ביי אַזאַ פאָרן וועל איך אין אַ שעה מיט עפּעס זיין אין דאַשעוו ביים פעטער צו די לאַטקעס.

איך און דער פויער זענען ביידע געווען צופרידן און שטאַרק אויפגעלייגט. איך, — וואָס כ׳פאַר צום פעטער פאַרברענגען אַ פריי-לעכן חנוכה-אָוונט און דער פויער,—וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט אַ פאַרשוינדל און ער וועט האָבן אַן „אומזיסטיקן" האַלבן רובל.

די זאַטע פערדלעך האָבן, אַפּנים, דערפילט אונדזער צופרידנקייט און האָבן אויך לעבעדיק און פריילעך, ווי רוחות, געטראָגן אונדזער ברינגגן שליטן.

און איך בין מיר אַזוי ברייטלעך געזעסן אין ווייכן שליטן אויסגעצויגן, ווי אַ גראַף, און געטראַכט זיך: רבונו של עולם, ווי גוט איז צו זיין אויף דיין וועלט אַ פריץ! גוט עס דאַרף זיין דעם פריץ פון דעם שליטן! אָבער צי קען ער גאָר פילן אַזאַ טעם, ווי איך, אַ ייד, וואָס איז געוווינט מיין גאַנץ לעבן זיך שלעפּן מיט בעל-עגלהשע אָדער פויערשע פּראָסטע וועגן, וואָס פאָרנדיק זעצט עס אַרויס די קישקעס און מען קומט אַהיים מיט צעבראָכענע ביינער.

— רבונו של עולם!—האָב איך ווייטער גערעדט צו דעם, וואָס לעבט אייביק.—וואָס וואָלט דיך געאַרט, אַז וויפל דו האָסט מיר אָנ-געצייכנט צו לעבן, זאָל איך זיך שוין אַזוי אָפּלעבן מיין וועלטל, ווי אַ פריץ, אַזוי גוט ווי עס איז מיר איצטער צו זיצן אויף דעם אויסגעבעטן שליטן, — דו דאַרפסט נאָר וועלן!

פלוצים האָט מיין פויער מיט גדלות און מיט אַ גרויס גע-פילדער זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער ערשטער קרעטשמע און געבעטן, איך זאָל אים געבן דעם האַלבן רובל, ווייל ער וויל עפּעס פאַרבייסן אין קרעטשמע. איך האָב זיך צעשפּיליעט, אַרויסגענומען מיין בייטל פון קעשענע און אים געגעבן. דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט אין די הענט די לייצעס פון די פערד און געבעטן, איך זאָל זיי האַלטן ביז ער וועט אַרויס צוריק פון קרעטשמע. ער וועט נאָר עפּעס „איבערכאַפּן".

אַ גוי, טראַכט איך זיך, געכאַפּט אַ „אומזיסטיק" האַלבן רובל, דאַרף ער עס שוין איינגאַנצן פאַרטרינקען און ביי אים איז די קרעטשמע מיט דעם ביסל בראָנפן דאָס גאַנצע לעבן, און איך בין איצטער שטאַרק צופרידן, וואָס איך בין נישט קיין גוי. איך בין ב״ה אַ ייד און עס איז היינט חנוכה און איך פאָר, ווי אַ פריץ, קיין דאַשעוו צו דער מומען אויף לאַטקעס — אַ טייערע זאַך צו זיין אַ ייד!

פון דער קרעטשמע האָט מען באַמערקט אַ פריצישן שליטן

מיט פיר פערד נאַשפּיץ, איז מען אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טאָן און מען האָט אַראָפּגענומען פאַר מיר דאָס היטל. און יעדער, ווער עס איז פאַרבייגעגאַנגען אָדער פאַרבייגעפאָרן, דערזעענדיק דעם פּריצישן שליטן מיט דעם שענעם שפּאַן, האָט אַראָפּגענומען פאַר מיר דאָס היטל.

און איך האָב געפילט, אַז עס איז מיר מחיהדיק וואַרעם געוואָרן אויף דעם האַרצן און עס איז מיר אַזוי אַנגענעם, וואָס יעדער נעמט אַראָפּ דאָס היטל פאַר מיר מיט דרך-ארץ און גיט מיר אָפּ כבוד...

* *
*

דער פויער איז אַרויס פון קרעטשמע. זיין לאַנג פוטערן היטל האָט זיך נאָכמער אָנגערוקט איבער די אויגן. די פיס האָבן זיך אים שווער נאָכגעשלעפּט. ער פּלאַפּלט עפּעס מיט די ליפּן. שווער איז ער אַרויפגעקראָכן אויף דער קעלניע און צוגענומען פון מיינע הענט די לייצעס, אַ פּריילעכן, זינגענדיקן לאַנגן פייף געגעבן און די פערדלעך האָבן אָנגעהייבן טראָגן דעם שליטן איבער דעם גלייכן אויסגעריבענעם, ווייס-זילבערנעם שליטוועגס. און פון דעם פליען אַזוי איבער דעם שליטוועגס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך בין מיט-אַמאָל מיט צען קעפּ העכער געוואָרן. איך האָב זיך געפילט פריילעך און יומטובדיק, כאָטש איך האָב נישט געטרונקען אין קרעטשמע, ווי מיין פויער.

— דעניס! — זאָג איך אים.—דאַכט זיך, דו האָסט אין קרעטשמע פיין אַריינגעגאָסן, וועסטו מיך נישט איבערקערן מיטן שליטן ערגעץ אין אַ גרוב?

— עי פּאַניע, — זאָגט ער צו מיר מיט אַ פאַרשיכורטן נאַרישן שמייכל, — ווען איך האָב מיין פריץ געפירט איצט צום באַן, האָב איך מער געטרונקען... אַ גאַנצער באַל איז געווען צוליב מיין פּריצס אָוועקפאָרן...

און דערביי האָט דעניס אַ קנאַק געטאָן מיט דער לאַנגער בייטש, אַז דאָס ווידערקול פון די פרייע פעלדער האָט עס עטלעכע מאָל איבערגעקנאַקט, ווי גלייך מען שיסט ערגעץ און דעניס האָט זיך צעלאָזט זינגען אַ ליד וועגן עפּעס אַ „דיוושינאַ״ מיט איינגעפלאָכטענע רויטע קווייטן אין די צעפּ. מיר איז פּלוצים אויך אָנגעקומען דאָס קול און איך האָב אָנגעהייבן זינגען די „יעלות״, וואָס אונדזער חזן פון דער גרויסער שול זינגט נאָך „כל נדרי״ צוזאַמען מיט די משוררים.

און דעניס מיט זיין פּאַרטרונקענער, נאָר הויכער שטימע ציט זיין ליד:

אוי, דיווטשינאַ!
אוי, קוויטוזי טשערצווואָנאַ!
אוי, דיווטשינאַ !!!...

און איך צעלאָז זיך:

יעלה קולנו מערב
. . . . . .
עד, עד—עד ערב!

• •
•

דער וועג, אויף וועלכן מיר פאָרן איצטער, איז מיר גוט באַקאַנט. אויף ביידע זייטן וועג געפינען זיך פון לאַנגע יאָרן ביימער, וועלכע ציען זיך פון מיין שטעטל ביז קיין דאַשעוו, אַזוי, אַז אַ קינד קען דעם וועג טרעפן, ווייל קיין אַנדער וועג פירט נישט קיין דאַשעוו.

איך קען יעדן בוים, יעדעס בריקל, יעדן באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ.

דער הימל איז אויסגעשטערנט, דער ווייסער שניי גיט צו אַ ליכטיקייט, איך זע יעדעסביימל, יעדן וועג-סימן און זע פאָרויס פאַר זיך דעם גאַנצן וועג. און פליענדיק אַזוי מיט דעם פריצישן

שליטן איינגעשפּאַנט מיט פיר פערד נאַשפּיץ — טראַכט איך זיך, אַז נאָך גאָר אינגיכן וועל איך שוין זיין אין דאַשעוו.

נאָך פלוצלונג, צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג, דערזע איך, ווי דעניס פאַרקירעוועט דעם שליטן אין דער זייט פון גלייכן וועג, און איידער איך האָב אָנגעהייבן אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם, האָט זיך שוין דער שליטן געטראָגן אויף אַ שמאָלן סטעזשקעלע, אויף אַ פוי-ערישן וועג און די ביימער, וואָס ווייזן דעם גלייכן וועג, זענען שוין געווען ווייט אונטער מיר.

איך קוק מיך אום און אַ שרעק כאַפּט מיך אַרום: דער וועג איז מיר אינגאַנצן פרעמד. די גאַנצע געגנט איז מיר נישט באַ-קאַנט. אַ שרעקלעכער געדאַנק לויפט דורך, ווי אַ בליץ, דורך מיינע געדאַנקען און אַ קאַלטער שוויס באַדעקט מיך: צו וואָס האָט ער זיך פלוצלונג גענומען אין דער זייט? נישט אַנדערש, אַז ער וויל מיך הרגענען... עס קומט אים אָן דער בייזער וואָרעם, דאָס טריפהנע בלוט — קען ער הרגענען זיין אייגענעם באַלעבאָס, דעם פריץ, בפרט נאָך אַ יידן, ביי וועלכן ער האָט ביי דער קרעטשמע, ווען איך האָב אַרויסגענומען דאָס בייטעלע אים באַצאָלן דעם האַלבן רובל, געזען געלט.

אין פעלד זעט מען נישט קיין לעבעדיקן מענטשן. אַליין איז ער אַ ביסל אָנגעטרונקען, האָט ער זיך גענומען אַראָפּ פון וועג אין אַ זייט און וויל מיך דאָ דערהרגענען.

און אין דעם גרויסן שרעק, וואָס איך האָב איצטער איבערגע-לעבט — דערמאָן איך זיך אַ שרעקלעכע מעשה פון צוריק מיט אַ יאָר דרייסיק וועגן מיינעם אַ קרוב, וואָס איז געפאָרן מיט סחורה קיין פּאָלטאַווע און אויף כאַרקאָווער ירידים, ווי ער האָט געדונגען אַ פויערשע פור אין פּאָלטאַווע צו פאָרן קיין כאַרקאָוו און ווי דער פויער האָט אים ביינאַכט אין וועג דערהרגעט און זיין טויטן גוף איבערגעלאָזט אין פעלד און באַדעקט מיט שניי. דערנאָך, ווען מען האָט געכאַפּט דעם מערדער און דער סלעדאָוואַטעל האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט געהרגעט דעם ייד, האָט ער זיך אַליין מודה געווען און דערציילט, אַז ווען דער יידן האָט אים געדונגען און האָט אים גע-געבן אַ רובל האַנטגעלט, ער זאָל קויפן היי און האָבער אויפן וועג, האָט ער געזען ביי אים אַ פול בייטעלע מיט געלט און דאָ איז אים באַלד איינגעפאַלן דער געדאַנק, ער זאָל אים אויפן וועג הרגענען און

צונעמען דאָס געלט. צום סוף האָט ער אין בייטעלע מער נישט גע-פונען ווי צען איינציקע רובל מיט אַ ביסל קליינגעלט. עס האָט נישט געלוינט צו הרגענען פאַר צען רובל. איך האָב געמיינט, אַז עס איז דאָ מער,—האָט דער פויער דאַן געזאָגט דעם סלעדאָוואַטעל.

איך האָב געוואָלט פרעגן דעניסן, פאַרוואָס ער האָט זיך גענומען אין דער זייט און טאָמער וויל ער מיך הרגענען, וועל איך אים אָוועק-געבן די גאַנצע עטלעכע רובל און אַלץ, וואָס עס געפינט זיך ביי מיר. איך וועל פאַר אים וויינען און בעטן, ער זאָל מיך לאָזן לעבן, נאָר פון גרויס שרעק זענען מיר די ליפּן ווי צוגעשוואָלן געוואָרן און איך האָב קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן.

פלוצים דערפיל איך, ווי דעניס האָט זיך ווידער גענומען אין אַ זייט פון פויערשן שמאָלן וועג גלייך אויף די געאַקערטע פעלדער, און איך פיל, ווי דער שליטן טאַנצט אונטער מיר און די פערד לויפן נישט גלייך, נאָר זיי גייען אַראָפּ און אַרויף, ווי גלייך זיי פאַלן. און איך האָב דערוואַרט די מינוט: אָט, אָט שטעלט ער זיך און אָט דאָ, ווו קיין מענטש טרעט איצטער נישט, וועט ער מיך דערהרגענען און מיין גוף בעשיטן מיט שניי.

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַדעקט, איך האָב ווידער גע-פּרוווט זיך אָנרופן מיט אַ וואָרט, בעטן ביי דעניסן רחמנות אָדער אָנהייבן שרייען, נאָר מיינע ליפּן זענען ווי פאַרגליווערט און איך קען קיין וואָרט נישט אויסרעדן.

נישט ווייט דערזע איך אַ וועלדל, און וואָס ווייטער דערנענ-טערן מיר זיך צום וועלדל. געוויס פירט ער מיך אין וואַלד אַריין; דאָרטן וועט ער אָן מורא מיך דערהרגענען און מיין גוף אַזוי באַ-האַלטן, אַז קיין בן-אדם וועט אַפילו קיין סימן פון מיר נישט גע-פינען.

און אַזוי ווי דער שרעקליכער געדאַנק לויפט איבער אין מיין קאָפּ, זענען מיר שוין אין וואַלד און עס איז שטאָק-פינסטער אַרום און אַרום און סאָסנאָוועביימער רוישן און קוקן מוראדיק אויף מיר.

די צייט ציט זיך שרעקלעך לאַנג, דער פּחד כאַפּט מיך נאָכ-מער אַרום און איך פיל, אַז ביז ער וועט זיך אָפּשטעלן און מיך דערהרגענען, וועט מיר פריער די נשמה אַרויס פון שרעק און ער וועט מיך שוין פאַרשפּאָרן דערהרגענען.

איך ציטער פון שרעק. עס ווערט מיר קאַלט און וואַרעם. יעדע מינוט ציט זיך ווי אַ יאָר. מיט די ליפּן און מיט קיין אבר

קען איך זיך נישט רירן. איך פיל, ווי איך בין אינגאַנצן פאַרגליווערט. נאָר אין די מחשבות זאָג איך ווידוי.

פּלוצים באַמערק איך, ווי עס ווערט עטוואָס ליכטיקער — דער וואַלד הייבט זיך אָן ענדיגן. עס ווערט וואָס אַמאָל ליכטיקער און ליכטיקער, ביז איך דערזע שוין פאַר זיך אַ שטיקל פעלד, און ווען מיר זענען אינגאַנצן אַרויס פון וואַלד, האָט זיך דער שליטן פּלוצים געשטעלט...

איך געדענק נישט ווי אַזוי, נאָר איך האָב צוזאַמענגענומען מיינע אַלע קרעפטן, און איבערלאָזנדיק מיין שווערן פוטער אויף דעם שליטן, בין איך אַנטלאָפן אין וואַלד.

דאָס האָט געדויערט ווייניקער ווי אַ מינוט.

ווען איך בין שוין געווען אין וואַלד און פילנדיק ווי קיינער לויפט מיר נישט נאָך, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט צווישן דיביימער און זיך אומגעקוקט... איך זע, ווי דער שליטן שטייט אויף דעמזעלבן אָרט, מיין פוטער ליגט אויך אויף דעמזעלבן אָרט, וווּ איך בין געזעסן און ד ע נ י ס דרייט זיך אַרום אויף דעם פעלד מיט דער בייטש אין דער האַנט. עפּעס שטופּט ער די „פּיזשעלע" פון דער בייטש אַלעמאָל אין שניי, ער גייט מיט גרויסע טריט און אַזוי מאַכט ער אַ גרויסן ראָד איבער דעם פעלד.

— ער זוכט געוויס אַ טיף אָרט, וווּ מיין גוף בעסער צו באַהאַלטן,—טראַכט איך זיך.

אַזוי האָט ד ע נ י ס מיט דער בייטש אין דער האַנט געשפּאַנט איבער דעם פעלד אַ גוטע האַלבע שעה, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום שליטן און אָנגעהייבן עפּעס רעדן צו מיין פאָטער, און דערזעענדיק, אַז איך בין נישטאָ, האָט ער אָנגעהויבן שרייען:

— גדיע טי! (ווּ ביזטו!)—און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט ער זיך אָנגעהייבן צלמען. דערנאָך האָט ער זיך געגעבן אַ קראַץ אין קאָפּ, געזאָגט: „אוי, באָזשע"! און זיך געלאָזט מיט דער בייטש גלייך אין וואַלד אַריין, שרייענדיק: „גדיע טי!" אָדער ווי מען רופט עמעצן אין וואַלד: „אַטו! אַטו!!"

עטלעכע ווידער-קולות האָבן מיטאַמאָל מיט דעמזעלבן זיך אָנגערופן און דעניסעס שטימע האָט געהילכט איבער דעם גאַנצן וועלדל.

די מורא פון די הילכיקע קולות האָט מיך נאָך מערער אַרומגעכאַפּט. איך האָב געפילט, ווי די פיס האַקן זיך מיר אונטער און

ווי פון שרעק און פון קעלט האָט אין מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן אָנ-געהייבן צו קלאַפּן.

— אַטו! אַטו!! האָט נישט אויפגעהערט צו הילכן איבער דעם וואַלד.

איך האָב נישט געוווּסט, צי זאָל איך מיך אָנרופן אָדער נישט. איך ווייס נישט איבער וואָס, איך האָב אָנגעהייבן מאַכן מיט די הענט און האָב אָנגערירט אַ פּאָר צווייגן פון די ביימער; דעניס האָט, אַפּנים, באַמערקט דאָס רירן פון די ביימער, ער האָט מיך דער-זען און איז צוגעגאַנגען צו מיר...

— קום, וועלן מיר פאָרן,—האָט ער געזאָגט, נאָר דערזעענדיק, ווי איך ריר זיך קוים, האָט ער מיך גענומען ביי דער האַנט.—ביזט קראַנק געוואָרן, — האָט ער געזאָגט און כמעט מיך אויף די הענט צוגעטראָגן צום שליטן, מיך איינגעוויקלט אין מיין פוטער און אריינ-געזעצט אין שליטן.

דעניס האָט פריילעך אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש און די פערד האָבן אָנגעהויבן פליען.

— האַלט זיך נאָר גוט אין שליטן, זאָלסט נישט אַרויספאַלן, ביזט, נעבעך, פלוצים נישט געזונט געוואָרן...

* * *

דערזעענדיק פאַר זיך מיין גוט באַקאַנטן וועג און דערוואַרע-מענדיק זיך אין מיין פוטער, האָב איך פריי אָפּגעעטעמט און אָנ-געהייבן קומען צו זיך.

דורכפאָרנדיק דורך אַ קרעטשמע, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט זיך צו דערוואַרעמען און אַ ביסל מונטער צו ווערן.

— דעניס,—פרעג איך אים,—צו וואָס ביזטו פלוצים געפאָרן אין יענער זייט וואַלד? וואָס האָסטו זיך דאָרטן ארומגעדרייט?

— עט, עס איז אַ גאַנצע מעשה צו דערציילן! דאָרטן באַלד נאָך דעם וועלדל, וואָס דו האָסט געזען, געפינט זיך אונדזער „גרונט“,

וואָס מיר האָבן געירשנט נאָך פון מיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן. האָט זיך מיישב געווען מיין שוואָגער, וואָס האָט אויך אַ חלק ירושה און גרענעצט זיך מיט מיין „גרונט” און האָט פאַרכאַפּט ביי מיר אַ שטיק ערד. שוין אַ יאָר, אַז איך שלאָג זיך מיט מיין שוואָגער אין דאָרף, מיר האָבן שיעור שוין איינער דעם אַנדערן דערהרגעט אין אַ געשלעגריי... מען האָט אונדז שוין נישט איינמאָל גערופן אין „וואָלאָסט” וועגן דעם און אונדז אויסגעגלייכט, אַז ער דאַרף נישט פאַרכאַפּן מיין ערד. נו, האָב איך געוואָלט אַליין זען, צי האָט ער טאַקע נישט פאַרכאַפּט און צי האָט ער „דעם גרובן פון דער גרענעץ ריכטיק איבערגעטראָגן”. בין איך אָבער אַ פאַרקויפטער מענטש און האָב קיינמאָל קיין צייט נישט אַהין צו פאָרן אַ קוק טאָן. האָט מיר מיין פריץ צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט מיט מיר אַמאָל פאָרן צום באַן, קען איך צוריקוועג צופאָרן אַ קוק טאָן. דער הונט האָט טאַקע דעם גרובן נישט איבערגעטראָגן. איך וועל מיך קלאָגן אין וואָלאָסט.

איך האָב דריי מאָל אויסגעשפיגן: אַט צוליב וואָס ער איז געפאָרן און איך האָב דערווייל געהאַט טויט־שרעק.

* * *

אַ פּאָר שעה פאַרטאָג בין איך אָנגעקומען קיין דאַשעוו. דאָס גאַנצע שטעטל איז נאָך געשמאַק געשלאָפן, נאָר ביי מיין פעטער אין שטוב האָט אין אַלע פענסטער געלויכטן.

ווען איך בין אַריינגעקומען, האָב איך צו מיין גרויס פאַרחונ־דערונג געפונען מיין ווייב מיט דער שוויגער מיט פאַרוויינטע אויגן, און זיי האָבן געבראָכן די הענט; מיין ווייב איז שיעור אין חלשות געפאַלן, ווען זי האָט מיך דערזען.

— וואָס איז?—האָב איך מיט שרעק געפרעגט.

— וואָס איז, פרעגסטו נאָך? אַט וועט דיר שוין דער פעטער דערציילן.

און דער פעטער האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט באַקומען

מיין דעפעשע „וויעזשאַיו״ האָט ער אָפּגעוואָרט צוויי שעה און געזען, אַז איך בין נישטאָ, האָט ער דעפּעשירט צו מיין ווייב „גדיע יאָסעל?״ האָט מיין ווייב דעפּעשירט „יאָסעל וויעכאַל שעסט״, האָט דער פעטער דעפּעשירט „יאָסעליאַ ניעטו״, האָט די שוויגער מיט מיין ווייב געכאַפּט „פּאָטשט״ און געלאָפן קיין דאַשעוו.

מיין פרוי האָט אָנגעהייבן שטאַרק ספּאַזמירן, די שוויגער צו שרייען, דער פעטער מיט דער מומען האָבן מיך אָנגעהייבן מוסרן. און ערשט דאַן, ווען איך האָב זיי באריכות דערציילט מיין רייזע מיט דעניסן, מיט דעם פּריצס פערד, האָבן זיך אַלע באַרויִקט.

שבת חנוכה האָב איך ביי מיר אין שטעטל אין דער גרויסער שול געבענטשט גומל און שבת-צונאַכטס האָט מיין שוויגער מיט מיין ווייב געמאַכט פּאַר אַ האַלבער שטאָט לאַטקעס.

שוין איינמאָל לאַטקעס!

דער פעטער מיט דער מומען, מיט אַלע קינדער זענען געקומען פון דאַשעוו אויך צו אונדז אויף לאַטקעס.

און אַ קערטל האָט זיך אין דעם שבת-צונאַכטס געצויגן ביז אין ווייסן טאָג.

עס איז שוין איינמאָל געווען אַ חנוכה!..

שכנים.

I

משהלע איז פריי.

ווייבאַלד מען האָט נאָר אַרויסגענומען די טאָפּלטע פענסטער און אין שטוב האָט זיך דערהערט דער רעש פון דעם דרויסן, האָבן זיך די קינדער אַרויסגעריסן פון זייערע הייזער און אָנגעהייבן אַרומלויפן קאָמפּאַניעסווייז פאַר דער שטוב. פונקט ווי די סטאַיעס פייגעלעך, ווען זיי קומען אָן פון די וואַרעמע לענדער צו אונדז אין פרילינגסצייט און פליען און דרייען זיך איבער אונדז אונטערן בלויען הימל, פּיפּטשען, קוויטשען און ליאַרמען, אַזוי אויך האָבן איצטער די קינדער געליאַרעמט, געפילדערט און געלאָפן פאַר דער שטוב, אָדער אין די הויפן און זיך פריילעך געשפּילט, ווי נאָר קינדער קענען זיך מיט פרייד שפּילן, ווען נאָך דעם לאַנגן ווינטער דערשפּירן זיי די ערשטע שפּורן פון פרילינג און דערפילן, אַז אין דרויסן איז שוין וואַרעם און אַז פון לערנען אין חדר האָט מען זיי צוליב דעם גרויסן יום-טוב באַפרייט כמעט אויף גאַנצע דריי וואָכן.

און משהלע איז אויך ביי זיך אין הויף, לעבן דער שטוב, אַרומגעלאָפן מיט זיינע קלענערע שוועסטערלעך און ברידערלעך, מיט אַ פּאָר חברים פון חדר און מען איז גליקלעכע געשפּרונגען פון איין אָרט אויף דעם צווייטן, געקראָכן אויף די קלעצער, וואָס זענען פון לאַנג דאָרט געלעגן, געגראָבן גריבלעך, געבויט שטיבלעך, געשפּילט זיך אין קנעפּלעך, אָדער זיך געהוידעט אויף אַ ברעט.

דאָס קינדערשע געלעכטער האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן הויף און זיך געהערט ווייט, ווייט אין די שכנישע הויפן.

און אַזוי יעדן טאָג האָט זיך משהלע מיט זיינע חברים, אָדער אַליין געשפּילט אין הויף און פאַר דער שטוב, און קיינער האָט אים נישט געשטערט; עס איז אפילו קיינער נישט געווען, ווער עס זאָל איצט אויף אים אָנשרייען, ווי אַ גאַנץ יאָר, ווען ער איז אויף לאַנג פאַרפאַלן געוואָרן פון דערהיים. קיינער האָט משהלען נישט געשטערט אין די דאָזיקע גליקלעכע פריי טעג. דער טאַטע איז איצט נישטאָ אינדערהיים, ווייל צוליב די ערב יום-טובדיקע טעג איז די לייזונג אין קראָם גרויס, אַז מען האָט קיין העגט נישט. דער טאַטע איז געקומען שפּעט אַהיים, ווען משהלע איז מיד און געשמאַק גע־שלאָפן פון דעם גאַנצן טאָג אַרומלויפן און שפּילן זיך, און די מאַמע, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט צו שרייען אויף די קינדער, ווען זיי צעשטיפן זיך, איז איצטער אַזוי געווען פאַרנומען און פאַרטאָן מיט דעם ערב פסח, אַז זי האָט געדאַנקט גאָט, ווען די קינדער האָבן זי נישט געטשעפּעט און געלאָזט צורו.

און משהלע, אַ גליקלעכער, מיט פאַרפלאַמטע בעקעלעך, מיט ברענענדיקע אייגעלעך פון דער אומגעשטערטער פרייהייט, איז יעדן טאָג אַרומגעלאָפן און איבערגעקערט די גאַס, דעם הויף, געקראָכן אויף די שכנישע פּאַרקאַנס, געגאַנגען אויף די קלעצער — ווי אַ קאָמעדיאַנט אויף אַ שטריק — געגראָבן די ערד, אָנגעשיט בערגלעך, געבויט הייזלעך און איבערגעקערט די וועלט.

II

אַ נייער חבר.

איינמאָל, אין אַ שיינעם לויטערן נאָכמיטאָג, ווען משהלע האָט זיך אַליין געשפּילט אין הויף, האָט ער דערהערט, ווי איינער קלאַפּט פון יענער זייט שכנישן פּאַרקאַן און רופט אים ביים נאָמען. ער איז

באַלד צוגעלאָפן און דורך אַ שפּאַלט האָט ער געזען, ווי עס שטייט דעם אַדוואָקאַט גאָלדבערגס — דעם דייטשס יינגל, יאַשאַ.

יאַשאַ מיט זיין בלאַס פּנימל איז טרויעריק געשטאַנען פון יענער זייט פּאַרקאַן און געקוקט דורך דער שפּאַרונע, אַז משהלע האָט נאָר געזען זיין נעזל מיט איין אויג.

— לאָמיר זיך ביידע שפּילן,—האָט יאַשאַ זיך אָנגערופן אויף רוסיש.

— נו, לאָמיר זיך שפּילן, — האָט משהלע געענטפערט אויף אַ צעבראָכן גויש. — וואָס זשע? זאָל איך אַריבערקריכן צו אייך אין גאָרטן? איך האָב מורא פאַר אייער הונט.

— האָב קיין מורא נישט, הערקולעס איז איצטער ביי אונדז אין קיך.

— וואָס-זשע, זאָל איך אַריבערקריכן צו אייך אין גאָרטן? — האָט משהלע נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט און האָט זיך שוין אָנגעהייבן דראַפּען אויף דעם פּאַרקאַן.

— ניין, ניין! — האָט יאַשאַ געזאָגט דערשראָקן. — ביי אונדז אין גאָרטן דאַרף מען נישט. איך האָב מורא פאַר דער פריילן זשולעטאַ און פאַר דער מאַמען, זיי קענען נאָך דערזען... איך וועל בעסער אַריבערקריכן צו אייך אין הויף, וועלן מיר זיך שפּילן.

— נו, גוט! — איז משהלע באַשטאַנען.

יאַשאַ האָט זיך אומגעקוקט און ווי אַ גנב אָנגעהייבן קריכן איבער דעם פּאַרקאַן. אָבער מיט זיינע שוואַכע הענטלעך איז אים געווען שווער און ער איז אַלעמאָל צוריק אויף דער ערד געפאַלן.

— וואַרט אויס, יאַשאַ, איך וועל דיר העלפן.

און משהלע מיט זיינע געזונטע הענטלעך און פיסלעך איז ווי אַ קאַץ באַלד אַריבער־געקראָכן אויף דעם פּאַרקאַן, אויסגעצויגן צו יאַשאַן זיינע הענטלעך און האָט אים בשלום אַריבערגעצויגן איבער דעם פּאַרקאַן צו זיך אין הויף אַריין...

אַ האַלבע שעה האָבן זיי זיך צוזאַמען געשפּילט, אויסגעלאָפן דעם גאַנצן הויף, געגראָבן גריבלעך, געמאַכט בערגלעך פון זאַמד, זיך געהוידעט אויף אַ ברעט, און ווען יאַשאַ איז מיד געוואָרן, האָבן זיי זיך ביידע געזעצט אויף אַ קלאָץ אָפּרוען.

— זע נאָר, ווי דו ביזט אַזוי אויסגעשמירט, — רופט זיך אָפּ יאַשאַ, — וויש אָפּ דאָס פּנים.

משהלע האָט מיט דער פּאָלע פון זיין קאַפּאָטקעלע אָפּגעווישט דאָס פּנים.

— דיין קאַפּאָטקעלע איז אויך אויסגעשמירט,—באַמערקט ווידער יאַשאַ, — דיין מאַמע וועט דערזען, וועט זי דיך שלאָגן.

— ניין, מיין מאַמע וועט מיך נישט שלאָגן. דו וועסט קומען צו מיר זיך שפּילן מאָרגן, וועסטו זען, ווי איך וועל אויך זיין אָנגעטאָן שיין און ריין, ווי דו. מאָרגן וועט מיך די מאַמע אָפּוואַשן מיט זייף, וועט מיר אָנטאָן אַ ניי קאָסטיומל, וואָס מען האָט מיר שוין געבראַכט פון שניידער, און אַ פּאָר נייע גלאַנצנדיקע שטיוועלעך. מען וועט מיר אַלץ, אַלץ אָנטאָן נייס! קום, יאַשאַ, מאָרגן צו מיר, וועל איך דיר געבן לאַטקעס מיט ניס און נאָך גוטע זאַכן, וואָס מיין מאַמע וועט מיר געבן.

— און איך וועל אויך ברענגען „מאַצאַ". ביי אונדז האָט מען געקויפט מאַצאַ נאַ פּאַסכו.

ביידע קינדער האָבן זיך אַזש באַלעקט פון די גוטע זאַכן, וואָס זיי וועלן האָבן מאָרגן.

— מאָרגן וועל איך שוין זיצן „אויף דעם סדר", — דערציילט ווייטער משהלע, — און איך וועל פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות.

און משהלע חזרט שוין טאַקע באַלד איבער פאַר יאַשאַן די פיר קשיות, וואָס מען האָט אים אויסגעלערנט אין חדר: „טאַטע, איך וועל דיך פרעגן פיר קשיות: די ערשטע קשיה וועל דיר פרעגן?" א. אז. וו.

יאַשאַ קוקט אויף משהלען און ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט וואָס ער רעדט.

— דו קענסט אויך די פיר קשיות?—פרעגט אים משהלע.

— ניין, איך קען נישט!

די קינדער האָבן זיך ווידער גענומען שפּילן און לויפן איבער דעם הויף. פּלוצים האָט זיך דערהערט פון גאָרטן אַ געשריי:

— יאַשאַ, יאַשאַ! וואָ ביזטו? קאָם הער, דו שלעכטער יונגע — יאַ-שאַ-אַ-אַ!!

יאַשאַ, דערהערנדיק די באַקאַנטע שטימע, וועלכע רופט אים, איז אַ דערציטערטער געוואָרן.

— קום, משהלע, לאָמיר זיך באַהאַלטן. די פריילן זשולעטאַ זוכט מיך... לאָמיר זיך באַהאַלטן, זי זאָל אונדז נישט דערזען.

אוןביידע קינדער האָבן זיך שטיל, מיט קעצישע טריט, אַריינ-געגנבעט אונטער דעם טויער פון הויף און דאָרטן זיך באַהאַלטן, צוהערנדיק זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם צו דער פרייקן זשולעטאַס אויסגעשרייען: יאַשאַ-אַ-אַ!

צו פרייקן זשולעטאַס שטימע זענען נאָך צוגעקומען נאָך עטלעכע קולות, וועלכע האָבן געשריגן: פּאַראַשקאַ, די אַלטע דינסט און יאַשאַס מוטער, און מער ווי אַלע אַנדערע קולות האָט זיך געהערט דאָס לויפן איבער דעם גאָרטן פון דעם גרויסן קולטענעוואַטן הונט הערקולעס, וועלכער האָט מיט זיין האווקען און קולות, ווי פון אַ גרויס ליידיק פאַס, איבערגעשריגן אַלעמען.

אַלע זענען אַרומגעלאָפן איבער דעם גרויסן גאָרטן און עס האָבן זיך געהערט פאַרשידענע אויסגעשרייען.

— דאָגער וועטער, יאַשאַ-אַ-אַ! — האָט געשריגן פרייקן זשולעטאַ.

— יאַשינקאַ, דאַראָגאָי מאָי! — האָט נישט אויפגעהערט רופן די אַלטע דינסט פּאַראַשקאַ.

— יאַשולִיאַ, מאָי זאָלאָטאָי, יאַשולענקאַ!—האָט זיין מוטער געשריגן.

— האַוו! האַוו!—האָט הערקולעס מיט זיין ברומעדיקער, ברייטער ליידיק־זאַסיקער שטימע זיך געלאָזט הערן ווייט, ווייט איבער אַלע שכנישע הויפן, אַז פיל אַנדערע הינט האָבן פון ווייטן זיך אָנגערופן אויף אַלערליי הינטישע קולות.

אַ צען מינוט האָבן זיך אַלץ געהערט דאָס געפּילדער און טריט איבערן גאָרטן. און באַלד ווי עס איז שטיל געוואָרן, האָבן זיך ביידע יינגלעך אַרויסגעגנבעט פון זייער באַהעלטעניש און מיט דער היקף פון משהלען איז יאַשאַ אַריבערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן צו זיך אין גאָרטן...

III

זיך אָפּגעזונדערט פון יידן.

ערב פסח נאָך מיטאָג, ווען ביי משהלעס עלטערן אין שטוב איז שוין אינגאַנצן געוואָרן אויפגערוימט: די בעטן פאַרדעקט מיט

נייע דעקן, דער טיש געדעקט און אין קיך, אין אויוון האָט זיך פריילעך געהייצט און די נייע טעפּלעך האָבן לעבעדיק געזאָטן, האָט משהלעס מוטער, ברײנע, אים אָפּגעוואַשן, אויסגעזײפט און אָנגעטאָן אין זיינע נייע מלבושימלעך מיט די גלאַנצנדיקע שטיוועלעך און אַ נײַ קאַפּעליושל.

דערנאָך האָט זי אָנגעשטופּט זיינע קעשענעס מיט ניס, געגעבן געפּרעגלטע מצה און אים געזאָגט: וואַרט אַ ביסל, איך וועל באַלד גיין ברענגען לאַטקעס, וועל איך דיר אויך געבן. נאָר משהלע איז געשטאַנען ווי אויף שפּילקעס; אים האָט ווי מיט צוואַנגען געריסן אין דעם שיינעם ערב־פּסחדיקן דרויסן, וווּ די זון, אַריינשיינענדיק אין אַלע פענסטער, האָט צו משהלען געשמייכלט און מיט דער גרעסטער ליבע אים גערופן אינדרויסן אונטער אירע וואַרעמע ליבע שטראַלן.

דערצו האָט משהלע אויך שטאַרק געגלוסט זיך באַרימען פאַר יאַשאַן מיט זיינע נייע מלבושימלעך, מיט די גלאַנצנדיקע שטיוועלעך און מיט זיין נײַ קאַפּעליושל. ווייל ער האָט נאָך נעכטן אָפּגערעדט מיט אים היינט זיך צוזאַמענקומען ביים פּאַרקאַן.

— איך וועל זיך, מאַמע, דערווייל גיין אַ ביסל שפּילן אויף דעם הויף, — האָט ער געענטפערט, ווען זי האָט אים געהייסן וואַרטן אויף די לאַטקעס.

— נו, גיי מיין קינד, אָבער זע, שמיר נישט אויס דיין נײַ קאָסטיומל, פּאַרטשעפּע זיך ערגעץ נישט אין אַ טשוואָק און מאַך נישט קיין ריס. ווען די לאַטקעס וועלן פאַרטיק ווערן, וועל איך דיך רופן.

און משהלע, ווי אַ פייגעלע, וואָס לאָזט זיך אין אימפּעט אַרויס־פליען פון איר נעסט, האָט זיך באַלד געלאָזט מיט אימפּעט לויפן און שפּרינגען אין הויף מיט פולע קעשענעס ניס און אַנדערע גוטע זאַכן און מיט עטלעכע שטיקלעך מצה אין די הענט.

און ווי ער איז נאָר אַריין אין הויף, האָט ער באַלד דערהערט יאַשאַס דיין קולכל: משהלע, משהלע, קום אַהער!

משהלע איז באַלד מלא שמחה צוגעלאָפן צום פּאַרקאַן, און אין אַ שפּאַלט פון פּאַרקאַן האָט ער דערזען אַרויסקוקן יאַשאַס נעזל מיט אַן אייגל.

— זעסט, יאַשאַ! —האָט ער אויסגעשריען מיט פרייד, אָנווייזנדיק

מיט די ברענענדיקע אייגעלעך אויף זיין נייעם קאָסטיומל און דערביי א שאָקל געטאָן מיט די קעשענעס, ווו עס האָט זיך געהערט קלאַפּן אַ סך ניס. — קום, יאַשאַ, וועלן מיר זיך שפּילן!

און ווי נעכטן, מיט דער היקף פון משהלען, איז יאַשאַ אַריבער־געקראָכן דעם פּאַרקאַן און זיי האָבן זיך געשפּילט.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זיך דערהערט בריינעס קול, ווי זי האָט גערופן משהלען און דערנאָך האָט זי זיך אַליין באַוויזן אויף דעם הויף.

דערזעענדיק יאַשאַן, האָט זי געזאָגט:

— קומט, קינדערלעך, די לאַטקעס ווערן קאַלט.

און משהלע מיט יאַשאַן זענען אַריין צו בריינען אין שטוב, ווו זי האָט זיי אַנידערגעזעצט ביים טיש און דערלאַנגט אין צוויי טעלערלעך לאַטקעס.

יאַשאַ האָט די לאַטקעס געגעסן מיט גרויס חשק. דערנאָך האָט בריינע מכבד געווען יאַשאַן מיט ניס, מיט וועלכעביידע יינגלעך האָבן זיך לאַנג, לאַנג געשפּילט.

בריינע האָט מיט אַ רחמנות־פּנים געקוקט אויף יאַשאַן: אַ יידיש קינד פון רייכע עלטערן און ווייסט נישט פון יום־טוב.

— און ווער איז שולדיק אין דעם, אַז נישט די מוטער?—האָט זי געזאָגט איר מאַן.

— יאָ,—האָט איר מאַן, ר׳ דוד־לייב, געענטפערט מיט אַ זיפץ.— איך געדענק נאָך, אַז יאַשאַס זיידע, ר׳ יעקב גאָלדבערג, האָט געהאַט אַ שניטקראָם. ער זאָל זיין אַ גוטער מליץ. ער איז אויפגעריכט געוואָרן, האָט ער איבערגעלאָזט זיין איינציקן זון יוסף אַ שיינע פּאָר טויזנט רובל. געווען נישקשה פון אַ מענטש, אמת, אַ „דייטש״, נאָר אַ יידישער מענטש. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ רייכן חתן און אַן איינציקן יורש האָט מען גערעדט שידוכים פון דער גאַנצער וועלט, ביז ער האָט אַראָפּגעבראַכט די יפי־פיה — די איצטיקע מאַדאַם גאָלדבערג. און ווי זי איז נאָר אַראָפּגעקומען, האָט זי איבערגעקערט די שטוב אויף איר שטייגער. די קראָם האָט מען פאַרמאַכט. די אַלטע שטוב מיט אַלע קלענערע געביידעלעך האָט מען צעוואָרפן, אויסגעבויט זיך אַ מויער, נישט געקוקט אויף קיין תכלית, געקויפט אַ קאַרעטע, אָנגעהייבן מאַכן בעלער און נאָר חי—געלעבט! מילא, נישט קיין עוולה. אַז מען איז אַזוי רייך, מעג מען לעבן. נאָר זי האָט צוביסלעכווייז

אַרויסגעטריבן אַלץ, וואָס איז יידיש, זיך אָפּגעריסן פון אַלע יידישע באַקאַנטע, פאַרפירט אַ טריפענע קיך און וויל נישט וויסן פון קיין שום יידישקייט.

— שולדיק איז אָבער אויך איר מאַן. ווען ער זאָל נישט וועלן, וואָלט געווען אַן אַנדער שטוב. ער איז דאָך געווען אַמאָל אַ יידישער יונגערמאַן און קומט אַרויס פון פרומע עלטערן. נאָר ער איז שולדיק. ווען ער זאָל נישט וועלן, וואָלט אַנדערש געווען! — האָט זיך אָנגערופן ברײנע.

— זאָג עס נישט. ווען מען איז רייך און מען דאַרף נישט אָנקומען צו קיינעם און דערהויפּט, ווען מען האָט אַ שיין יונג ווייבעלע און דערצו אַ קלוגע, אַ געבילדעטע, אַ גרויסשטעטישע, וואָס האָט שוין געזען אַ וועלט, מוז בלייבן, ווי דאָס ווייב וויל.

— יאָ, יאָ, אַ קינד איז גאָרנישט שולדיק. שולדיק איז נאָר די מאַמע, — האָט ברײנע ווידער אַ קוק געטאָן אויף יאַשאַן מיט אַ רחמנות־בנים און אים מיט ליבע אַ גלעט געטאָן, זאָגנדיק דערביי: — שפּילט זיך, שפּילט זיך, קינדערלעך!

IV

ג ע ס ט.

אינאָווענט, ווען משהלע איז געקומען מיטן פאָטער פון שול און מ׳האָט זיך געזעצט צום סדר, איז יאַשאַ מיט פיל מי ווידער אַריבערגעקראָכן דעם פאַרקאַן און געקומען צו לויפן. זעענדיק דעם שיין געדעקטן טיש, אויסגעשטעלט מיט פלעשער ווײַן און מיט אַ סך כוסות, האָט זיך יאַשאַן גאָרנישט געגלוסט אַוועקצוגיין.

ברײנע האָט לעבן משהלען געשטעלט אויך אַ כוס פאַר יאַשאַן, און אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער איז ער געזעסן גלייך מיט אַלעמען ביים סדר.

פּלוצים, ווען מען האָט זיך נאָר וואָס געזעצט צום סדר, איז מיט אַ אימפּעט אַריינגעלאָפן גאָלדבערגס דינסט פּאַראַשקאַ, און

דערזעענדיק יאַשענקען, האָט זי אויסגעשריגן: — יאַשינקאַ, דאָראָגאָי מאָי! און האָט דערציילט, אַז מ'זוכט אים אַרום. די עלטערן זענען אויסער זיך, שטאַרק אומרויק. פּאַראַשקאַ האָט געוואָלט יאַשאַן נעמען אַהיים, נאָר דאָס קינד, אַ דערשראָקנס, האָט נישט געוואָלט גיין.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט ברײנע מיט ר' דוד-לייבן און געזאָגט: זאָל דאָס קינד נאָך אַ ביסל זיצן, מיר וועלן אים באַלד אַליין אָפּפירן אַהיים.

ווי פּאַראַשקאַ איז נאָר אַוועקגעגאַנגען צו זאָגן די עלטערן, וווּ זי האָט יאַשאַן געפונען, איז אַ האַלב טויטע אָנגעלאָפן די פריילן זשולעטאַ און אָנגעהייבן שרייען:

— דאָנער וועטער, יאַשאַ!

ר' דוד-לייב מיט ברײנען האָבן זי באַרויקט און געזאָגט, אַז דאָס קינד וועט אַ ביסל זיצן ביים סדר מיט די קינדער און דערנאָך וועלן זיי אַליין אים אָפּפירן אַהיים.

די פריילן זשולעטאַ איז מיט כּעס אַנטלאָפן צו איר מאַדאַם. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אָנגעלאָפן הער גאָלדבערג מיט זיין פרוי און נאָך זיי הערקולעס, וועלכער איז באַלד צוגעלאָפן צו יאַשאַן און אָנגעהייבן דרייען מיט דעם עק און יעדערן אַרומשמעקן.

— אַ גוט יום-טוב אייך, וואָס זאָגט איר עפּעס צו מיין בחור, וואָס האָט זיך פאַרקליבן צו אייך? — האָט גאָלדבערג געזאָגט און מאַדאַם גאָלדבערג האָט עפּעס אויך אַ מורמל געטאָן.

— אַ גוט יום-טוב, אַ גוט יאָר אייך! אָך, וואָס פאַר טייערע געסט, — האָט זיך ר' דוד-לייב מיט זיין ווייב אויפגעהייבן פון זייערע ערטער און זיי אונטערגערוקט שטולן לעבן זיך און זיי געבעטן זיצן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, —האָבן די גאָלדבערגס געזאָגט און זיך אַני-דערגעזעצט.

— מיר זענען דאָך אַלטע באַקאַנטע, אַלטע שכנים... ווען עס האָט זיך יאָ אַזוי געמאַכט, זאָגט אונדז נישט אָפּ, מיט אונדז צוזאַ-מען פּראַוועו דעם סדר. צוליב אייך וועל איך עס מאַכן אַ ביסל בקיצור...

— אַ שיינעם דאַנק! פאַרוואָס נישט? —האָבן די גאָלדבערגס גע-ענטפערט.

ר' דוד-לייב האָט פאַר די געסט אָנגעגאָסן צוויי כּוסות און דער סדר האָט זיך אָנגעהייבן.

ר׳ דוד לייב האָט געהאַלטן וואָרט און צוליב די געסט אָפּגע־לאָפּן די הגדה אַ ביסל גיכער, און נאָך דעם צווייטן כּוס האָט ברײנע מיט אַ באַלעבאַטישן שטאָלץ דערלאַנגט די גרויסע שטיקער קאַרפּן, וואָס זי האָט אָנגעגרייט לכּבוד פּסח, דערנאָך די יויך, די כרעמזלעך, קניידלעך און אינדיקעס, וואָס זי האָט געהאָדעוועט עטלעכע וואָכן פאַר יום־טוב.

אַלץ, אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר געווען עפּעס גוטס אין קיך, האָט מען צוליב די געסט דערלאַנגט צום טיש.

די געסט האָבן געגעסן און שטאַרק געלויבט אַלץ, וואָס מען האָט געגעבן אויפן טיש.

— איר זענט, ווייזט אויס, אַ גרויסע בריה אויף פיש קאָכן, — האָט מאַדאַם גאָלדבערג באַמערקט דער באַלעבאָסטע.

— אָ, אייער ברײנע,—האָט גאָלדבערג זיך געווענדט צו ר׳ דוד־לייב,—איז שוין פון לאַנג אַ באַוווּסטע בריה.

און ברײנע איז זיך צעגאַנגען פון די קאָמפּלימענטן פון אירע שכנים און געזאָגט, אַז זי געדענקט גאָרנישט, אַז זי זאָל אַמאָל האָבן אַזעלכע גוטע פיש און פעטע אינדיקעס, וואָס גאָט האָט איר צוגע־שיקט אויף היינטיקן פּסח.

— איך געדענק, — האָט זיך מאַדאַם גאָלדבערג אָנגערופן,—ווען איך בין נאָך אַ קליין קינד געווען, בין איך געזעסן ביי מיינעם אַ זיידן ביים סדר, אָט אַזוי ווי ביי אייך...

אַזוי זענען אַלע געזעסן ביים סדר. מען האָט געגעסן און גע־רעדט און פריילעך פאַרבראַכט.

פון דעם פּסח אָן האָט דער שכן גאָלדבערג אויך אָנגעהייבן ביי זיך אינדערהיים פּראַווען סדרים, און די פרוי גאָלדבערג פלעגט אויף דעם גרויסן יום־טוב פּסח קויפן די בעסטע אינדיקעס.

געסט.

I

אָפּגעשניטן פון שטריק.

ווען לאה די דינסט האָט באַדאַרפט אויפהענגען וועש אויף צו טריקענען און האָט אָנגעהייבן זוכן די שטריק אויף דעם בוידעם, האָט זי דערזען, ווי עס פעלט איר אַ שטריק; האָט זי אים אָנגעהייבן זוכן אויף אַלע קראָקוועס פון בוידעם און, ענדלעך, האָט זי אים געפונען און געמאַכט אַ געוואַלד.

פון דער גאַנצער ווילע איז מען זיך צונויפגעלאָפן אויף איר געוואַלד. אַלע האָבן געמיינט, אַז ס'ברענט אויף דעם בוידעם, נאָר לאה האָט, אַ בלאַסע, אַ דערשראָקענע, געשריגן:

— אויף דעם שטריק, וואָס איך הענג שטענדיק די וועש, הענגט אונדזער באַלעבאָס מיט דער צונג אַרויסגעשטעקט...

מען האָט זיך געוואָרפן אויף דעם בוידעם, איבערגעשניטן דעם שטריק, און דעם באַלעבאָס, לייזער פּייטלזאָן, וועלכער איז שוין געווען בקוי, האָט מען אַראָפּגעטראָגן אין וואַלד אויף דער לופט און אים אָנגעהויבן רייבן, ביז מען האָט אים קוים דערמינטערט.

מען האָט אים אָנגעהייבן פרעגן, וואָס מיט אים איז געשען און ער האָט, ענדלעך, מיט אַ שוואַך קול אָפּגעענטפערט:

— געסט... די געסט זענען מיר דערגאַנגען דאָס לעבן...

אַלע אָנגעלאָפענע שכנים האָבן געזיפצט: צו וואָס געסט קענען אַמאָל ברענגען אַ מענטשן!...

איינער אַ שכן האָט זיך אָנגערופן:

— איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז פּייטלזאָן איז שטאַרקער פון אייזן, וואָס ער האָט זיך שוין לאַנג איבער די געסט נישט אויפגעהאָנגען...

II

די פּאָעזיע.

לייזער פּייטלזאָן איז אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און דרייסיק יאָר. זיין ווייב זלאַטע איז יינגער פון אים מיט אַ יאָר פינף, זייער אַ שיינע און אַן איידעלע פרוי. זיי לעבן זיך גליקלעך, האָבן זיך ליב, נאָר קיין קינדער האָבן זיי נישט. זלאַטע דאָקטאָרט זיך דעריבער שטענדיק. ביי וועלכע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן איז זי שוין צוליב קינדער-האָבן נישט געוועזן? מען האָט זי שוין נישט איינמאָל „געשניטן". זי איז דעריבער נישט קיין גאַנץ געזונטע און איז נערוועז געוואָרן.

אויף היינטיקן זומער האָבן די דאָקטוירים איר געהייסן אוועקוואַרפן אַלע רפואות און פאָרן אויף אַ דאַטשע מיט גוטער לופט.

און דאָס פּאָרפאָלק איז אַרויסגעפאָרן פון דער רוישנדיקער שטאָט אויף דער שטילער רויקער דאַטשע.

אַ דאַטשע האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ מחיהדיקע: אַ גרויס ליכטיק הויך צימער, אַ קליינע וואַרענדע, איבערגענוג פאַר צוויי מענטשן און אַרום און אַרום אַ סך וואַלד. די לופט איז ריין און שמעקט טעם גן-עדן.

יעדן טאָג זיצן זיי אויף דער וואַרענדע, שפּאַצירן אין וואַלד און קוועלן, אָנקוקנדיק איינס אויף דעם אַנדערן.

זלאַטע האָט געקויפט יונגע הינדלעך, וועלכע האָבן זיך צוגעוויינט צו דער וואַרענדע, ווי צו זייער היים; אַ גאַנצן טאָג גייען זיי אַרום איבער דעם וואַלד, און ווען זיי ווערן הונגעריק, קומען זיי צו דער וואַרענדע, מען זאָל זיי געבן עסן. לייזער אַליין האָט ליב צו

האָדעווען די הינדעלעך, שיט ער זיי ברעקלעך ברויט, און זיי פּיקן די ברעקלעך און פּיפּטשען דערביי אַזוי שיין.

די הינדלעך האָבן זיך אַזוי צוגעוויינט, אַז זיי שפּרינגען אויף די קני צו לייזערן און זלאַטען, ווי קליינע קינדער, און קוקן זיי אין די אויגן, מ'זאָל זיי געבן עסן.

און לייזער מיט זלאַטען קוועלן אָן פון זיי. זלאַטע זאָגט, אַז זיי וועלן אויסוואַקסן פעטע גוטע הינער. זי וועט זיי לאָזן לאַנג אַרומגיין.

— ווי שיין און אָנגענעם איז דאָ! — פלעגט לייזער אָפט זאָגן, — ווען מ'זאָל קענען אַ גאַנץ יאָר אַזוי דאָ לעבן, וואָלט זייער גוט געווען.

און זאָלטע באַשטעטיקט פון איר זייט, אַז קיין בעסער לעבן, ווי אויף דאַטשע, איז גאָר נישטאָ. דאָס לעבן אין שטאָט איז נאָר אַן אָפּקומעניש פאַר דעם מענטשן.

III

ג ע ס ט.

אויף דעם צווייטן שבת איז צו זיי געקומען אַ גאַסט, אַ נאָענטער קרוב, און מען האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים; עס איז געווען זייער אַנגענעם, כאָטש ס'איז אפילו ענגלעך געוואָרן. אין איין צימער האָט מען געמוזט לייגן שלאָפן אַ דריטע פּערזאָן. דערפאַר אָבער איז פרייליכער און היימישער, ווען עס איז דאָ נאָך אַ מענטש.

אויף דעם צווייטן שבת זענען שוין געקומען צוויי געסט: לייזערס אַן אייגענער ברודער מיט דער עלטערער טאָכטער.

צוליב די אומדערוואַרטע געסט האָט מען געמוזט קוילן אַ הינדל, ווייל עס איז שוין געווען נאָך דעם מאַרק און קיין פלייש האָט מען נישט געקענט קריגן. דאָס הינדל איז געווען אַ שיינס און אַ ווייס, זלאַטע האָט עס גערעכנט האַלטן ביז ערב יום-כיפור, ווען עס וועט זיין אַ גוטע „כפרה"... נאָר וואָס קען מען מאַכן? מען קען

דאָך אַזוינע געסט נישט פאַרשעמען. ווען עס קומט איין גאַסט, איז נישט קיין אומגליק, ווי זאָגט מען: „צווישן צוויי קען עסן אַ דריטער". אָבער פאַר צוויי געסט קען מען נישט „שניידן די פינגער" און מען האָט געמוזט קוילן אַ הינדל.

ביינאַכט איז זעליג געשלאָפן אין איין בעט מיט זיין ברודער און יענעמס טאָכטער צוזאַמען מיט זלאַטען.

מען איז אפילו אויפגעשטאַנען צעבראָכענע, נאָר וואָס האָט מען געקענט טאָן מיט אַזעלכע געסט.

וואָס ווייטער אַ שבת, וואָס ווייטער אין זומער אַריין, האָט זיך די צאָל געסט ביי פייטלזאָנען פאַרגרעסערט.

און אַלץ אַזעלכע נאָענטע קרובים און גוטע באַקאַנטע פון ווייבס צד און מאַנס צד. זלאַטעס ברודער און שוועסטער, זעליגס ברודער און שוועסטער, דערצו האָבן זיך אַמאָל אַראָפּגעכאַפּט אויף אַ פּאָר טעג צו די קינדער אויף דער דאַטשע אויך זייערע עלטערן.

אַן אייגענע פלימעניצע, אַ שוועסטערס אַ קינד, וואָס האָט אַ שטיפטאַטן און אַליין איז זי אַ שוואַכע, איז געקומען צו דעם פעטער מיט דער מומען זיך אַ ביסל פאַפּראַווען אויף אַ פּאָר וואָכן. סיי־ווי־סיי האָבן זיי נישט קיין אייגענע קינדער, וועט די יתומה זיין אויף די פּאָר וואָכן זייער קינד.

קיין איינציקער פון פייטלזאָנס געסט, איז, נאַטירלעך, נישט געווען קיין פרעמדער — אַלץ אייגענע אמתע פריינט.

אינדערוואָכן האָבן זיך שטענדיק געפונען ביי די פייטלזאָנס אַ פיר־פינף געסט, דאָס רוב פרויען מיט מיידלעך און שבת פון אַכט ביז צען געסט, דאָס רוב מאַנסביל.

לייזער האָט שוין לאַנג נישט געשלאָפן אויף זיין בעט. מען קען דאָך נישט שטערן די ווייבער, פאַר וועלכע עס איז אויך געווען ענג דאָס צימער, און ער פלעגט ווי אַזוי עס איבערשלאָפן די נאַכט אויף די וואַרענדע, אויף דעם טיש, אָדער אויף אַ באַנק צו־זאַמען מיט אַנדערע געסט מאַנסביל.

און זלאַטע, אויסער וואָס איר איז קיין נאַכט נישט אויסגעקומען רויק אַליין צו שלאָפן אויף איר בעט, האָט נאָך געמוזט גאַנץ פרי, פריער פאַר אַלע, אויפשטיין און לויפן מיט דער דינסט אין מאַרק אַריין אַלץ איינקויפן צום מיטאָג און צום פרישטיק, צום „פּאַד־וויעטשאָרעק" און

אָונט-ברויט, ווייל ווי די לופט איז אַזוי גוט, האָט מען, קיין עין-הרע, אַפּעטיט און עס ווילט זיך אָפּט עסן.

דעם גאַנצן טאָג האָט זלאַטע קיין מינוט צייט נישט גע-האַט זיך אָפּצורוען — געווען אַלץ פאַרנומען מיט צוגרייטן עסן פאַר די געסט און אויף ביינאַכט געלעגערס.

זלאַטע האָט געטראָגן אויף זיך דעם יאָך פון די געסט און געשוויגן. מען קען דאָך קיין געסט נישט פאַרשעמען און מען מוז נאָך מאַכן אַ פריילעך פּנים דערצו. נאָר לייזער האָט נישט גע-קענט צוזען, ווי זיין זלאַטע האָט אויף דער דאַטשע פון זיך אַ תל געמאַכט, יעדנס דינסט געוואָרן. דאָס האַרץ פלעגט אים פּלאַצן און צעגיין, קוקנדיק אויף זיין שיינער גוטער, נאָר האַלב קראַנקער זלאַטען, וואָס אַרבעט דעם גאַנצן טאָג, ווי אין שפּאַן און האָט אַפילו ביינאַכט קיין רו נישט.

IV

לייזערן פּלאַצט די געדולד.

לייזער פלעגט אויך שווייגן און מאַכן אַ פריילעך פּנים, די געסט, חס-ושלום, נישט צו באַליידיקן, זיי זאָלן דערנאָך נישט זאָגן, אַז מען האָט זיי נישט שיין אויפגענומען. נאָר אַז די געסט פלעגן זיך פאַרקוקן, פלעגט ער מיט אַ רחמנות-פּנים, אָן ווערטער, קוקן אויף זיין זלאַטען, און ווען ער האָט דערפילט, אַז ער קען שוין נישט אויסהאַלטן, זיין האַרץ פּלאַצט אים פון שווייגן, פלעגט ער איבערלאָזן זיין היים מיט די געסט און אַוועק צו זיינעם אַ שכן אין דערזעלבער ווילע אויסרעדן זיך כאָטש זיין פאַרביטערט האַרץ.

— איר הערט, — פלעגט ער מיט האַרץ רעדן, — איך וועל מוזן עוקר זיין פונדאַנען. איך מיט מיין ווייב וועלן דאָס נישט אויסהאַלטן. איר מיינט, עס אַרט מיך דאָס געלט, וואָס ס'קאָסט, צי די הינדלעך, וואָס מען האָט אַלע שוין ביי מיר אויסגעקוילעט, נאָר עס אַרט מיך, וואָס מיין זלאַטע, וועלכע דאַרף האָבן רו, איז יעדנס דינסט געוואָרן

און איז פאַרהאָרעוועט און פאַראַרבעט דעם גאַנצן טאָג, אַז זי האָט אפילו ביינאַכט קיין רו נישט. איך זאָג אייך, אַז ביי מיר איז פעסט געבליבן אַנטלויפן מיט זלאַטען לעבעדיקע פונדאַנען, און וואָס פריער? איך טאָר זיך נישט שפּילן מיט מיין זלאַטעס לעבן.

— שוין-זשע מיינט איר, — האָט לייזער ווייטער גערעדט מיט הארץ, —איז פאַר מיר אַ געשעפט, יעדן גאַסט צו באַגעגענען מיט אַ פריילעך פּנים, ווען דאָס הארץ איז מיר פאַרביטערט קוקנדיק אויף זלאַטען? איך קען נישט זיין קיין צוויפּנימדיקער: אין דער צייט, וואָס איך וואָלט מיט דעם גאַנצן הארצן געוואָלט נעמען אַלע מיינע געסט און זיי אַרויסוואַרפן פאַר דעם קאַרק, אַז זיי זאָלן מיך לאָזן לעבן, זאָל איך גאָר דאַרפן פאַר זיי אַ פריילעך ליבלעך פּנים מאַכן? איך קען דאָס נישט — איר הערט? איך קען דאָס נישט!!!

און ביי לייזערן איז פעסט געבליבן, אַז באַלד נאָך שבת, אין די הייסטע טעג, אין סאַמע ברען פון מיטן זומער, זאָל ער דינגען אַ פור, פּאַקן די זאַכן און אַריינפאָרן צוריק אין שטאָט אַריין.

און לייזער האָט שוין מודיע געווען זיינע שכנים, אַז ער פאָרט באַלד נאָך שבת צוריק אין שטאָט אַריין. נאָר אַי ס׳פּאַסט נישט פאַר מענטשן, וועט מען געפינען דערביי אַ תּירוץ, אַז די דאָקטוירים האָבן אים מיט זיין ווייב געהייסן פאָרן זיך באָדן קיין אויסלאַנד.

V

שוין איינמאָל אַ גאַסט!

ווען עס איז געקומען פאַר דעם לעצטן שבת, דאָס הייסט פרייטיק, ווען זיין ווייב איז געגאַנגען פון מאַרק מיט איר דינסט מיט אָנגעלאָדענע קוישן, האָט לייזער צו זיך געזאָגט:

— נו, געלויבט צו גאָט, דער לעצטער שבת... אַ סוף מיט אַן עק — אין שטאָט אַריין! אין די גרעסטע היצן אין שטאָט אַריין! — דאָס לעבן איז טייערער!

פּלוצים פרייטיק פאַרנאַכט, פאַר ליכט-בענטשן, ווען לייזער איז

געזעסן ביים טיש מיט זיינע אכט געסט און געטרונקען טיי, וואָס זלאַטע האָט מיט איר דינסט יעדן דערלאַנגט און געבעטן טרינקען און געניסן פון די פּאַרבייסנס, וואָס איז נישט אראָפּ פון טיש — כאַפּן זיך מיטאַמאָל אויף אַלע געסט פון טיש און פּאַטשן „בראַוואָ!״— איר זעט, ווער ס'איז געקומען? אָט אַ גאַסט! אָט דאָס הייסט אַ גאַסט!

לייזער מיט זלאַטען קוקן זיך אַרום און זעען, ווי צו זייער ווילע לויפט צווישן די ביימער ציפּקע, זייער אַן אייגן געשוועסטער־קינד פול אין זיידנס און מיט אַ הוט אויף דריי אַרשין.

ציפּקע לויפט גלייך צו זלאַטען, וואַרפט זיך אויף איר האַלדז און פון גרויס פריינטשאַפט און פרייד ווערט זי אויף אַ פּאָר מינוט פאַרגליווערט אויף זלאַטעס האַלדז. דערנאָך רייסט זי זיך אָפּ פון זלאַטעס האַלדז און וואַרפט זיך קושן מיט אַלע אַנדערע ווייבער און מיידלעך.

און דערביי רעדט זי זיך, איילנדיק, טאַנצנדיק און פול מיט לעבן.

— אָט וועט היינט זיין ביי אונדז אַ פריילעכער שבת!—שרייען אויס מיט התפּעלות די געסט.

אַלע מאַכן איר קאָמפּלימענטן, אַז זי זעט אויס זייער שיין, אַז זי ווערט וואָס אַ טאָג יונגער און שענער.

ציפּקע איזווירקלעך יונג, שיין און זייער אַ פריילעכע און יעדן איז שטענדיק אנגענעם צו זיין אין איר געזעלשאַפט.

— מיין מאַן,—הייבט אָן ענדלעך ציפּקע צו רעדן אויף גיך און איילנדיק,—איז אַוועקגעפאָרן אויף דעם וואָיאַזש, בין איך מיר אַ ביסל דורכגעפאָרן צו אייך אויף דער דאַטשע. מיין מאַן האָט מיר טויזנט מאָל פאַר דעם אַוועקפאָרן אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך דורכפאָרן צו אייך.

— בראַוואָ! בראַוואָ, ציפּקע! זייער גלייך האָסטו געטאָן! ערשט איצט וועלן מיר פריילעך פאַרברענגען דעם שבת!

און ווען ציפּקע האָט, אַזוי רעדנדיק, אויסגעטאָן איר דריי־אַר־שינעדיקן הוט מיט אירע לאַנגע הענטשקעס — האָט זיך דער עולם צערוקט ביים טיש און איר אָפּגעגעבן דעם אויבנאָן; זלאַטע האָט איר באַלד געבראַכט אַ גלאָז טיי און צוגערוקט פאַרבייסנס.

— וואָס טויגן מיר אָט די אַלע שאַלאַמויזעכצן,—האָט ציפּקע געזאָגט ברייטלעך, אָנווייזנדיק אויף די פּאַרבייסנס מיט דעם גלאָז

טיי. — איך בין הונגעריק! טויט הונגעריק, זאָג איך אייך — גיט מיר עפּעס אַ שטיקל פיש מיט חלה... די לופט איז דאָך דאָ אַזוי גרויס־אַרטיק, אַז איך בין הונגעריק געוואָרן, ווי אַ וואָלף.

באַלד האָט זיך לעבן איר באַוויזן אַ טעלער מיט אַ שטיק פיש און פרישע חלה.

אַ דאַנק ציפּקען, איז שוין איינמאָל געווען אַ פריילעכער שבת.

ציפּקע האָט אין דער גאַנצער געזעלשאַפט פון לייזער פייטלזאָנס געסט אַריינגעטראָגן לעבן מיט איר שיינקייט, יונגקייט און פריי־לעכקייט. דערצו האָט זי געהאַט אַן אנגענעמע שטימע, זי האָט גע־זונגען פאַרשידענע לידלעך, און דער עולם, ווער עס האָט געקענט און נישט געקענט, האָט צוגעזונגען.

פרייטיקצונאַכטס נאָך דער וועטשערע איז דער גאַנצער עולם בעגאַנגען שפּאַצירן איבער די וועלדער און די פעלדער און געזונגען.

דער גוטער וועטער, די שטילע וואַרעמע נאַכט און דער ליטערער הימל צוזאַמען מיט דער יונגער פול־לעבעדיקער ציפּקען האָבן אויף אַלעמען גוט געווירקט. אַפילו דער אומצופרידענער באַלע־באָס לייזער פייטלזאָן — האָט זיך אויך געפילט לעבעדיקער; ער האָט אויך, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, מיטגעזונגען, טראַכטנדיק זיך דערביי: קאַפּ אין דער וואַנט! הוליעט, עס איז אייך שוין דאָס לעצטע מאָל! דער לעצטער שבת... נאָך שבת—פאָר איך אַוועק.

נאָר איין זלאַטע איז געבליבן אין שטוב, זיך מחיה געווען, וואָס דער עולם איז אַ ביסל אַוועק און זי האָט זיך געקענט אַ ביסל אָפּרוען אַליין אויף איר בעט.

אַזוי האָט מען געהוליעט דעם גאַנצן שבת, געשפּאַצירט, גע־טאַנצט, משוגע געמאַכט זיך און געזונגען.

דערפאַר איז מען אַלעמאָל הונגעריק געוואָרן און מען איז געקומען אַלעמאָל צו זלאַטען, זי זאָל געבן עסן...

VI

אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

לייזער מיט זיין ווייב האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס עס האָט זיך שוין געענדיקט דער שבת. ענדלעך וועט דער עולם אַ ביסל קלענער ווערן. אַ טייל פון די געסט וועלן זיך צעפאָרן. און, ווירקלעך, שבת־צונאַכטס האָבן אַ פּאָר יונגעלייט זיך געוואָלט אָנהייבן צו געזעגענען און אַוועקפאָרן.

נאָר פלוצים האָט זיך אויפגעכאַפּט ציפּקע און זיך געווענדט צו די געסט בזה הלשון:

— ווייסט איר, וואָס? איך לייג פאָר, אַז מיר אַלע זאָלן דאָ בלייבן דעם זונטיקדיקן טאָג... די געשעפטן זענען דאָך אין שטאָט סיי־ווי־סיי פאַרמאַכט. וואָס וועט יעדער אָנווערן, אַז מען וועט בלייבן דאָ? מאָרגן צוליב זונטיק פאָרן זיך אָן אויף די דאַטשעס פיל געסט און עס וועט ערשט זיין פריילעך. לאָמיר אַלע בלייבן — וועלן מיר ערשט קענען פאַרברענגען אַ גוטן טאָג...

פאַרשטייט זיך, אַז ציפּקען האָט קיינער נישט געקענט אָפּזאָגן, ווייל יעדער איז זיכער געווען, אַז מיט איר וועט זיין פריילעך, און דער עולם האָט אָנגעהייבן קלאַפּן בראַוואָ.

— בראַוואָ, בראַוואָ, ציפּקע.

לייזער מיט זיין פרוי האָבן זיך איינגעהאַלטן זיך, איבערגעקוקט און בלאַס געוואָרן. נאָר באַלד זענען זיי צו זיך געקומען טראַכטנדיק: עס איז שוין דער לעצטער טאָג. וואָס קען מען מאַכן, מען קען דאָך נישט פאַרשעמען קיין געסט... מען מוז דאָך יוצא זיין פאַר געסט.

— לאָמיר טאַקע שוין מאַכן דאָס פּראָגראַם פון מאָרגנדיקן טאָג,— האָט ציפּקע ווייטער גערעדט,—איך לייג פאָר, אַז מאָרגן נאָך מיטאָג זאָלן מיר דינגען פערד און אַרומפאָרן איבער דער גאַנצער ליניע פון דער דאַטשע-געגנט... מאַנסביל וועלן רייטן אויף פערד און ווייבער וועלן פאָרן מיט וועגעלעך...

— בראַוואָ! עס וועט זיין פריילעך! בראַוואָ, ציפּקע!

ווען דאָס פּראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרן, האָט זיך דער עולם געלאָזט שפּאַצירן און זלאַטע איז געבליבן אינדערהיים ווידער זאָרגן וועגן וועטשערע און געלעגערס פאַר די איבערגעבליבענע געסט...

ציפּקע האָט געשפּאַצירט מיט די מאַנסביל און מיידלעך און הינטער זיי זענען נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר ווייבער, וועלכע האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן ציפּקען.

— עס איז פּראָסט מקנא צו זיין ציפּקען,—האָט זיך איינע אָנגערופן.—אַ ווייבל, וואָס איז שוין אויף דער צייט און עס איז כמעט נישט צו דערקענען... יעדער קען מיינען, אַז זי איז אַ מיידל, כאָטש זי גייט שוין, ב"ה, מיט דעם דריטן קינד...

— מען דאַרף קענען זיך האַלטן אַזוי יונג... אַוודאי מעג מען מקנא זיין אַזאַ פריילעכקייט און לעבעדיקייט. נאָר זי טאַנצט, נאָר זי שפּרינגט אָדער זי זינגט... מען דאַרף דאָס קענען...

אינמיטן שמועס פון די צוויי ווייבער האָט זיך ציפּקע צעלאָזט מיט אַ לידל און די ווייבער האָבן זיך אויך פאַרייניקט מיט דער קאָמפּאַניע און אַלע האָבן מיטגעהאָלפן זינגען.

VII

אַ נ אַ כ ט.

אויף מאָרגן נאָך מיטאָג האָבן לייזער פייטלזאָנס געסט געדונגען פערד און וועגעלעך, און מען איז געפאָרן: די ווייבער אין וועגעלעך און מאַנסביל רייטנדיק אויף פערד, לעבן די וועגעלעך מיט די ווייבער און מיידלעך.

דעם גאַנצן וועג האָט מען געזונגען, געלאַכט און זיך פרייען געמאַכט, און פאַרשטייט זיך, אַז ציפּקעס קלינגענדיקע שטימע האָט מען געהערט העכער פון אַלע.

ווען די געסט זענען געקומען פאַרנאַכט אַהיים, איז מען געווען טויט הונגעריק. מען האָט געשמאַק געגעסן וועטשערע, גערעדט אַ ביסל ביים טיש און דערנאָך פון גרויס מידקייט פון טאָג איז מען געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן, ווי יעדער האָט געקענט: ווייבער און מיידלעך אין דעם איינציקן צימער און די מאַנסביל אויף דער קליינער וואַרענדע און אויף פּראָסט אין וואַלד.

אין דעם איינציקן צימער איז געווען הייס אויף דערשטיקט צו ווערן, אַז מען האָט קוים געקענט אָטעמען.

פּלוצים, אַרום צוויי אַ זייגער ביינאַכט, כאַפּט זיך אויף ציפּקע, וועלכע איז מיט זלאַטען געשלאָפן אויף איין אָרט, אויפגעוועקט זלאַטען און איר אינדערשטיל געזאָגט:

— שלאָפסט, זלאַטע?

— וואָס איז?—האָט זלאַטע געפרעגט מיט פאַרמאַכטע אויגן, נישט קענענדיק פון גרויס מידקייט זיי אויפעפענען.

— זיי מיר מוחל, וואָס איך שטער דיר דיין שלאָף...

— נישקשה, דו שטערסט מיר נישט... איך בין שוין דאָ אויף דער דאַטשע צוגעוויינט צו שלאָפן אין צווייען,—האָט זלאַטע געענט-פערט צווישן די ציין מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— עס לאָזט מיך נישט שלאָפן,—האָט ציפּקע ווייטער גערעדט,— באָר איך האָב דיך נישט געוואָלט אויפוועקן...

נאָר זלאַטען האָט אַזוי געצויגן צום שלאָף פון מידקייט, פון אַ גאַנצן טאָג אַרומטאַנצן לעבן די געסט, אַז זי האָט שוין נישט געהערט וואָס ציפּקע האָט גערעדט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

ציפּקע איז געלעגן שטיל אַ פּאָר מינוט און פּלוצים אָפּגעקרעכצט מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם.

— זלאַטע,—האָט ציפּקע ווידער אָנגעהייבן וועקן.

נאָר זלאַטע האָט עפּעס געברומט פון שלאָף און נישט גע-ענטפערט.

— זלאַטע, זלאַטע...

— נו, איך וויל שרעקלעך שלאָפן...

— זלאַטע... מיר דאַכט זיך, אַז מען דאַרף שיקן נאָך אַן אַקו־שערקע...

דערהערט דאָס וואָרט „אַקושערקע", האָט זיך זלאַטע אַראָפּגע־כאַפּט פון בעט, ווי גלייך עמעצער האָט איר הייס וואַסער אַריינגע־גאָסן אין בעט.

— שוין!? אפשר האָסטו אַ טעות, ציפּקע?

— איך האָב נישט קיין טעות... שוין מער ווי צוויי שעה, אַז איך לייד פון שטאַרקע ווייען, נאָר איך האָב דיך נישט געוואָלט אויפוועקן. איך האָב זיך אין אָנהייב אַליין נישט געגלויבט, וואָרים ווען איך זאָל געוווען וויסן, וואָלט איך מיין מאַן אויף דעם וואָיאַזש נישט געלאָזט פאָרן.

— ווי אַזוי זשע קומט עס?—האָט זלאַטע דערשראָקן געפרעגט.

— אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב היינט צופיל זיך געטרייסלט אויף דעם וועגעלע איבער דעם שלעכטן וועג.

— און צופיל געשפּרונגען און געטאַנצט,—האָט זלאַטע צוגע־געבן.—ביי אַזאַ צייט דאַרף מען זיך פירן רויִקער.

— וואָס איז געווען, איז פאַרפאַלן... איך בעט דיך, זלאַטע, שיק באַלד נאָך אַן אַקושערקע אָדער אַ דאָקטאָר,—האָט ציפּקע זיך געבעטן מיט אַ פאַרביטערט פּנים פון גרויס ווייטיק.

זלאַטע האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, אַרויסגעגאַנגען אויף דער וואַרענדע און אויפגעוועקט איר מאַן:

— לייזער, הא, לייזער! שטיי באַלד אויף און לויף ברענגען די אַקושערקע! ציפּקע גייט צו קינד... גיך! געשווינט! נו, זשע!...

לייזער האָט זיך, ווי אַן אָפּגעבריטער, אויפגעכאַפּט און כמעט אַ האַלב נאַקעטער האָט ער, ווי אַ צעמישטער, זיך געלאָזט לויפן אויף דער גאַס, וווּ די אַקושערקע וווינט.

אויף דעם וועג האָט ער אינמיטן דער נאַכט געהאַט עטלעכע מלחמות מיט גאַנצע סטאַדעס הינט, וועלכע האָבן אים אַ פּאָלע פון דער קאַפּאָטע צעריסן. דעם קאַפּ האָט ער אַלעמאָל אָנגעשלאָגן אָן ביימער, ביז ער האָט זיך, ענדלעך, דערשלאָגן צו דער אַקושערקע, זי אויפ־געוועקט און געבראַכט צו זיך אויף דער ווילע.

VIII

ביז טאָג

ווען די אַקושערקע איז געקומען און באַטראַכט ציפּקען, האָט זי פריער פאַר אַלעם אַרויסגעטריבן אַלע געסט.

— עס איז ביי איין קיין לופט נישטאָ,—האָט זי געזאָגט,—אַ געזונטער מענטש קען דאָ קראַנק ווערן, בפרט נאָך אַ קימפּעטאָרין. נאָר איר, זלאַטע, קענט בלייבן, וועט איר מיר העלפן, וואָס איך וועל באַדאַרפן...

אַלע געסט זענען שטיל, אָן ווערטער און אָן אַ זיי-געזונט זיך צעקראָכן אויף דער סטאַנציע וואַרטן דאָרטן ביז דעם ערשטן צוג, און לייזער פייטלזאָן איז אויך ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן...

אַ גאַנצע נאַכט, אַ נישט דערשלאָפענער, אַ פאַרהאָרעוועטער און פאַרביטערטער פון די געסט האָט זיך לייזער אַרומגעדרייט איבער די פעלדער און וועלדער, נישט האָבנדיק קיין היים, קיין ווינקל, וווּ צוצולייגן זיך.

די צונג איז אים טרוקן, דאָס האַרץ ציט נאָך אַ גלעזל טיי, נאָך אַ לעפל וואַסער.

אַ שרעק כאַפּט אים אָן, ווען ער דערמאָנט זיך איצטער אין זיין זלאַטען, וועלכע נאָך אַזאַ שווערן טאָג פון אַרבעט און אַרומטאַנצן כסדר דאַרף נאָך האָבן צו טאָן מיט אַ קימפּעטאָרן...

— זי איז דאָך אַזאַ קראַנקע,—רעדט לייזער צו זיך, — די דאָקטוירים האָבן דאָך אָנגעזאָגט, אַז זי מוז דורכאויס היינטיקן זומער לעבן רויק און שטיל... עס איז דאָך משוגע צו ווערן, ווען איך טו

אַ טראַכט, וואָס קען ווערן פון זלאַטעס געזונט... און דערצו בין איך אויך נישט פון אייזן, איך זאָל קענען אַלץ איבערטראָגן.

ווי אַ צעמישטער, האָט זיך לייזער ווייטער געדרייט אין וואַלד און אין נאָענטן פעלד צווישן קאָרן, זיך פאַרטשעפּעט אָן די זאַנגען, זיך אָנגעשלאָגן אָן די ביימער.

ער האָט געזען איבער זיך אַ פינסטערן גרויסן הימל מיט נאָך פינסטערערע ביימער. „די וועלט איז אַזוי גרויס, טראַכט זיך לייזער, און איך האָב נישט קיין היים". עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די נאַכט וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן און ער וועט זיך אייביק אַזוי אַליין אַרומשלעפּן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט, וואָס קען נישט געפינען זיין היים און פון יעדער פרעמדער היים טרייבט מען אים אַוועק.

ווי אַ גנב, האָט זיך לייזער אונטערגעגנבעט צו זיין היים, אָבער ווי נאָר ער איז צוגעגאַנגען, האָט ער זי געפונען פאַרשלאָסן און פון די פענסטער האָט געלויכטן.

ער האָט באַגעגנט די דינסט, וועלכע איז געלאָפן מיט אַ קרוג צום ברונעם נאָך וואַסער, האָט זי אים געזאָגט: „מען קען נאָך נישט אַריינגיין", און לייזער האָט זיך ווידער געלאָזט אַליין בלאָנקען איבער דעם וואַלד און פעלד.

* * *

איידער עס האָט אָנגעהייבן טאָג ווערן, ווען לייזער האָט זיך בעפּלאָנטערט צווישן קאָרן, איז עפּעס מאָדנע פינסטער געוואָרן — אַ פינסטערניש, וואָס האָט געוואָרפן אַ שרעק אויף אים. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס פינסטערניש מיט דעם גאַנצן שוואַרצן הימל לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער און נידעריקער איבער זיין קאָפּ. אַ ווינטל האָט אָנגעהויבן בלאָזן און די מיליאָנען זאַנגען האָבן ווילד, מיט אַ סווישטש אָנגעהויבן רעדן צווישן זיך.

עפּעס אַ פּאָר קליינע חיהלעך זענען פון קאָרן מיט שרעק

אַרויסגעשפּרונגען און פאַרביי אים דורכגעלאָפן. די זאַנגען האָבן נאָכמער אָנגעהייבן רוישן, ווילד סווישטשען.

דאָס האַרץ האָט געטריקנט. ער האָט זיך געפילט שוואַך און אַ שרעקלעכער פּחד האָט אים אַרומגעכאַפּט. און ווי צעמישטער איז ער איבער דעם גאָרטן און דורך דעם וואַלד געלאָפן צו זיך אויף דער דאַטשע, און געפינענדיק, ווי פריער, פאַרמאַכט די טיר פון זיין וווינונג, איז ער אַרויף אויף דעם בוידעם. . . . .

* * *

ווען מען האָט לייזערן אַראָפּגענומען פון שטריק און אים דער-מינטערט, האָט לאה די דינסט אויסגעשריען:

— מזל-טוב אייך, באַלעבאָס! ציפּקע האָט געהאַט אַ יינגל! מיר וועלן אי״ה דאָ האָבן אַ ברית!..

די מוטער שרה.

אין וואַלד, וועלכער רינגלט אַרום מיין דאַטשע, לויפט אַרום אַ מיידעלע מיט לאַנגע בלאָנדע לאָקן און מיט בלויע גרויסע אויגן.

אין איר ווייס קליידעלע מיט די באָרוועסע פיסלעך און נאַקעטע הענטלעך, וועלכע האַלטן שטענדיק שפּילצייג, שפּרינגט זי אַרום אין וואַלד גלייך מיט די פייגעלעך, וועלכע לאָזן זיך אַראָפּ פון זייערע נעסטן זוכן עסן אָדער געפינען בוי-מאַטעריאַל פאַר זייערע נעסטן.

גאַנץ אָפט וועקט מיך אויף פון שלאָף, ווי זיסע מוזיק, דאָס קולכל פון בלאָנדן מיידעלע.

נישט זעענדיק זי, דערקען איך שוין איר קולכל צווישן די קולות פון אַנדערע קינדער, וועלכע שפּילן זיך אין וואַלד.

און נישט איינמאָל, טראַכטנדיק וועגן דעם שיינעם קינד, האָב איך זיך געפרעגט: ווער זענען די עלטערן פון דעם שיינעם ליבן קינד? ווו איז די נעסט פון דעם בלאָנד פייגעלע, וועלכעס ווערט ערגעץ פאַרשווונדן יעדע נאַכט און בייטאָג באַווייזט זי זיך אין וואַלד, ווי אַ „וואַלד-פייע"?

עפּעס פלעגט זיך מיר אויסווייזן, אַז זי הייבט אויף אירע פליגעלעך און פליט אַוועק ערגעץ אין איר נעסט אַריין.

אַנדערש ווי מיט צוויי ווייסינקע, העלינקע פליגעלעך האָב איך זיך דאָס מיידעלע מיט די בלאָנדע לאָקן און בלויע אויגן נישט געקענט פאָרשטעלן.

און איך טראַכט מיר:

— אַ גליקלעך, יונג, שיין, געזונט פאָרפאָלק דאַרפן זיין די עלטערן פון דעם שיינעם מיידעלע. אַ יונג פאָרפאָלק, וואָס גייט זיי

ערשט צום לעבן, און עס איז ביי מיר געבליבן, אז דאָס בלאָנדע מיידעלע איז געוויס זייער ערשט קינד.

איינמאָל, פאַרנאַכט האָב איך באַשלאָסן נאָכגיין דאָס קינד און זען, אין וועלכע דאַטשע דאָס קינד ווערט פאַרפאַלן.

איך גיי איר נאָך און פּלוצים דערזע איך, ווי דאָס קינד הייבט אָן לויפן מיט שמחה, פּאַטשט מיט די הענטלעך און שרייט אויס מיט איר זיס קולכל: טאַטוניו! מאַמוניו!

און איך זע, ווי פול מיט גליק גייען דעם אַקעגן אַן אַלט גרייז-גרויער ייד מיט אַן אַלטער יידענע. ביידע זענען זיי איינגע-הויקערט פון אַלטקייט. זיי קושן דאָס קינד. זיי נעמען פון ביידע זייטן דאָס קינד פאַר ביידע הענטלעך און גייען אַריין אין דער נאָענטסטער דאַטשע.

— אַ פאַרגעניגן! — טראַכט איך מיר. — אַ גליקלעכע עלטער! און ווו זענען די גליקלעכע יונגע עלטערן פון דעם בלאָנדן מיידעלע? פאַרוואָס רופט זי זיי נישט זיידע, באָבע?

יעדן פאַרנאַכט פלעג איך זען די אַלטע לייט מיט דעם בלאָנדן מיידעלע, וועלכע פלעגט זיי רופן „טאַטוניו", „מאַמוניו".

איינמאָל האָב איך אָפּגעשטעלט דאָס פאָרפאָלק, זאָגנדיק:

— וואָס פאַר אַ שיין ליב קינד אייער מיידעלע איז! זי שפּילט זיך שטענדיק לעבן מיין דאַטשע.

— אַ טייער קינד! אונדזער גאַנצע טרייסט, אונדזער גאַנצע וועלט איז דאָס קינד! — ענטפערן זיי מיר.

— אוודאי אַן איינינקל, — זאָג איך.

— ניין, דאָס איז אונדזער קינד.

דאָס אַלטע פאָרפאָלק איז עפּעס ווי צעפרידן געוועז, וואָס איך האָב אָנגעהייבן מיט זיי רעדן וועגן זייער קינד און אויף דער ערשטער באַנק, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן, האָבן זיי מיך געבעטן זיך צוזעצן.

— איר וווּנדערט זיך אוודאי, — האָט דער אַלטער זיך געווענדט צו מיר, — איר וווּנדערט זיך, וואָס „מיין מוטער שרה", מיין אַלטעטשקע, מיין איך, האָט געהאַט צו הונדערט יאָר אַזאַ שיין גע-זונט קינד?

— דו, אַלטער נאַר, — האָט די אַלטע אים אָנגעריזט ביים אַרבל. —נאַר ער ווערטלט זיך... אַ יונגערמאַנטשיק מיינט ער, איז ער.

— שטילער, אַלטיטשקע... אינגאַנצן עלטער פון דיר מיט אַ האַלב יאָר, — האָט ער אָפּגעענטפערט זיין ווייב און זיך ווידער געווענדט צו מיר:

— נישטאָ היינטיקע צייטן קיין מוטער שרהס, וואָס זאָלן צו הונדערט יאָר האָבן קינדער.

— האָט איר זיך גענומען אַ אייניקל,—זאָג איך נאָכאַמאָל,—נישט קוקנדיק, וואָס ער האָט מיר שוין פריער געזאָגט, אַז דאָס בלאָנדע מיידעלע איז זיין קינד, נישט קיין אייניקל.

— איך האָב דאָך שוין אייך געזאָגט, אַז עס איז נישט אונדזער אייניקל, נאָר אונדזער קינד... טייערער, ווי אַן אייגן קינד...

— איר האָט נישט קיין קינדער, האָט איר מסתמא גענומען אַ פרעמד קינד,—טרעף איך.

ניין, קיין עין הרע, דריי זין מיט פיר טעכטער, מיט שניר, מיט איידעמס און מיט אייניקלעך, זיי זאָלן אונדזערע ביינער איבער-לעבן. דאָס קינד, וואָס מיר האָבן גענומען צו זיך, איז אונדז נאָך טייערער... אויף דער עלטער איז זי מיר נאָך טייערער...

און דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק האָבן מיר דערציילט, אַז זייערע קינדער האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

— אפילו אויף אַ בריוול דאַרף מען וואַרטן חדשים לאַנג, און דאָ האָט אונדז גאָט געשענקט יאָרן און מיר ווייסן נישט, וואָס צו טאָן מיט אונדזערע געשענקטע יאָרן... זיצן און וואַרטן אויף דעם קבר איז צו לאַנגווייליק... איך האָב זיך מיט מיין אַלטיטשקער קיין אָרט נישט געפונען... מיר האָבן איבערגעלעבט אַזעלכע שרעקלעכע צייטן, אַז מיר פלעגן בעטן דעם, וואָס לעבט אייביק אויף אונדזער „גוטער שעה". האָט זיך מיישב געווען מיין אַלטיטשקע און מיט אַ יאָר דריי צוריק צוגענומען אָט דאָס טייערע מלאכל פאַר אונדזער קינד און זי פאַרזיסט אונדז אונדזער עלטער. צוליב דעם קינד זענען מיר יונג געוואָרן און עס ווילט זיך נאָך לאַנג לעבן.

און אַזוי רעדנדיק, האָבן זיי דאָס בלאָנדע מיידעלע צוגעדריקט צום האַרצן, און נעמענדיק עס פאַר ביידע הענטלעך, האָבן זיך אַלע דריי געלאָזט גיין צו זייער דאַטשע.

געזעגנענדיק זיך מיט מיר, האָט דער אַלטער געזאָגט:

— איר הערט? כל זמן אַ מענטש לעבט, דאַרף מען האָבן קינ-דער אפילו צו הונדערט יאָר, ווי אונדזער מוטער שרה...

אַ דאַטשע-ווייב.

ווען גיטל מיט איר מאַן דוד ליפשיץ זענען מיט זייער קינד איבערגעפאָרן אויף דער דאַטשע, איז ביי זיי געבליבן, אַז דוד דאַרף יעדן טאָג קומען צו מיטאָג מיט דעם צוג, וואָס קומט אָן פונקט פיר אַ זייגער, וואָרים אַנדערש, האָט גיטל געזאָגט, איז זי מוחל די דאַטשע מיט אַלע אירע פאַרגעניגנס. בעסער זיצן אין שטאָט, איידער וואַרטן אויף דעם מאַן פון איין שבת צום צווייטן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרגעניגן,—פלעגט גיטל זאָגן, בעת מען פלעגט אָנהייבן רעדן וועגן פאָרן דינגען אַ דאַטשע, — אַרומדרייען זיך אַ גאַנצע וואָך אַליין און קוקן אַליין אויף דיביימער... קוקן אויף דעם לויטערן הימל און שעפּן אַליין די גוטע לופט. אמת, צו פאַרברענגען אַ פּאָר חדשים אויף אַ זומערוואוינונג, ווו אַלץ איז אַזוי שיין, לויטער, פריי און געזונט — איז אַוודאי אַ גן-עדן, אָבער אין גן-עדן איז אויך נישט גוט אַליין צו זיין...

און צוליב זיך אַליין, צוליב אירע אייגענע פאַרגעניגנס, וואָלט זי זיך נישט צעבראָכן און זיך שלעפּן אויף דער דאַטשע. נאָר ווען עס איז געבליבן, אַז איר מאַן וועט יעדן טאָג קומען אויף מיטאָג און פאַרבלייבן ביז מאָרגן פרי, — איז זי מיט פאַרגעניגן אַרויסגעפאָרן אויף דער דאַטשע.

און טאַקע באַלד האָט דוד באַקומען אַ מאָנאַטלעכן בילעט, ער זאָל פאַרשפּאָרן פאַרלירן צייט און פאַרשפּעטיקן דעם צוג.

די ערשטע וואָך איז טאַקע דוד געקומען יעדן טאָג מיט דעם 4-דיקן צוג צו מיטאָג, און עס איז געווען אַ פאַרגעניגן.

ניין אינדערפרי, ווען גיטל האָט אויפגעעפנט די אויגן, איז שוין דוד געהאַט אַוועקגעפאָרן אין שטאָט. זי האָט אויסגעפרעגט די דינסט,

צי האָט ער געטרונקען טיי און צי האָט ער געהאַט אַ הייס גלאָז מילך. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען, געטרונקען אַ גלאָז טיי, אַוועק מיט דער דינסט אין באַזאַר ארײַן אײַנקויפן צו מיטאָג און אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס דער מאַן האָט ליב. און ווען זי איז געקומען צוריק, איז שוין דאָס קינד אויפגעשטאַנען. זי האָט עס אָנגעהאָדעוועט, אָנגעטאָן און עס אַרויסגעלאָזט שפּילן מיט אַנדערע קינדער.

און נאָכדעם, ווען דער מיטאָג איז שוין כמעט אינגאַנצן פאַר־טיק געוואָרן, פלעגט זי זיך אויספּוצן, ווי צוליב עפּעס אַ גרויסן יום־טוב, אָנטאָן איר קאָקעטישן, לאַנגן „קאַפּאָט", וואָס ביים האַלדז איז עס אַ ביסעלע געווען אויסגעשניטן און איר שיינער ווייסער האלדז מיט אַ שטיקעלע נאַקעט ברוסט האָט זיך אַרויסגעוויזן, פאַרדרייט אירע שיינע אייגענע דיקע צעפּ אויף דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און זיך אַליין געפעלן. אַפילו דאָס שטיקעלע אויסגעשניטענע ביים האַלדז איז איר אויך געפעלן. אין שטאָט וואָלט זיך גיטל אין אַ מיטן מיטוואָך נישט דערלויבט אַזוי אויפשניידן דעם האַלדז. זי האָט נישט ליב געהאַט צו באַווייזן איר נאַקעטקייט, סיידן אַמאָל אויף אַ חתונה אין איר זיידן קלייד, נאָר דאָ אויף דער דאַטשע, האָט זי זיך דערלויבט.

מיט אומגעדולד פלעגט זי וואַרטן אויף דער צייט, ווען זי וועט שוין קענען גיין צום צוג באַגעגענען איר מאַן.

מיט זיכערע טריט פלעגט זי גיין יעדן טאָג צום 4־אַזייגערדיקן צוג, און צוריק פלעגט גיטל גיין מיט איר מאַן אַ לאַכנדיקע, אַ פריילעכע, אַז אַלע ווייבער, וואָס פלעגן גיין פון צוג אַליין, פלעגן זי מקנא זיין.

און ווען מען איז געקומען אַהיים, איז שוין דער טיש אויף דער וואַרענדע געווען געדעקט.

נאָכן עסן פלעגט זיך דוד אַ ביסל אָפּרוען פון זיין „שטאָט־אַרבעט", און דערנאָך האָט מען געטרונקען טיי און דעם גאַנצן אָוונט שפּאַצירט מיט באַקאַנטע, ווו אין קאָמפּאַניע איז נאָך פריי־לעכער געוואָרן.

אויך היינט, ווי יעדן טאָג איז גיטל אַן אויסגעפּוצטע מיט איר ווייסן העלדזעלע, מיט איר שיינעם פאַרקעמטן קאָפּ האָר, פריילעך און אויפגעלייגט געגאַנגען באַגעגענען איר דודן צום 4־אַזייגערדיקן צוג.

דער צוג האָט אָנגעהייבן צוגיין צו דער סטאַנציע. אַלעמאָל

לאַנגזאַמער זענען געגאַנגען די וואַגאָנעס, ביז זיי האָבן זיך אינ־גאַנצן אָפּגעשטעלט. אויף גיטלס געזיכט איז שוין געווען אויסגעגאָסן איר ליבער שמייכל, מיט וועלכן זי פלעגט זיך באַגעגענען מיט איר מאַן. אַלערליי דאַטשניקעס גייען אַראָפּ, זי קוקט מיט אַלע אויגן, וועלכע זוכן איר מאַן, וואָס באַגעגנט זי אויך אַלעמאָל מיט אַ ליב־לעכן שמייכל. נאָר אָט פייפט שוין דער צוג, ער רירט, ער גייט וואָס גיכער. נאָך אַ מינוט, און גיטל זעט מער נישט ווי בלישטשענדיקע רעלסן, וועלכע ציען זיך ערגעץ ווייט־ווייט.

איר שמייכל איז מיטאַמאָל פאַרשווונדן געוואָרן, אירע ליפּן האָבן זיך אַ ביסל אָנגעבלאָזן.

— ער איז נישט געקומען און דער מיטאָג וועט קאַליע ווערן, — האָט זי צו זיך געזאָגט. און עס איז ביי איר געבליבן וואַרטן אויף דער סטאַנציע אויף דעם צווייטן צוג, וואָס קומט אָן פינף אַ זייגער, מיט וועלכן ער וועט שוין געוויס קומען.

זי האָט אָנגעהייבן שפּאַצירן הין און צוריק אויף דער פּלאַט־פאָרמע, ווו עס האָבן געשפּאַצירט נאָך אייניקע דאַטשניקעס.

דאָ האָט געשפּאַצירט אויך איינער אַן אויסגעפּוצטער דאַטשניק, אַ מענטש פון קרוב פערציק יאָר, נאָר וואָס האָט זיך געהאַלטן זייער יונג. שטענדיק גלאַט אָפּגעגאָלט, מיט אַ זיידן קאָלירטן העמד, מיט געלע שיך, מיט אַ זיידן קליין דאַטשע־היטעלע, מיט אַ דין שטע־קעלע אין די הענט און מיט אַ לאַנגן דינעם פּאַפּיראָס אין מויל. דאָך האָט ער אויסגעזען מיאוס איבער זיינע קליינע גרויע אויגן און זיין לאַנגער נאָז מיט רויטלעכע פלעקן. גערופן האָט מען אים דער „אַלטער בחור״ און ער האָט ליב געהאַט צו פירן באַקאַנטשאַפט מיט יעדן. געהייסן האָט ער זילבערהאָלץ.

גיטלען, אָדער ווי ער האָט זי גערופן „מאַדאַם ליפשיץ״, האָט ער געקענט אַלס שכנה פון זיין דאַטשע. ער האָט געוואוינט נישט ווייט פון איר. זיך באַקענען מיט איר איז אים קיינמאָל נישט אויס־געקומען, נאָר ווען ער פלעגט זי באַגעגענען, האָט ער געפונען פאַר זיין חוב, אַלס שכן, גריסן זי און אַראָפּנעמען דאָס קליינע היטעלע.

און באַגעגנט זיך מיט איר האָט ער זייער אָפט אויף דעם שפּאַציר לעבן דער באַן־ליניע און דערהויפּט אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווען גיטל איז יעדן טאָג געקומען באַגעגענען איר מאַן צו מיטאָג. אויך איצטער, ווען גיטל האָט אַזוי מיט אומגעדולט געשפּאַצירט

הין און צוריק אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט ער זי געגריסט, אַראָפּנעמענדיק דאָס היטעלע.

זילבערהאָלץ, באַמערקנדיק, אַז איר מאַן איז נישט געקומען און זי וואַרט אויף דעם צווייטן צוג, האָט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ דריי מאָל מיט איר באַגעגנט, זיך אָנגערופן צו איר.

— וואָס, אייער מאַן איז נישט געקומען?

— יאָ, ער האָט געוויס פאַרשפּעטיקט. ער וועט קומען מיט דעם צווייטן צוג,—האָט זי געענטפערט, און די נייע באַקאַנטע האָבן ווייטער געשפּאַצירט יעדער זיין וועג.

* *
*

עס איז אָנגעקומען דער צוג, עטלעכע דאַטשניקעס זענען אַראָפּ. גיטל האָט צווישן זיי געזוכט איר מאַן, נאָר אומזיסט. און ווען דער צוג האָט אַ פּייף געטאָן און גיטל האָט ווידער געזען פאַר זיך נאָר די נאַקעטע רעלסן, האָט זי ברוגזלעך אָנגעהייבן זיך לאָזן גיין אַהיים. נאָר איידער זי איז איבערגעגאַנגען די רעלסן, איז איר ווידער אויסגעקומען זיך באַגעגענען מיט זילבערהאָלצן, דעם אַלטן בחור, וועלכער האָט זי געפרעגט:

אייער מאַן איז ווידער נישט געקומען?

— ניין, איך ווייס גאָרנישט וואָס איבערצוטראַכטן.

— נאַרישקייטן. פאַררעדט זיך מיט גוטע ברידער, און מסתמא צוזאַמען געגאַנגען עסן מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן.

— עס קען נישט זיין. ער ווייסט, אַז איך וואַרט אויף אים מיט מיטאָג, האָט זי געזאָגט און מיט גיכע טריט זיך געלאָזט גיין אַהיים.

זילבערהאָלץ האָט נאָכגעקוקט, ווי איר גלייכע פיגור באַוועגט זיך אַזוי שיין און האָט פון איר די אויגן נישט אָפּגעלאָזט, ביז זי איז אַריין צווישן די ביימער, וווּ עס געפינט זיך איר דאַטשע. אויף דעם וועג האָט זי באַגעגנט אייניקע פרויען, וואָס זענען געגאַנגען מיט זייערע מענער, וועלכע זיי זענען געגאַנגען באַגעגענען. פריילעך-

און לאַכנדיק האָבן זיי גערעדט צווישן זיך. גיטל האָט אָנגעכאַפּט אַ פּאַרדראָס און אַ כּעס אויף איר מאַן.

— אַזאַ מיטאָג זאָל ווערן קאַליע! אַלץ צוגעגרייט פאַר אים, ווי ער האָט ליב, און ער עסט דאָרטן ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן, און מיך לאָזט ער דאָ אַליין וואַרטן...

ווען זי איז געקומען אַהיים, האָט זי דער דינסט געהייסן דער־לאַנגען מיטאָג, אָבער זי האָט נישט געקענט עסן. יעדער ביסן איז איר געלעגן אין האַלדז.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם זייגער און געזען, אַז עס איז געבליבן אַ האַלבע שעה צום נייעם צוג. זי האָט איבערגעלאָזט דעם טיש ביים ערשטן געריכט און געזאָגט דער דינסט, אַז זי גייט צום וואָקזאַל. דער „הער" וועט געוויס קומען, זי זאָל דעם מיטאָג צו־שטעלן צום פייער.

אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט זי ווידער באַגעגנט זילבער־האָלצן, וועלכער האָט ווידער פאַר איר אַראָפּגענומען דאָס קליינע היטעלע און זי געפרעגט:

— ווידער גייט איר דעם צוג באַגעגענען?

— איך בין זיכער, אַז מיט דעם צוג וועט מיין מאַן געוויס קומען.

— מען טאָר נישט זיין אַזוי זיכער אין די מענער. איר זענט נאָך צו יונג, איר זאָלט זיי קענען גוט.

— מיין מאַן קען איך גוט.

— גלויבט מיר, אַז איר דאַרפט אייער מאַן אויך נישט באַ־שולדיקן. איר ווייסט נישט, עס קומט אַמאָל פאָר, מען באַגעגנט זיך מיט אַ גוטן ברודער, גייט מען עסן מיטאָג צוזאַמען, מען פאַררעדט זיך אַזוי ביי מיטאָג, ווערט שפּעטלעך, פאַרשפּעטיקט מען דעם צוג. פאַלט איין, מען זאָל גיין ערגעץ אין אַ גערטנדל, אָדער אין אַ זומערטעאַטערל, ווו שיינע ליבע נפשות טאַנצן און שפּרינגען. איצטער, זומער־צייט, פעלן נישט קיין מענער אין שטאָט, וואָס זענען פרייע פייגלען אָן די ווייבער, פאַרברענגט מען אַ ביסל. און אַז נישט קיין גערטנדל, קלויבט מען זיך צוזאַמען ערגעץ און מען מאַכט אַ קערטל ביז אין ווייסן טאָג. עס טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן.

גיטל האָט אים אויסגעהערט, נישט אָנרופנדיק זיך מיט קיין איינציק וואָרט און מיט אומגעדולט דערוואַרט דעם צוג מיט דעם

מאַן אָדער אָן דעם מאַן, אַבי זיך באַפרייען פון דעם נודנעם מיאוסן אַלטן בחור מיט די קליינע קעצענע אויגן.
דער צוג איז אָנגעקומען, נאָר אָן איר מאַן, און מיט פו״ע אויגן טרערן האָט זיך גיטל געאײַלט צו גיין אַהיים און זיך נישט באַנעגענען מיט זילבערהאָלצן.
און עס איז שוין געווען פינסטער און גיטל איז געזעסן אַליין אויף דער וואַרענדע לעבן אַ לאָמפּ און געטרונקען אַ גלאָז טיי, ווען זי האָט פּלוצים פון דעם פינסטערן דרויסן דערהערט רופן איר נאָמען: מאַדאַם ליפשיץ.
— ווער איז דאָרטן?
— אַ גוטער אָוונט אײַך, מאַדאַם ליפשיץ! איך בין עס. איך גיי גראַדע פאַרבײַ און זע, ווי בײַ אײַך אויף דער וואַרענדע איז ליכטיק, האָב איך געוואָלט וויסן, צי אײַער מאַן איז געקומען?
— ער האָט מיר טעלעפאָנירט, אַז ער איז שטאַרק באַשעפטיקט און קען הײַנט נישט קומען.
— אָ, מיר קענען די „געשעפטן!" אַ גוטע נאַכט, מאַדאַם ליפשיץ! — האָט יענער געזאָגט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ביימער אין דער פינסטערניש.
— וואָס האָט זיך צו מיר צוגעטשעפעט אָט דער נמאוסדיקער נודנער אַלטער בחור? — האָט גיטל געזאָגט און מיט דער לאָמפּ אין דער האַנט איז זי אַרײַן צו זיך אין צימער.
אַזעלכע „געשעפטס-טעג" האָבן גאַנץ אָפט אָנגעהייבן פאָרקומען בײַ דוד ליפשיצן...
גיטל פלעגט זיך יעדן טאָג אויספּוצן און גיין באַגעגענען דעם מאַן צו מיטאָג, אָבער זייער זעלטן ווען ער פלעגט קומען. יעדן טאָג איז ער געווען „באַשעפטיקט", יעדן טאָג האָט גיטל באַדאַרפט צוזען, ווי אַנדערע ווײַבער גייען פון צוג מיט זייערע מענער צו מיטאָג און זי גייט אַליין, און דער אַלטער בחור און אַנדערע באַקאַנטע ווײַבער האַלטן זי אין איין פרעגן: „אײַער מאַן איז גאָר נישט געקומען?"
דידאָזיקע איינע און דיזעלבע ווערטער, וואָס מען פלעגט זי פרעגן אַזוי ליבלעך און פרײַנטלעך, פלעגן זי שטעכן, ווי מיט גליענדיקע שפּילקעס. מיט טרערן אין די אויגן פלעגט זי זאָגן: „אוי, גאָט, ווי איך ווער דאָ געפּייניקט אויף דער דאַטשע!"

ווען עס פלעגט זיך נאָר לייכטן אויף איר וואַרענדע, פלעגט זי הערן פון דער פינסטער:

— מאַדאַם ליפשיץ! אייער מאַן איז היינט געקומען צו מיטאָג?

דער קול איז איר שוין באַקאַנט און מיט עקל פלעגט זי מוזן ענטפערן אַלעמאָל מיט אַן אַנדער אויסגעטראַכטן תּירוץ.

און נישט איינמאָל פלעגט זי מיט פאַרביטערונג צו זיך זאָגן:

— דאָ איז נישט קיין דאַטשע פאַר מיר, נאָר אַן אינקוויזיציע, ווו איך ווער יעדן טאָג געפּייניקט און מיין האַרץ גליט אויף הייסע קוילן...

גיטלס מאַן, ווען ער פלעגט קומען אויף שבת אָדער אַמאָל אויך אינמיטן וואָך, פלעגט זיך פאַר איר פאַרענטפערן מיט זיינע „געשעפטן", אָבער איר איז נישט גרינגער געוואָרן פון דעם.

• •
•

און עס איז געווען אַ שיינע לויטערע ליכטיקע נאַכט, די מיטן-חודשדיקע לבנה האָט זיך געגנבעט צווישן די הויכע שטאָלצעביימער און זיך אויפגעהייבן אַלץ העכער און העכער און מיט איר ליכטיקייט אַלץ געזילבערט, די וואַרענדעס פון די דאַטשעס און די ביימער. די לופט האָט געשמעקט מיט אַלערליי ריחות, די ביימער האָבן שטיל געדרעמלט, נישט גערירט מיט קיין בלעטעלע. ערגעץ פונדערווייטנס פון צווישן די ביימער האָבן זיך געהערט געזאַנגען און געלעכטער פון יונגע געזונטע קולות. נאָר גיטל איז מיטן לאָמפּ אַליין געזעסן אויף איר וואַרענדע. שעהן-לאַנג איז זי אַזוי אַליין געזעסן, און פון אַזאַ זעלטענער שיינער נאַכט און גוטער לופט האָט זיך נישט געגלוסט אריינגיין אין צימער שלאָפן.

פּלוצים האָט גיטל דערהערט דעם באַקאַנטן קול:

— אַ גוטער אָוונט אייך, מאַדאַם ליפשיץ, אייער מאַן איז היינט געקומען צו מיטאָג?

— איר זעט דאָך, ה' זילבערהאָלץ, ווי איך זיץ אַליין.

זילבערהאָלץ איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער וואַרענדע, נאָכ־אַמאָל געזאָגט: „אַ גוטן אָוונט אייך", דערלאַנגט איר די האַנט און אַראָפּגענומען דאָס קליינע היטעלע.

— עפּעס איז דאָ אַ פּוסטקע... אין אַזאַ אָוונט האָב איך מיט קיינעם קיין וואָרט נישט צו רעדן. מער פּאַר איך שוין דאָ נישט אויף דאַטשע,—האָט גיטל געזאָגט און אָנגעהייבן לויבן די זעלטענע שיינע נאַכט.

* * *

פון אָט דער שיינער נאַכט אָן איז שוין גיטל נישט געזעסן אַליין אויף דער וואַרענדע. דער נמאסדיקער אַלטער בחור איז געוואָרן אַ צו אָפטער גאַסט. ביידע פלעגן אָפטער שפּאַצירן און נאָך עפטערער זיך פאַרבאָרגן אין וואַלד, אין פעלד, אין שטילע ווינקעלעך, ווייט פון מענטשן און מענטשלעכע רייד...

אַ חשבון־צדק.

ווי נאָר די בלעטער פון דיביימער האָבן אָנגעהייבן געלבלעך צו ווערן און ביסלעכווייז אַראָפּצופאַלן און אין די בתי־מדרשים האָט מען אָנגעהייבן צו בלאָזן שופר, האָט זיך מענדל זונדעלעוויטש איינגאַנצן איבערגעביטן. פון קיין זאַך איז מיט אים נישט געווען צו רעדן, אויף אַלץ פלעגט ער אָפּמאַכן מיט דער האַנט. דאָס גליקלעכסטע געשעפט זאָל מען אים דאַן געווען פאָרלייגן, האָט ער אַלץ געענטפערט: „בלאָטע, נישטאָ קיין גליקלעכע געשעפטן!"

מענדל זונדעלעוויטש, זינט איך קען אים, איז שטענדיק אַ געשעפטסמאַן. ער האָט ביי אונדז אין שטאָט אַן איינשטאָקעדיק געמויערט הויז, וווּ ער האָט זיין אייגענעם גרויסן באַקאַליי־געוועלב און די איבעריקע געוועלבער פאַרדינגט ער שכנים.

ער איז שוין אַלט אַ יאָר פופציק, נאָך גאָר אַ געזונטער ייד. די עלטערע קינדער האָט ער שוין חתונה געמאַכט. ער האָט ליב צו לייענען אַ בוך, יעדן טאָג אַ צייטונג. ער האָט ליב געזעלשאַפט, דאָס הייסט: אין פרייער צייט זיין צווישן מענטשן, רעדן וועגן פּאָליטיק, וועגן וועלטפראַגן און דערהויפּט צו רעדן מיט סוחרים וועגן געשעפט.

זיין ווייב, אַ שוואַכע יידענע, איז נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשטאָרבן און ער האָט דעריבער געהאַט פיל צייט צו קומען צווישן מענטשן.

שטענדיק פלעגט ער זיך אַרומטראָגן מיט פאַרשידענע פּלענער, וועגן וועלכע ער האָט מיט יעדן ליב געהאַט צו רעדן. דערהויפּט וועגן זיין איינשטאָקעדיקן הויז, וואָס ער האָט געהאַט פון אַמאָליקע יאָרן, מיט אַ שטאַרקן פונדאַמענט — וויל ער אַרויפציען אַ צווייטן שטאָק; ער האָט אויך געטראַכט וועגן חתונה האָבן און זיך געלאָזט פון שדכנים רעדן שידוכים.

מענדל פלעגט קיינמאָל נישט וווינען אין זיין אייגן הויז, ווייל עס איז געשטאַנען אויף דעם מאַרק. ער האָט נישט ליב געהאַט דעם רעש פון די ירידים, וואָס פלעגן זיך שטעלן אויף דעם פּלאַץ, וווּ זיין הויז האָט זיך געפונען און פלעגט דעריבער שטענדיק וווינען אין שכנות אין אַ זייטיק שטיל געסל מיט אַ גערטנדל. און ער פלעגט זיך אויך אַרומטראָגן מיט אַ פּלאַן — ער זאָל דאָסדאָזיקע הייזל מיט דעם גערטנדל אַמאָל אָפּקויפן פאַר זיך און זאָל פאַרשפּאָרן וווינען אין שכנות.

זיין גרויס באַקאַליי־געשעפט האָט ער שטענדיק בדעה געהאַט צו פאַרגרעסערן, איבערבויענדיק דאָס געוועלב אויף אַ גרויסן מאַגאַזין מיט אַ סך גרויסע גלעזערנע ווענט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אייזערנע לאָדנס, ווי אין די מאַגאַזינען פון די גרויסע שטעט.

מענדל זונדעלעוויטש פלעגט אויך אָפט ריזיקן און מאַכן זייטיקע געשעפטלעך, וואָס געהערן זיך גאָרנישט אָן מיט זיין באַקאַליי־געשעפט, ווי למשל, אַ פּאָדריאַדל, צושטעלן פּראָוויאַנט פאַר דעם פּאָלק, וואָס שטייט אין שטאָט, אָפּקויפן אַלט אייזן מיט בלעך, קויפן אַ וואַלד אויף אויסצוהאַקן און באַלד פון האַנט צו האַנט אים פאַרקויפן און כאַפּן אַ פאַרדינסטל. עס איז כמעט נישט געווען אַזאַ געשעפט אין שטאָט, וואָס מען זאָל עס אים נישט פאָרלייגן און ער זאָל עס נישט מאַכן, און מען פלעגט דעריבער זאָגן אויף מענדל זונדעלעוויטשן, אַז אַלץ איז אים ווייניק, אַלץ וויל ער אַריינכאַפּן און אַז די גאַנצע וועלט איז אים קאַרג.

פלעגן אָבער זיך אָנרוקן די ימים־נוראים פלעגט ער מיטאַמאָל ווערן אַן אַנדער מענטש, און וואָס עס איז נענטער געוואָרן צו ר א ש־ה ש נ ה, פלעגן זיך אַלע זיינע פלענער צעפליען, ווי רויך און ער האָט גאָרנישט באַדאַרפט. אפילו זיין הויז מיט זיין באַקאַליי־מאַגאַזין האָט אים ווייניק אינטערעסירט. אַלץ איז אים געווען ווי איבעריק.

פלעגט אין מאַגאַזין אַריינקומען אַ קאָמיסיאָנער אָדער אַן אויס־לענדישער אַגענט און, ווי דער שטייגער איז, פאָרלייגן אויסצושרייבן אַ ביסל פאַרטיקע סחורה, האָט ער גלייך געענטפערט: „מען דאַרף נישט!"

— סטייטש, ה' זונדעלעוויטש, וואָס הייסט, איר דאַרפט נישט? איר האָט דאָך שוין לאַנג נישט אויסגעשריבן קיין סחורה? שוין־זשע ליגט נאָך ביי אייך נישט קיין פאַרקויפטע סחורה?

— נישט צו פאַרזינדיקן, מען האָט געלייזט, נאָר עס וועט זיין געניג, וויפל עס איז געבליבן.

און דער קאָמיסיאָנער מיט דעם אָגעגט פלעגן אַוועקגיין פאַרוווּנדערט: שטענדיק לאָזט ער זיי נישט אַרויס אָן קיין נייעם „זאַקאַז״, און איצטער? — גאָרנישט! נישט אַנדערש, האָט זיך יעדער ביי זיך געטראַכט, אַז ער וויל אינגאַנצן אָפּשניידן פון געשעפט און אויספאַרקויפן די איבערגעבליבענע סחורה.

איינמאָל, אינאָוונט, ווען ר׳ מענדל זונדעלעוויטש האָט פאַרמאַכט דעם מאַגאַזין און איז אַוועק צו זיך אַהיים, קומט אַריין יודל דער שדכן שטאַרק אויפגעלייגט און מיט אַ ברייטן „גוטן אָוונט״.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, ר׳ יודעל?

— אָ, איך בין צו אייך היינט געקומען מיט אַ סך גוטע נייס. איר וועט אַליין זען, אַז איך זיך נישט ליידיק און אַרבעט געשמאַק פאַר אייערטוועגן. דער שידוך, וועלכן איך רעד אייך מיט דעם ווייבל פון סאָקאָליוקע און וואָס געפעלט אייך אַזוי — איז אויף אַ דרך; איך האָב היינט געהאַט פון דאָרטן אַ בריוו, אַז מען קאָן זיך צוזאַמענפאָרן אָנקוקן און איבערשמועסן למזל וועגן חתונה. איר האָט דאָך געהערט, וואָס פאַר אַ יפת־תּוֹאַר זי איז, פון וואָס פאַר אַ לייטיש אָרט זי קומט אַרויס? און דערצו אויך אַ שיינעם נדן און דערהויפּט אָן קינדער. פאַר אייך איז דאָס אַן אמת גליק. זיי שרייבן, — דערציילט ווייטער דער שדכן, — אַז מען וואָלט זיך אַפילו היינטיקע וואָך געקאָנט צוזאַמענפאָרן, נאָר אַזוי ווי עס גייט צו ימים־נוראים, וועט מען עס אָפּלייגן אויף נאָך יום־כּיפּור און זיי ווילן זיך צוזאַמענפאָרן אי״ה חול־המועד סוכּות. אָט, נאָט לייענט דעם בריוו.

נאָר מענדל זונדעלעוויטש מאַכט אַוועק מיט דער האַנט.

— צו וואָס טויג מיר אַ שידוך טאָן, ר׳ יידל? זאָלן ייִנגערע פון מיר טאָן שידוכים.

דער שדכן איז אונטערגעשפּרונגען פון פאַרוווּנדערונג און פאַרדראָס.

— וואָס זאָגט איר, ר׳ מענדל? איר זענט דען אַזאַ אַלטער ייד? און איר האָט דאָך מיר אַליין געהייסן רעדן דעם שידוך? וואָס־זשע איז פּלוצים אַזאַ איבערקערעניש מיט אייך געוואָרן?

— מאַלע וואָס אַ נאַרישער מענטש רעדט, — האָט ר׳ מענדל געענטפערט קאַלטבלוטיק און אָפּגעהאַקט. — דער מענטש טראַכט וועגן

נייע פלענער, ווען בויען פאר זיך נייע וועלטן און אונטער זיינע פלייצעס שטייט דער מלאך־המות און לאכט פון אים. אט לאמיר זיך ביידע נישט נארן און גאנץ אפן רעדן: אט בין איך שוין אלט 52 יאר און אט קומט ראש־השנה, ווערט מען ווידער עלטער מיט א יאר. א גאנץ יאר איז מען אין רעש, אין געפילדער און א מענטש פארגעסט זיך אזוי ווייט, אז מיר קאן נאך איינפאלן חתונה־האבן מיט א יונג שיין ווייבל, פארגרעסערן מיין געשעפט, בויען נאך א שטאק אויף מיין הויז און נאך א סך פארשידענע פלענער. רוקן זיך אבער אן די ימים־נוראים מיט דעם נייעם יאר, ווער איך צו אלץ אפגעקילט און מען גיט זיך אפ חשבון און מען פרעגט זיך אליין: וואס? צוליב וואס פליט מען, טאראראמט מען און מען וויל איינשלינגען די וועלט? אז וואס א שעה, וואס א טאג, וואס א יאר, ווערט ביי דיר אפגעשניטן א שטיקל פון דיין לעבן, אז באלד, בלייבט שוין גארנישט! אט, למשל, היינט פארטאג, ווען איך בין געגאנגען פון די סליחות און ס'איז נאך געווען פרי צו עפענען דאס געוועלב, האב איך מיר אזוי געשפאצירט א ביסל און געטראכט וועגן מיין גאנץ ביסל יארן, וואס עס איז מיר נאך געבליבן צו לעבן.

— גאט איז מיט אייך, — האט יידל דער שדכן איבערגעשלאגן די רייד, — איר זענט נאך גארנישט אזוי אלט! איר זענט אין די בעסטע יארן. איר זענט, ב"ה, געזונטער פון היינטיקע יונגעלייט און וועט געוויס אויסלעבן זיבעציק יאר. היינט, ווי קומט איר גאר צו טראכטן וועגן אזעלכע זאכן?

— איך האלט מיך, ב"ה, טאקע נישט פאר קיין קראנקן און רעכן טאקע צו לעבן ביז זיבעציק יאר; דאך, ווען עס קומט ראש־השנה און מען שניידט אפ דעם מענטשן א יאר לעבן, מוז זיך א מענטש אפגעבן חשבון, וואס אים בלייבט, און איך האב טאקע געמאכט א חשבון, אז ווען איך זאל אפילו נאך לעבן ביז זיבעציק יאר, בלייבט מיר אויך מער נישט צו לעבן ווי 17 יאר. היינט, פרעג איך אייך, ר' יידל, וואס איז אזוינס, אומשטיינס געזאגט, 17 יאר? איידער וואס, איידער ווען, ביז מען קוקט זיך ארום, פליען זיי אוועק, און אויס — א סוף מיט אן עק! — נישטא מער מענדל זונדעלעוויטש! ווי גלייך ער איז גאר אויף דער וועלט נישט געווען! אט וויל איך אייך ווייזן א נארישן חשבון, וואס איך האב גייענדיק

פון סליחות געמאַכט פון מיינע איבערגעבליבענע 17 יאָר, אָבער עס איז פּאַרט אַ ריכטיקער חשבון — אַ חשבון צדק, וואָס קיין בעל-חשבון קאָן אים נישט אָפּלייקענען אָדער אויך אַ האָר אין אים אַ טעות נישט געפינען: אַט, למשל, פאַר דער דירה מיט דעם גערטל, וואו איך וווין, צאָל איך קוואַרטאַלנע דירה-געלט — בלייבט מיר צו צאָלן פאַר 17 יאָר אינגאַנצן 78 מאָל דירה-געלט, און אַזוי ווי איך האָב ערשט היינטיקע וואָך באַצאָלט פאַר אַ קוואַרטל, איז מיר נאָך געבליבן צו צאָלן 67 מאָל. ווידער האָב איך באַרעכנט, אַז פאַר די געוועלבער און מיין הויז, וואָס געפינען זיך אויף דעם מאַרק און איך פאַהדינג שכנים, צאָלט מען מיר יערלעך, האָב איך נאָך, הייסט עס, צו נעמען סך הכל 17 מאָל דירה-געלט, און אַזוי ווי מען האָט מיר ערשט היינטיקע וואָך באַצאָלט פאַר אַ יאָר, איז מיר נאָך געבליבן 16 מאָל צו באַקומען דירה-געלט.

ר׳ יידל דער שדכן האָט מיט אַ געלעכטערל געוואָלט אים איבערשלאָגן זיינע חשבונות, נאָר ר׳ מענדל האָט זיך נישט געלאָזט.

- שלאָגט מיר נישט איבער, לאַכט נישט פון מיר. דער חשבון איז אַ חשבון-צדק, קיין רעכנמייסטער וועט אין דעם חשבון נישט געפינען קיין טעות אויף אַ האָר. איך וועל אייך נאָך ווייטער זאָגן. אַזוי ווי ס׳איז נאָך געוועוען צו פרי, האָב איך ווייטער געחשבונט: איך האָב אויסגערעכנט וויפל פוד ברויט און פלייש עס איז מיר געבליבן אויפצועסן אין די 17 יאָר, וויפל גאַרניטורן, קאַפּעלושן און שיך איך וועל דאַרפן קויפן אין די 17 יאָר — שטעלט זשע אייך פאָר, אַז לויט מיין חשבון האָב איך צו קויפן נישט מער ווי 17 פאָר שטיוול און בערך 9 קאַפּעליושן, ווייל איך טראָג אַ יאָר אַ פּאָר שיך און אַ קאַפּעליוש — צוויי יאָר. היינט, פרעג איך אייך, ר׳ יידל, זאָגט אַליין, צי לוינט פאַר אַ מענטשן, וואָס בלייבט אים אין זיין לעבן צו צאָלן 67 מאָל און צו נעמען בלויז 17 מאָל דירה-געלט, צי לוינט אים נעמען און חתונה האָבן? איך פרעג אייך, איר זענט דאָך אַ קלוגער ייד: אַ מענטש, וואָס אין זיין לעבן בלייבט אים אויפצועסן מער נישט בערך 100 פוד פלייש (איך עס מער נישט, ווי אַ פונט פלייש אַ טאָג) און 200 פוד ברויט (איך עס מער נישט, ווי צוויי פונט ברויט אַ טאָג), אַ מענטש, וואָס איז אים מער נישט געבליבן אין זיין גאַנץ לעבן אָפּצוטראָגן 17 פאָר שיך און 9 קאַפּעליושן און אַ האַלב טוץ גאַרניטורן, צי לוינט, אַז אַזאַ מענטש זאָל טאָן אַ

שידוך מיט אַ יונג ווייבל און אָנהייבן פירן אַ נייעם טאַראַם אויף דער וועלט? דאָס איז, ר׳ יידל, אַלץ גערעדט געוואָרן, ווען איך, לויט ווי איר טרייסט מיך און לויט מיין חשבון, וועל לעבן גאַנצע 70 יאָר, און ווי איז אָבער דער דין, פרעג איך אייך, ווען איך וועל לעבן ווייניקער? — עס לוינט נישט, ר׳ יידל, די גאַנצע געשיכטע, אומזיסט אייער מי, איך וועל קיין שידוך נישט טאָן!

און וויפל דער שדכן האָט אים נישט געפרוווט איינרעדן, אַז דער שידוך פון סאָקאָליווקע איז אַ גליק פאַר אים, האָט ער זיך אָפגעשאָקלט דערפון מיט הענט און מיט פיס, זאָגנדיק:

— אומזיסט אייער מי, מיין חשבון איז אַ חשבון צדק... סיידן איר וועט געפינען אַזאַ רעכנמייסטער, וואָס וועט כאַפּן אַ טעות אין מיין חשבון, דאַן קאָנט איר ווייטער רעדן דעם שידוך.

און ר׳ יידל דער שדכן האָט געמוזט אַוועקגיין מיט גאָרנישט.

דעסגלייכן, ווען כייקל דער פאָדריאַדטשיק איז געקומען דער־מאָנען ר׳ מענדלען, אַז איצט איז די רעכטע צייט צו באַשליסן וועגן אַרויפּציען אַ שטאָק אויף זיין הויז און אַז באַלד נאָך ימים־טובים איז די בעסטע צייט אָנצוגרייטן ציגל, קאַלך און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן, האָט ר׳ מענדל נישט געוואָלט הערן, זיך אָפּגעזאָגט פון זיין פּלאַן אַרויפצוציען אַ שטאָק, און ווען כייקל האָט אים גע־פּרוווט איינרעדן, האָט מענדל געוויזן דעמזעלבן חשבון־צדק, וואָס יידל דעם שדכן, אַז עס לוינט נישט פאַר אים צו בויען אַ צווייטן שטאָק.

— איר זאָלט מיר מוחל זיין, איר רעדט נאַרישקייטן, ר׳ מענדל, האָט כייקל געפּרוווט ענטפערן.—אָט זעט, פּונקט קעגן אייך בויט שלום פאַרבער אַ ניי פּירשטאָקעדיק הויז און ער איז שוין אַלט עטלעכע און זעכציק יאָר... איר זענט דאָך קעגן אים, קען מען זאָגן, אַ יונגערמאַן!

—וואָס־זשע מיינט איר? איז עס טאַקע אַזאַ חכמה פון אַ מענטשן, קרוב צו זיבעציק יאָר, זיך צו שטעלן בויען אַ פירשטאָקעדיק הויז? אַ גרויסע נאַרישקייט איז דאָס אָדער שלום פאַרבער איז אויף דער עלטער אַראָפּ פון זינען. פאַר וועמען בויט ער עס, פרעג איך אייך? צי וועט ער דען דאַרטן וווינען?

— ערשט נעכטן,—האָט מענדל ווייטער גערעדט,—האָב איך שטאַרק געלאַכט ביי מיר אין האַרצן פון אייער שלום פאַרבער. איך גיי אַזוי פאַרביי זיין נייע געביידע און זע: דער אַלטער שלום, אויסגע־שמירט אין ליים מיט קאַלך, קריכט אַרום אויף די רושטאָוואַניעס און

כאַפּט קוים דעם אָטעם און שרייט און שעלט עמעצן. אַ גוט מאָרגן, זאָג איך, ר' שלום, וועמען שעלט איר עס אַזוי? (אייך מיינט ער עס), די אַרבעטער מיט די סטאָליאַרעס. סטייטש, זאָגט ער, דאָס הויז האָט שוין באַדאַרפט זיין פאַרטיק צוריק מיט צוויי חדשים און איצטער הלוואי עס זאָל פאַרטיק ווערן אין אַ חודש אַרום, און דערווייל גייט אַוועק דער זומער, דער סעזאָן און איך קען נישט פאָרן קיין אויסלאַנד אויף קוראַציע, ווי די דאָקטוירים האָבן מיר טויזנט מאָל אָנגעזאָגט. איך אָטעם קוים. דערצו האָט זיך מיר נאָך צוגעטשעפּעט אַ לעבער־קראַנקהייט. אָט אַזעלכע גזלנים האָבן זיך גענומען אויף מיין לעבן און איך קען נישט פאָרן אויף קוראַציע ביז דאָס הויז וועט אינגאַנצן נישט געענדיקט ווערן!—לאַך איך פון אים און זאָג: איך אויף אייער אָרט, וואָלט צוליב מיין געזונט אַוועקגעוואָרפן זיבן נישט געענדיקטע הייזער און אַוועקגעפאָרן אויף קוראַציע, דאָס לעבן איז טייערער. איך פרעג אייך, זאָגט אַליין, האָט דאָס אַ זין, ווען אַ מענטש האָט נאָך צוויי אָדער דריי יאָר צו לעבן, דאַרף נאָך האָבן אויף זיין גאַנץ לעבן צוויי פאָר שיך אויף אָפּצוטראָגן, אַ פאָר פוד פלייש אויף צו עסן — שטעלט ער זיך בויען אַ הויז ביז אין הימל אַריין — טפו, זאָלן אַזעלכע מענטשן ווערן!

און כייקל פאָדריאַדטשיק איז אַוועק פון מענדל זונדעלעוויטש מיט גאָרנישט...

עס זענען אַוועקגעגאַנגען די ימים־נוראים און ס'האָט גענומען אַ סוף צו מענדלס חשבונות.

עס האָבן זיך אָנגעהייבן די פריילעכע ימים־טובים, און כאָטש מענדל זונדעלעוויטש איז עלטער געוואָרן אויף אַ יאָר און עס איז אים ווייניקער מיט אַ יאָר געבליבן צו צאָלן און צו נעמען דירה־געלט, דאָך ווען ער האָט שמחת־תורה באַגעגנט ביי די הקפות יידל דעם שרכן, האָט ער אים אַ רוף געטאָן און געפרעגט:

— וואָס הערט זיך עפּעס מיט דעם ווייבל פון סאָקאָליוּוקע?

און ווען יידל האָט אים געענטפערט: וואָס זאָל זיך הערן? מען רעדט איר שידוכים...—האָט מענדל זונדעלעוויטש זיך אָנגערופן:

— איר קענט מ י ר רעדן דעם שידוך; דער שידוך געפעלט מיר...

אַ ייד אַן עקשן.

דער האָרבאַטער אָרעמאַן.

פאַר דער שול זענען געשטאַנען אָרעמעלייט, און דערזעענדיק פונדערווייטנס אַ בעל-הבית, וואָס איז מיט דעם יום-כפור-ליכט געגאַנגען מנחה דאַוונען—זענען זיי אים געלאָפן אַנטקעגן און געריסן פון אים נדבות, ביז ער איז געקומען צו דער טיר פון דער שול, וואו ער האָט זיך קוים אַריינגעכאַפּט.

ר׳ ישראל-חיימען האָבן די אָרעמעלייט אויך אַרומגערינגלט און געריסן פון אַלע זייטן. ר׳ ישראל-חיים האָט געגעבן נדבות אויף רעכטס און אויף לינקס און די אָרעמעלייט האָבן אים געוואונטשן אַ גוט-יאָר מיט אַ גוט קוויטל, און ר׳ ישראל-חיים האָט זיי געענטפערט:

— גם אתם, איר זאָלט אויך דערלעבן איבער אַ יאָר און זאָלט מער נישט דאַרפן אָנקומען צו נדבות.

און דערביי האָט ער זיך ביי די אָרעמעלייט געבעטן, זיי זאָלן אים לאָזן דורכגיין אין שול אַריין. ער וועט נאָך פאַרשפּעטיקן צו מנחה, נאָר די אָרעמעלייט האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט און יעדער האָט אים געריסן צו זיך. אין גרויסן טומל האָט אַ פּאָר אָרעמעלייט אָפּגעגאָלטן צו באַקומען פון ר׳ ישראל-חיימען צו צוויי מאָל אַ נדבה. דערהויפּט האָט זיך אין ר׳ ישראל-חיימען איינגעגעסן אַן אָרעמאַן מיט אַ האָרב אויף די פּלייצעס. ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל און אים נישט אָפּגעלאָזט, און ווען ער האָט שוין באַקומען זיין נדבה, האָט ער אים אויך ווייטער נישט אָפּגעלאָזט, זאָגנדיג, אַז עס איז צו ווייניק, מען זאָל אים געבן נאָך אַ פּאָר מטבעות.

— רייסט מיך ניט! —האָט ר' ישראל-חיים זיך געבעטן.—איך וועל אייך יעדן געבן, נאָר לאָזט מיך אָפּ. איך וועל פאַרשפּעטיקן מנחה.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן, די אָרעמעלייט האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט און דער אָרעמאַן מיט דעם האָרב האָט אים אַלץ געריסן ביים אַרבל.

ר' ישראל-חיים, איילנדיק זיך צו מנחה און דערנאָך אַהיים זיך פאַרפאַסטן, איז וואָס ווייטער מער אויפגערעגט געוואָרן אויף די אָרעמע-לייט און האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— לאָזט מיך אָפּ, ברענגט מיך נישט אין כּעס אַריין ערב יום-כּיפּור!

זיין שרייען האָט אים אָבער נישט געהאָלפן.

ענדלעך איז ער אַזוי אויפגערעגט געוואָרן, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן פון גרויס כּעס, און ווילנדיק זיך אַרויסרייסן פון די אָרעמעלייט און נישט קענענדיק דאָס טאָן, ווייל דער אָרעמאַן מיט דעם האָרב האָט זיך צוגעטשעפּעט צו זיין אַרבל, האָט ער אַרויסגעריסן די האַנט, און ווען יענער האָט אים ווידער געוואָלט אָנכאַפּן ביים אַרבל, האָט ער אים געגעבן אַ פּאַטש...

די אָרעמעלייט זענען זיך אַלע צעלאָפן און ר' ישראל-חיים איז אַריין אין שול אַריין.

ווי אָבער ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה און זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט ביים קאָפּ פון גרויס שרעק, און וויפל מאָל ער האָט אָנגעהייבן דאַווענען, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס ער דאַווענט: דער געדאַנק, אַז ער האָט ערב יום-כּיפּור געגעבן אַ יידן אַ פּאַטש, האָט אים אויף אַ מינוט נישט אָפּגעלאָזט און אים געפּלאָגט.

— ווער? איך, ישראל חיים, האָב אַ יידן געגעבן אַ פּאַטש! און נאָך ווען — ערב יום-כּפּור! —האָט ער צו זיך מיט שרעק גערעדט און אָנגעהייבן ציטערן. — ווי קען איך גאָר דאַווענען? עס גייט אַזאַ יום-הדין און איך האָב אַ יידן געגעבן אַ פּאַטש און ער האָט מיר נישט מוחל געווען! ניין, איך וועל אים אויפזוכן און אים בעטן, ער זאָל מיר מוחל זיין.

און ר' ישראל-חיים האָט איבערגעלאָזט די מנחה און אַרויס-געלאָפן פון שול אויפזוכן דעם אָרעמאַן.

און ווען ער האָט דערזען צווישן די אָרעמעלייט דעם יידן

מיט דעם הארב, איז ער אַ גליקלעכער צוגעלאָפן צו אים, אָוועק־געדופן אים אין אַ זייט, אים געגעבן נאָכאַמאָל אַ שיינע נדבה און געזאָגט:

— ר' ייד, איך בעט אייך, איר זאָלט מיר מוחל זיין. איך האָב אייך געגעבן בשוגג אַ פּאַטש...

דער אָרעמאַן האָט צוגענומען די נדבה מיט דאַנק און געענטפערט:

— איך קען אייך נישט מוחל זיין פאַר אַזאַ זאַך...

ר' ישראל־חיימען האָבן זיך אַזש געבויגן די פיס פון אַזאַ ענטפער, און קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס, האָט ער זיך מיט איין האַנט אָנגעשפּאַרט אָן דעם אָרעמאַנס אַקסל און מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ וויינענדיק קול זיך ווייטער געבעטן:

— זייט מיר מוחל, עס איז דאָך היינט ערב יום־כיפור... יעדער ייד דאַרף מוחל זיין דעם צווייטן יידן. גלויבט מיר, אַז איך בין נישט שולדיק... מיין זינד קעגן אייך איז פאָרגעקומען בשוגג... האָט רחמנות און זייט מיר מוחל...

— איך בין טאַקע אַן אָרעמאַן און בין פון יאָרנלאַנג געוווינט יעדן באַלעבאָס צו פאָלגן, נאָר מוחל זיין קען איך נישט, און קיינער קען מיך נישט נייטן...

און מיט די ווערטער איז דער ייד מיט דעם האָרביקן אָוועק־געגאַנגען און פאַרמישט זיך צווישן עולם אָרעמעלייט.

פון שול אהיים.

דעם גאַנצן יום־כיפור האָט ר' ישראל־חיים געדאַוונט מיט האַרץ, געגאָסן מיט טרערן ביי די תפילות און געבעטן דעם רבונו־של־עולם, ער זאָל אים מוחל זיין.

אָבער ער האָט געפילט, אַז גאָט קען נישט מוחל זיין, ווען דער אָרעמאַן האָט עס נישט געוואָלט טאָן.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ גרויסער פאַרברעכער, וועלכן מען האָט נאָר וואָס פון געריכט אַרויס־

געטראָגן אַ שלעכטן משפט, איז ר׳ ישראל-חיים אַרויסגעגאַנגען פון דער שול יום-כיפור פאַרנאַכט נאָך מעריב אָפּדאַווענען.

דער גרויסער עולם דאַוונער האָט פרייליך נאָך תּענית און קידוש לבנה זיך געאײַלט אַהיים. ר׳ ישראל-חיים האָט טריט בײַ טריט, ווי אַ פאַרמשפּטער, זיך אויך געלאָזט אַרויסגיין פון שול.

פלוצים האָט ער דערזען, ווי בײַ דער טיר פון דער שול שטייט דער האַרבאַטער אָרעמאַן, וועלכער האָט געוואַרט, אַז אַ באַלעבאָס זאָל אים נעמען צו זיך אַהיים אָפּעסן נאָכן תּענית.

אַ גליקלעכער איז ער צוגעגאַנגען צום באַליידיקטן אָרעמאַן און געבעטן, ער זאָל גיין מיט אים.

דער אָרעמאַן מיט דעם הארביקל איז גלייך מיט אים געגאַנגען.

אינדערהיים האָט ר׳ ישראל-חיים דעם אורח געזעצט אויבנאָן לעבן זיך, פאַר אים אונטערגערוקט דאָס גרעסטע שטיק פיש, דאָס בעסטע פּערטל עוף, בראָנפן און ווײַן און דער אָרעמאַן האָט מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן, געטרונקען אַלעמאָל לחיים צו ר׳ ישראל-חיימען און אים מיט זײַן ווײַב און קינדער געווונטשן אַ גוט אויסגעבעטן יאָר מיט אַלדאָס גוטס.

ר׳ ישראל-חיים האָט אויך צו זײַן אורח געטרונקען לחיים און אים געווונטשן אַ גליקלעך יאָר.

נאָך דעם בענטשן, ווען דער אָרעמאַן האָט זיך שוין אויפגעהייבן פון טיש, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און געוואָלט אַוועקגיין, האָט ר׳ ישראל-חיים זיך אָנגערופן צו אים:

— איך בעט אײַך, אַזוי ווי עס הייבט זיך אָן אַ נײַ יאָר, זאָלט איר מיר מוחל זײַן, וואָס איך האָב אײַך בשוגג מבייש געווען.

— דאָס קען איך נישט... — האָט דער אורח געענטפערט, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און אַוועקגעגאַנגען.

נאָך די ימים-נוראים.

נישט קוקנדיק, וואָס עס זענען שוין אַוועק די ימים-נוראים און עס האָבן זיך אָנגעהייבן די פריילעכע יום-טוב-טעג: יידן האָבן

געבויט סוכות און געקויפט לולבים, איז אַלץ ר׳ ישראל-חיים אַרומ-געגאַנגען טרויעריק, פאַרזאָרגט און זיך נישט געקענט באַרויקן פון דעם אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן, אַז ווען אַפילו דער רבונו של עולם זאָל אים אין דעם העלפן און מוחל זיין, האָט ער אויך נישט געקענט האָפן.

דעם ערשטן טאָג סוכות, ווען ר׳ ישראל-חיים איז געגאַנגען פון שול, האָט ער ביי דער טיר, צווישן די „אורחים״, ווידער דערזען דעם האַרבאַטן אָרעמען ייד און ער האָט אים איצטער אויך גענו-מען פאַר אַן אורח אויף יום-טוב.

און ווען עס איז געקומען חול-המועד און ר׳ ישראל-חיים האָט אים ווידער געבעטן, ער זאָל אים מוחל זיין, האָט דער אורח געענטפערט דאָסזעלבע, וואָס מוצאי יום-כיפור.

— דאָס קען איך נישט...

ר׳ ישראל-חיים האָט אים געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן און אים מוחל זיין, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן.

אויף די צווייטע טעג יום-טוב, ווען ר׳ ישראל חיים איז גע-גאַנגען פון שול, האָט ער ווידער גענומען פאַר אַן אורח אויף יום-טוב דעם יידן מיטן האָרב.

ר׳ ישראל חיים האָט שוין אָנגעוואָרן די האָפענונג, אַז דער אָרעמאַן זאָל אים מוחל זיין און האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט דערמיט, וואָס ער איז געווען זיין אורח אויף אַלע ימים-טובים.

שמחת-תורה, ווען יידן האָבן זיך, ווי יעדעס יאָר, צוזאַמענגע-קליבן צו ר׳ ישראל-חיימען אין הויז און מען האָט געטרונקען און געטאַנצט אַ „ראָד״ לכבוד דער תורה, האָט דער האָרעבאַטער אָרעמאַן אויך געטאַנצט אין דעם רעדל, נאָר ר׳ ישראל-חיים, כאָטש ער האָט לכבוד התורה אויך געטאַנצט, און געווען טרויעריק.

דער עולם האָט נישט אויפגעהערט זיך משמח זיין, געטאַנצט, געפליסקעט מיט די הענט און געזונגען:

שישו ושמחו בשמחת תורה,

ותנו לכבוד התורה.

פלוצים, ווען די שמחה און טאַנצן איז געווען אין פולן ברען, און דער עולם האָט געשריגן און געקלאַפט מיט די הענט:

— שטאַרקער, יידן! פריילעכער, יידן! — האָט דאָס עקשנות ביי-

דעם האָרבאַטן יידן מיטאַמאָל געפּלאַצט און ער האָט, טאַנצנדיק, אויסגעשריען:

— ר׳ ישראל-חיים, איך בין אייך מוחל! לאָמיר אַלע יידן דער-לעבן איבער אַ יאָר צו טאַנצן מיט דער תורה! איך בין אייך, ר׳ ישראל-חיים, מוחל במחילה גמורה!

ר׳ ישראל-חיים האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט דעם אָרעמאַן, זיך צעקושט און געטאַנצט אינמיטן „ראָד״ פון גרויס גליק און שמחה.

און ביי ר׳ ישראל-חיימען איז שוין איינמאָל געווען שמחת תורה.

צוויי מוטערס.

אינדרויסן איז אַ פראָסט פון צוועלף-פופצן גראַד. עס גייט אַ שניי און דער ווינט טראָגט אים פריי און באַשיט אים איבער די פעלדער און מאַכט בערגלעך, גרויסע און קליינע.

דער צוג גייט פאַרשפּעטיקט מער ווי אַ שעה.

אין וואַגאָן איז אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט. דאָס רוב פּאַסאַזשירן באַשטייט פון דער שול-יוגנט: גימנאַזיסטן, רעאַליסטן, סטודענטן.

נאָך קאַניקול, נאָך די קריסטלעכע ווינטער-ימים-טובים, איילט זיך די שול-יוגנט צוריק צום לערנען.

די גרעסערע פאָרן אליין, אָבער מיט פולע פעקלעך, וועלכע געטרייע אייגענע הענט האָבן איינגעפּאַקט.

מיט די קלענערע שילער פאָרן מיט אייגענע, דערהויפּט מוטערס.

די יוגנט רעדט הויך, לעבעדיק, לאַכנדיק, און פון צייט צו צייט פּאַקעוועט מען אויף די פעקלעך, ווו מען געפינט גוטע זאַכן, היימיש געבעקס, געבראָטן פלייש, זיסע זאַכן.

מען איז זיך איינס דאָס אַנדערע מכבד מיט נאַשעריי און מ'רעדט פריילעך און געלעכטערס הערן זיך העכער און אָפטער...

יידישע יוגנט, יידישע מוטערס געפינען זיך דאָ ווייניק, כמעט גאָרנישט.

נאָר אויף איין באַנק זיצט אַ יידישע מוטער מיט אַ יינגעלע, ער גייט אין דער פאָרם: אַ גרויען פּאַלטאָ און אַ היטל מיט דעם צייכן פון דער גימנאַזיע. אַליין איז ער קליין, – קלענער פון זיינע יאָרן, דאַר, הויך און ביין, מיט אַ בלאַס-קרענקלעך פּנים און מיט אַ קעפּל, וואָס איז פיל גרעסער פון זיין גוף. פון קעפּל קוקן אַרויס

לעבעדיקע אויגן, וועלכע רופן נישט אויף איין אָרט — יידישע לייד־ דיקע אומרויקע אויגן, וועלכע מען באַגעגנט נאָר ביי דערוואַקסענע יידן, וואָס ווייסן שוין דעם טעם פון ביטערן לעבן.

ס'טוט מיר עפּעס אַ ריס ביים האַרצן...

איך טראַכט מיר און בין איבערצייגט, אַז דאָס יידישע קרענק־ לעך גימנאַזיסטל, אַט דאָס קליינע קערפּערל מיט דעם גרויסן קעפּל און לעבעדיקע וואָרפנדיקע אויגן, דאַרף לערנען אויף „פינפן".

מען דאַרף נישט זיין קיין גרויסער טרעפער: גענוג, ווען מען זעט אַ יידיש קינד געקליידט אין אַ שול־פאָרם,—דאָס אַליין באַווייזט, אַז ער וואָלט די פאָרם נישט געקענט טראָגן, ווען ער זאָל נישט גוט לערנען.

אַ יידיש קינד מוז, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, גוט לערנען, — טראַכט איך זיך.

א ן וואַגאָן איז פריילעך, דאָס געזונטע רעדן, געמישט מיט הילכעדיקע געלעכטערס הערט זיך אַלעמאָל פון דער יוגנט, נאָר דאָס יידישע גימנאַזיסטל זיצט שטיל אָנגעשפּאַרט לעבן דער מוטער. עס שוועבט אויף דעם בלאַס פּנימל עפּעס אַ קינדערשער שמייכל, נאָר דאָסדאָזיקע שמייכעלע אויף זיין בלאַס פּנימל קרימט זיך ערגעץ אין אַ זייט. אַזאַ פאַרקרימטן שמייכל קען מען נאָר באַגעגענען אויף אַ טייל פּנימלעך פון יידישע קינדער.

עס זיפצט זיך מיר ווידער. איך קוק אין פענסטער, דער ווינטער־הימל איז וואַסערדיק, און דער שניי פּאַטשט אין פענסטער. דעם ווינטער זע איך, דעם ווינטער פיל איך איצטער אין האַרצן.

מיינע אויגן פאַלן ווידער אויף דעם איינציקן יידישן שילער אין וואַגאָן, וועלכער זיצט ווידער שטיל און רויק אָנגעלענט לעבן זיין מוטער אויף דער באַנק.

אַקעגן זיי זיצט אויך אַ מוטער מיט אַ גימנאַזיסטל פון די־ זעלבע יאָרן, וואָס דאָס יידישע.

איר קינד איז אַ געזונט בחורל מיט פולע רויטע באַקן, מיט אַן איבערגעגעסענעם פּנימל. ער לאַכט, ער שטיפט, זיצט נישט איין אויף קיין אָרט. די מוטער האַלט אים קוים איין לעבן זיך.

פאָרנדיק שוין עטלעכע שעה צוזאַמען, צערעדן זיך די מוטערס.

דאָ רעדן נישט קיין קריסטלעכע און יידישע פרויען, נאָר דאָ רעדן צוויי מוטערס וועגן זייערע צוויי קינדער.

— אין וועלכער גימנאַזיע לערנט אייער קינד? — פרעגט די קריסטלעכע מוטער.

די יידישע רופט אָן די שטאָט, וווהין זי פירט אָפּ איר קינד.

— עס איז מיר זייער שווער, — רעדט זי אויס איר הארץ, — ביי אונדז אין שטעטל איז נישטאָ, ווו קינדער צו לערנען. וואָס זאָל מען טאָן? מוז מען דאָס קינד לערנען אין אַן אַנדער שטאָט, כאָטש עס קאָסט אָפּ דריימאָל טייער, און דערצו מוז מען דאָס קינד איבערלאָזן אויף פרעמדע הענט. מען האָט דען אַן אַנדער ברירה? מען מוז דאָך אַ קינד מאַכן צו לייט...

די קריסטלעכע מוטער טוט אויך אַ זיפץ:

— דאָסזעלבע איז אויך מיט מיין קינד. דאָרט, ווו מיין מאַן דינט, איז נישטאָ ווו צו לערנען קינדער, מוזן מיר אונדזער קינד לערנען אין אַן אַנדער שטאָט. וואָס עס קאָסט אָפּ, ווייסט איר שוין אַליין. און מיינע צרות, וואָס איך טראָג איבער, וואָס מיין קינד איז פונדער-ווייטנס, קען איך אייך נישט איבערגעבן. וואָלט דאָס אַלץ כאָטש נישט געווען אומזיסט, זאָל ער כאָטש וועלן לערנען...

— וואָס הייסט, ווי אַזוי וויל עס היינטיקע צייטן אַ קינד נישט לערנען?

אָט אַזוי, ווי איר קוקט אים אָן, וואָלט ער נאָר געשטיפט און ליידיק אַרומגעגאַנגען... שטעלט אייך פאָר, אַז היינטיקס יאָר איז ער שיעור נישט געבליבן אויף דאָס צווייטע יאָר. ער האָט מער נישט געהאַט, ווי „צווייען" מיט אַ פּאָר „דרייען". נאָר מיין מאַן האָט זיך שוין געסטאַרעט, און מען האָט אים „אַריבערגעפירט".

דאָס יידישע גימנאַזיסטל, דערהערנדיק „צווייען" מיט „דרייען", האָט אויסגעשטעלט זיינע פּאָר אויגן אויף דעם קריסטלעכן גימנאַ-זיסטל, און זיין פאַרקרימטער שמייכל האָט זיך נאָך מער פאַרקרימט...

— און ווי אַזוי לערנט זיך אייער קינד? — פרעגט זי ביי דער יידישער מוטער.

— וועגן דעם? אַ דאַנק גאָט! איך קען זיך נישט באַקלאָגן. מיין קינד לערנט אויף „פינפן", — האָט זי געזאָגט מיט אַ מוטער-שטאָלץ, — אָבער עס קאָסט אים זייער פיל געזונט. איר זעט נישט, ווי בלאַס און אויסגעדאַרט ער איז, נעבעך... ער איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ געזונט, שטאַרק קינד, נאָר דאָס לערנען...

דאָס צווייטע גימנאַזיסטל, דערהערנדיק, אַז ער לערנט אויף

„פינפן״, האָט אויף אים אַ בייזן בליק געגעבן און ווייטער געשטיפט, ווי גלייך נישט אים מיינט מען עס.

— דו הערסט, גרישאַ, ווי אַזוי אַנדערע קינדער לערנען? — האָט זיך די קריסטלעכע מוטער אָנגערופן צו איר זון.

ער האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן אונטער דער נאָז.

— איך וואָלט אוודאי נישט געלאָזט מיין קינד, אוועקליינגדיק דאָס געזונט צוליב „פינפן״. עס וואָלט מיך נישט געאַרט, ער זאָל לערנען אויף „דרייען״ מיט „פירן״, נאָר וואָס קען מען מאַכן: מיין קינד מוז האָבן פינפן...

— האַ! איך האָב געהערט...—האָט זיך די קריסטלעכע פרוי ווי פאַרשעמט. — שוין-זשע מוזן „זיי״ לערנען אויף „פינפן?״

— געוויס, עס העלפן אַמאָל קיין פינפן אויך נישט. וויפל יידישע מוטערס מיט זייערע קינדער זענען דאָס מיך מיט מיין קינד מקנא!

ביידע פרויען האָבן אַ פּאָר מינוט געשוויגן, דערנאָך האָט זיך די קריסטלעכע אָנגערופן:

— איר ווייסט, אַז דאָס, וואָס מען באַגרענעצט אייערע קינדער אין די שולן, קומט אַרויס נאָר אייך אַ טובה... אייערע קינדער לערנען גוט און וואַקסן אויס פעיקע מענטשן, און אונדזערע באַלעוועט מען נאָר, און זיי ווילן דעריבער נישט לערנען. אייערע קינדער ווערן מענטשן און אונדזערע ווערן קאַליקעס...

— עס איז אַ ביסל צופיל. נישט אייערע קינדער וואַקסן אויס קאַליקעס, און נישט אונדזערע—גאונים, נאָר אויב אין אייערע ווערטער איז דאָ אַ ביסל אמת, דאַרפט איר נישט פאַרגעסן, וויפל קינדער בלייבן ביי אונדז צו הויז און וואַקסן אויס אָן אַ שולע, ווייל מען לאָזט נאָר אַ קליינעם פּראָצענט לערנען. וואָס ווערט פון די איבע-ריקע קינדער, וואָס וואַקסט אויס פון זיי? — אַ טראַכט צו טאָן איז שרעקלעך...

ביידע מוטערס האָבן געהאַלטן אין איין זיפצן. די יידישע מוטער דערפאַר, וואָס איר קינד מוז אוועקלייגן דאָס גאַנצע געזונט אויף די „פינפן״, און די קריסטלעכע מוטער,—וואָס איר קינד הערט די גאַנצע שולע ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי, און עס מאַכט ניט אויס ביי אים, ווען ער באַקומט „צווייען״ מיט „דרייען״.

ביידע גימנאַזיסטלעך זענען איצטער געשטאַנען פעסט לעבן זיי-

ערע מוטערס און משונה'דיק־ברוגזדיק געקוקט איינס אויף דעם צווייטן. דאָס קריסטלעכע גימנאַזיסטל האָט געקוקט מיט אַזעלכע אויגן, וועלכע האָבן גערעדט: ווען נישט אונדזערע ביידע מאַמעס זאָלן זיך דאָ גע־פינען, וואָלט איך זיך מיט מיינע געזונטע קולאַקלעך אַרויפגעוואָרפן אויף דעם בלאַסן שוואַכן יידישן גימנאַזיסטל, וואָס „כאַפּט פינפן"... און דאָס בלאַסע יידישע גימנאַזיסטל האָט געקוקט אַזוי, אַז דאָס שטענ־דיקע פאַרקרימטע שמייכעלע אויף זיין בלאַס קרענקלעך פנימל האָט זיך נאָך מער אויסגעקרימט...

ביידע קינדער האָבן שוין איצטער געפילט, אַז איינער איז דער שטאַרקער, דער געזונטער, וועלכן עס איז דערלויבט אַלץ צו טאָן, און דאָס צווייטע קינד האָט געפילט, אַז ער טאָר נישט טאָן, וואָס ער וויל.

שוין אין אַזעלכע קינדעריאָרן אַזעלכע געפילן!...

טרויעריק און ווינטערדיק איז מיר געוואָרן אויף דעם האַרצן, און דער שניי מיט דעם ווינט קלאַפּט און פּאַטשט ווילד אין פענסטער.

אין וואַגאָן הערן זיך געזונטע יונגע פריילעכע געלעכטערס פון דער שול־יוגנט און פון די שול־קינדער.

נאָר דאָס יידישע גימנאַזיסטל—דאָס יידישע בלאַסע דאַרע פנים מיט דעם גרויסן קעפּל, זיצט אָנגעלענט שטיל און רויק לעבן זיין מוטער, און נאָר זיינע ליידענדיקע אומרויקע יידישע אויגן שטייען נישט איין אויף קיין אָרט...

און קאַלט ווערט מיר אין יעדן אבר, אַ ציטער כאַפּט מיך אַרום, און איך פיל, ווי דער ווינטער בושעוועט אין מיין האַרצן...

פאַרלאַג „אחיספר“, וואַרשע.

אַלע ווערק פון יעקב דינעזאָן

פון דאָסניי אַרויסגעגעבן מיט דערקלערונגען און איינלייטונגען.

שוין דערשינען:

I באַנד **הנאהבים והנעימים** אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק
ראָמאַן אין פיר טייל. 356 זייטן.

II באַנד **אבן נגף** אָדער אַ שטיין איי ווער
ראָמאַן אין פיר טייל. 500 זייטן.

III באַנד **הערשעלע** **יאָסעלע**

IV באַנד **פאַליק און זיין הויז** **קריזיס**

V באַנד **וועלטגעשיכטע**
פיר טייל. 640 זייטן.

עס דרוקן זיך און וועלן דערשיינען דעם ווינטער:

VI ב׳ אַרטיקלען און זכרונות וועגן יעקב דינעזאָן

VII ב׳ אַלטער (ראָמאַן). **VIII** ב׳ קינדערשע נשמות

IX באַנד יאָסל אלגעברניק

X באַנד אם הבנים אָדער די שיינע רחעלע (ראָמאַן)

XI באַנד מעשיות בכל יום (ראָמאַן)

או סשליסליכער פאַרקויף: קאָפּעראַטיוו „ביכער“ וואַרשע, נאַלעווקי 2a

פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע

ש. ל. ציטראָן, נייע ביכער:

שתדלנים

אינטערעסאַנטע יידישע טיפּן פון נאָענטן עבר

פּרייז זל.

די געשיכטע פון דער יודישער פּרעסע

פון 1863 ביז 1884 יאָר.

פּרייז זל.

דריי ליטעראַרישע דורות

כאַראַקטעריסטיקעס און זכרונות וועגן ייד. שריפטשטעלער

פערטע טייל. פּרייז

משומדים

טיפּן און סילועטן פון נאָענטן עבר.

דריטע און פערטע טייל. פּרייז

אויסשליסליכער פאַרקויף: קאָפּעראַטיוו „ביכער" וואַרשע, נאַלעווקי 2a